מעשה אלפס

אווירקליכע הערצליכע ליעבע

צוא דעם איינציגען, וועלכען מען דארף ליעבען.

איינינע שצענעס, וואונדער-שיינע פארשטעלונגען, וועלכע מוזען ווירקען אויף דעם כאראקטער פון דעם לעזער, ער וועט — וויא איך מיין — ווישען גאנץ-אפט דיא אויגען פון טרערען, ווייליע-וויים פון לאכען, ווייליע-וויים פון וויינען, דיזע ביידערלייא טרערען, וועלען אבער גוט זויבער אויסוואשען זיין הערץ פון מאנכע פערדארבענהייטען.

הלל אומר הוי מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה (אבות פ״ב)

הובא לביה״ד על ידי

בן-ציון בהר״ר ירמי׳ עקיבא זצ״ל אלפס מווילנא.

צווייטע טהייל.

ווילנא

שנת ארדף שלום לפ״ק

МААСЕ ИЛЬФЕСЪ.
Нравоучительныя наставленія. Соч. Б. Альфесса.
Часть II.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и бр. Роммъ. Уголъ Духовскаго и Глухаго пер. соб. д. № 1315.
1901.

Дозволено цензурою 6 Апрѣля 1901 г. Вильна.

פאר-רעדע.

עס איז שוין צייט, דיר – מיין ליבער זארגאנישער לעזער – צו ענטוואה-נען, געווענג שוין פאר דיר צוקער-לעקאכלאך, דער פון מאכט מען נור קיילע די ציינער, אונ עס קלייבט זיך פון דעם אינערליך ווערים. דוא ברויכסט שוין אנ-הייבען צוא געניסען געזונטע שפייז, וועלכע פאסט פאר פאלקאמע מענטשין. דרום ביטע איך דיר גיין מיט מיר האנד ביא האנד, איך וועל דיר פיהרען אויף דעם לעבענס-באן אין פארשיידענע גרויסארטיגע שטעלען, איך וועל דיר פארשטעלין בילדער פון לעבין. אבוואל דו וועסט דא ניט זעהען קיין טיראנישע בילדער וויא אין די פוסטע ראמאנען, נור אלעס איידעלע, מילדע אונ צארטע, דאך פארזיכער איך דיר, אז דוא וועסט ניט ווייניגער פארגעניגען האבין וויא פון די פינסטערע ראמאנען. דוא וועסט דא פילייכט באגעגענען אייניגע הארטע אויסדריקע אונ קריטיקען, וועלכע וועלין דיר צום אנפאנג ניט אזוי גוט שמעקין (אויב דוא בינסט אנגישמעקט מיט דעם דוך פון ראמאן-צוקער), דאפיר אבער שמעקין זייא מיר זייער גוט, אונ איך בין פון זייא העכסט צופרידען. אונ איך בין פעסט אין דער האפענונג אז מיט דער צייט וועלין זייא דיר אויך גוט שמעקין. אונ דאפיר וואס איך אפפער מיין צייט (אהנע האפפענונג אויף קיינע בעלאהנונג) צו שרייבין פילע זאכין וואס דוא ווילסט, דארפסטו אויך לעזען וואס איך וויל.

נור בעפאר מיר קומען צום וואגזאל פון לעבענס-באן, וועל איך דיר ערציילין אגילעכטער וואס עס גיבט דוראקעס אויף דער וועלט, אנארישער סקאנדאליסט האט זיך (ניט באטראכטענדיג) איין געשמירט דיא געזיכט אין סאזע, נאכהער איז איהם פארגיקומען אריין צו גיין אין אַרייכע הויז וואס פונקט אנטקעגין טיר איז גישטאנען אגרויסער טריומא-שפיגעל, אבליק טוענדיג אין שפיגעל זעהט ער וויא עס גייט אריין אמענטש אויס געשמירט אזויא דיק אין סאזע, פארדריסט דאס איהם זייער: "וויא קומט אזא מנוול צוא זיין אין אזא גרויסארטיגע הויז"! איז ער גיווארין מלא חמה, אונ גייט איהם אנטקעגין מאכין אסקאנדאל. חלעבין וויא ער הייבט אויף אהאנט זעהט ער אז יענער איז אויך קיין טרום ניט אונ הייבט אויך אהאנט, דא האט ער שוין זיין פארדרוס ניט גיקענט אריבער טראגין, אונ איז צו גילאפין האסטיג, אונ אראפ גילאזין יענעם אפאטש. פלוצלונג איז ער ערשראקין גיווארין אונ האסטיג ארוים גילאפין פון זאל

זאל. — אויף געווים ווילסטו וויסין וואס דער נארישער סקאנדאליסט האט זיך דא אזויא פלוצלונג ערשראקין פאר יענעם? דאס איז גאר איינפאך, ווייל פריער האט ער נור גיהאט צוא טאהן מיט איינעם, אונ איינער אויף איינעם וויים ער אלע מאהל אז ער איז מנצח. אבער דא האבין זיך איהם פלוצלונג געוייאוועט נאך פיר אזעלכע העלדין (ווייל ער האט מיטין פאטש צוא בראכין דעם שפיגיל אויף 5 שטיק) איז ער אנטלאפין קוים מיטין לעבין, דיא פינף זאלין איהם ניט צוא מאלין אויף אש. נוא, וואס זאגסטו אויף דעם דוראק! ? (מען ערציילט דאס אפילו נאר אויף איין באק מיט הערנער, נור עס מאכט נ׳ט אויס, ווייל עס גיט מאנכע דוראקעס וואס האבין ניט מער פארשטאנד פון אבאק).

אזעלכע דוראקעס (אדער בעק) באגעגענען מיר פיהל, אז מען שטעלט זייא פאר אשפיגעל (שריפטליך אדער מונדליך) זייא זאלין אין איהם זעהען זייערע פעהלערין אום אב צוא וואשין זיך דעם שמוטץ אונ אויס בעסערין זייערע פיהרונגען, וועסטו הערין בעת זייא גייען ארויס פון שוהל (דאכט זיך מיט גרויס התפעלות פון דער דרשה) וויא זייא זאגין: אט האט ער (דער דרשן) זייא גוט גיגעבין! ער האט זייא גוט גידעקט, גוט גיצוואגין דיא קעפ", וועמען? דעם אונ דעם, אלץ יענעם אבער איהם חלילה וחלילה, ניט איהם מיינט מען דאס. ריכטיג וויא דער באק וואס מיינט אז דיא הערנער וואס ער זעהט אין שפיגיל איז דאס ניט זיינע נור אצווייטינס. אונ עס גיבט נאך מאנכע שוטים, אז ווען אפילו דער דרשן אדער דער לעהרין בוך חאפט איהם, נור איהם פאר דיא צופרינעס, שפירט ער אלעס ניט, נור ער זאגט אז מען מיינט דאס יענעם אונ יענעם. ריכטיג וויא דער חכם זאגט (משלי כ״ז) אם תכתוש את האויל במכתש בתוך הריפות בעלי לא תסור מעליו אולתו, ד. ה. אויב דוא וועסט שטויסין דעם דוראק אין אשטופע מיט גאגאלאך צוא זאמען, הגם ער באקומט גוטע קלעפ אין קאפ, קוים איז גאגאלאך אויך דא אין שטופע, זאגט ער אז ניט איהם מיינט מען דאס, נור דיא גאגאלאך. צו איהם איז קיין אנדער מיטיל דא, נור דיא שטופע זאל זיין ריין, עס זאל זיך איין גאגעלע ניט געפינען, דאן וועט ער ערשט פארשטיין, אז דיא קלעפ וואס ער וועט חאפין מיינט מען נור איהם, ד. ה. אז אין שוהל בעת דיא דרשה זאל קיין מענטש ניט זיין נור ער אליין, דאן וועט ער ערשט מערקען אז דער מטיף האט איהם גימיינט.

אה, וואס פאר א שלעכטע פריכטע ברייגגט דיא דומהייט וואס דער מענטש זעהט ניט זיינע פעהלערין ווען אפילו מען מערקט איהם אן, אונ מיינט אלעס אז ער איז פיין, אונ אלע פעהלערין איז נור ביי יענעם. עס איז זייער נייטיג צו דער גיין דעם ווארציל, פון וואנען דיא קראנקהייט נעמט זיך, אום מיר זאלין קענען וויא ווייט מעגליך איהר אויס קורירען.

דיא זאך איז גאר איינפאך, מיר קענען עס יעצט באטראכטען גייענדיג צום
וואנזאל. דוא זעהסט מיין טהייערער, וויא עס לייפען מענטשען איינע נאך דיא
אנדערע מיט קלומקעס, אזעקיל פון הינטען (אפין פלייצע) אונ אזעקיל פון פארינט,
גיוואונליך יעדער טראגט דעם גרעסערן אונ שווערן זעקיל פון הינטען, אונ דעם
קלענערין פון פארינט (אזויא קומט אויס גרינגער צום טראגען), אונ דיא פאסאזירער וואס
לייפען איינע נאך דיא אנדערע קומט אויס יעדערין צו קוקען אויף זיין איינגענעם
קליינעם קלומיק, אונ אויף דעם צווייטינס גרויסן קלומיק. דאס איז אריכטיגער
בילד פאר אונז מענטשין וואס מיר אלע לייפין (אני רץ והם רצים כו׳, ברכות כ״ח) אונ
יעדער האט אויף זיך 2 קלומקעס איינעם פון מעלות (גוטע מדות אונ מצות) אונ איינעם
פון חסרונות (שלעכטע זאכען אונ עבירות), בייא דעם ערליכען מענטשין איז דער גרעסערער
פעקיל פון מעלות אונ דער קלענערער פון חסרונות, אונ בייא דעם שלעכטין איז
פארקעהרט, דרום קומט אויס ביין פרומען אונ ארינטליכען מענטשין דער גרוי-
סער פעקיל מעלות פון הינטין ד. ה. אנדערע זעהען זיינע מעלות אונ לויבין
איהם (יהללך זר ולא פיך), אבער ער אליין זעהט נור זיינע חסרונות (וחטאתי נגדי תמיד)
אונ אויף דעם אנדערין זעהט ער נור מעלות. דרום האלט ער זיך קליין אונ
יעדערין גיט ער כבוד (נבזה בעיניו נמאס ואת יראי ה׳ יכבד), ווייל ער רעכינט יעדערין
העכער פאר זיך. אבער דער כסיל וואס זיין פעקיל חסרונות איז מעהר פון
זיינע מעלות, קומט איהם אויס דיא חסרונות פון הינטין אונ דיא מעלות פון
פארינט, פארגעסט ער גאר אן זיינע פיל חסרונות, אונ קוקט נור אויף זיינע
עטליכע מעלות, אונ רעכינט דעם צווייטין אויך אזוי קומט איהם אויס צו קוקען
אויף יענעמס חסרונות. דרום איז ער בייא זיך האפערדיג אונ האלט זיך
שטענדיג העכער אונ קליגער פאר אלעמען, ווייל אויף יענעם זעהט ער נור
חסרונות אונ אויף זיך נור מעלות, דרום איז גאר גיט דורך צוא בלאזין זייער
שטאלץ, זייא קענען זיך ניט פארשטעלין וויא גרויס זייא זיינען, אונ דער צווייטער
איז בייא זייא גאר נישט. אה! וויא דום זייא זיינען אז זייא באטראכטין גאר ניט
אז זייער פיהרונג אליין איז אריכטיגער בעווייז אויף זייערע נידעריגקייט (אז
זייערע מעלות זיינען גאנץ ווייניג, אונ זייערע חסרונות זיינען גאנץ שווערע פעק).
וויא דיא חכמי התלמוד זאגין סימן לגסות הרוח עניות דתורה, ד. ה. ווען דוא
זעהסט אז איינער איז האפערדיג בייא זיך איז אגוטער בעווייז אויף זיין ארימ-
קייט אין דער תורה. אויך זאגט דער תנא איזהו מכובד המכבד את הבריות
דער מענטש וואס שעצט אלע מענטשין איז עס אגוטער באווייז אז ער איז ווערט
כבוד. — אונ דיא זעלבע לעהרע לערינט אונז אויך דיא ריינע נאטור, ווען מיר
גייען ארוים זומער שפאצירען וואו תבואה וואקסט, זעהען מיר פיל זאנגען
האלטין

האלטז ארָאפ גיבויגין דיא קעפ , אונ מאנכע שטייען שטאלץ אונ פערריסען דיא קעפ , דיא אורזאך פון דעם איז גאנץ איינפאך, דיא זאנגען וועלכע זיינען פוהל מיט גוטע קערנער האלטין אראפ גיביינין דיא קעפלאך , אבער די פוסטע זאנגען האלטין פארריסין די קעפ . דאס גלייכין דער אדעלער מענטש וואס זיין מוח איז פול מיט וויכטיגע גידאנקען גייט בכובד ראש , אבער דיא פוסטע מוחות גייען בקלות ראש*) (לייכטזיניג).

יעצט מיין ליבער לעזער , אז מיר האבין זיך שוין ערקונדיגט פון וואגען די קראנקייט פון האפערדיגקייט נעמט זיך , אז דאס איז נור פון די פוסטע לייכט-זיניגע מוחות, וועט דיר שוין לייכט זיין אוים קורירען זיך פון דעם. אונ אז דו וועסט קוקען אין מיין שפיגעל וואס איך שטעל דיר פאר , אונ וועסט זעהען פלעקין (אין דיין פיהרונג) זאלסטו וויסין אז די פלעקין איז ניט אין שפיגעל , נור אויף דיין בילד ווייל נור דיין געזיכט זעהסטו אין שפיגעל, דרום זאלסטו זיך סטאראייען גלייך אויסוואשין דעם פלעק פון דיין פיהרונג . אונ זאלסט וויסין אז אשפיגעל איז זייער אטייערע זאך, ווען ניט דער שפיגעל מי יודע וויפיל שטויב אונ שמוטץ עס וואלט אן וואקסין אויף אונזער געזיכט , אונ מיר וואלטין ניט געשפירט, נור דער שפיגעל ווייזט אונז גלייך ארויס דיא ווארהייט , אונ אז מען וויים אז מען האט פלעקין סטאראייעט מען זיך אויס וואשין , דרום מיין טהייערער לעזער קוק גאנץ אפט אין מיין שפיגעל . אבער ניט חלילה וויא יענער דוראק, וואס האט גיגעבין יענעם אין באק. נור וויא איין חכם וואס פארשטייט וואס אשפיגעל בעדייט , וועסטו געפינען חן בייא גאט אונ לייט .

---

*) ועו"ד צחות יש לכוין בזה המדה כנגד מדה מה שהעולם נידון בפסח על התבואה (ר"ס פ"ז). יען כי חמץ רומז על גסות הרוח כעין שאור שמתנפח (עס בלהזט זיך) ומצה רומז על הפשיטות והתמימות (ענוה) ואם אנחנו מבערין השאור מבתנו היינו יצרא דגאוה שהוא תועבת ה' ונלך בכובד ראש אזי השי"ת נותן ברכה על פני האדמה והשבלים מלאות וטובות וכפופים ראשם לארץ , לא כן אם ימצא חלילה שאור בגבולנו המחמיצנו ונלך בקלות ראש (יען כי גבהו בנות ציון ותלכנה נטויות גרון) אזי העונש ג"כ מדה כנגד מדה ויהיו השבלים צנומות דקות שדופות קדים ונטויות גרון , כעין בעלי גאוה .

א. דער פירטער בריעף.

לאבי מורי, הודי והדרי, שלום וברכה.

מיט גרויס פערגעניגען ערגרייף איך דיא פעדער אב שילדערין דיר אלעס וואס האט מיר פאסירט דיזע וואך, דיא זוהן פון הצלחה האט מיר גישיינט אויף מיינע אלע טריט, אונ איך האב אראפ גישטיגען פון דער סצענע וויא איין העלד, אונ אום דיר פיל פריידע צוא פארשאפען, ערציילע איך דיר אלעס פאדראבנא.

וויא איך האב ערהאלטין איין איינלאדונגס קארטע אויף דיא האכצייט, צום ה׳.... האבין אן גיפאנגען מיינע גידאנקען צוא שטרייטין אין מיר, פון איין זייט שרייט אשטימע: גייא ניט! ווייל דוא וועסט ניט האבין אזויא פיל גידולד איבער צוא טראגין דיא נארישע צערעמאניע וואס איז ניט נאך דעם וואהרען יודישען גישמאק, אונ דוא וועסט ניט זיין אים-שטאנדע אויס צוא בעסערין, וועסטו נור בלייבין בייא הערץ שמערצין׳, פון דער צווייטער זייטע דונערט איין העכערע שטימע: „ניט אומזיסט האט דיר השי״ת באגאבט מיט אזא ספאסאב-נאסט צוא באלעבין פארשמאכטע זעלעס מיט דיינע זיסע אונ פריינדליכע רייד, דארום האסטו קיין רעכט ניט זיך צוא ענטזאגען, פיל דוא וועסט קענען אויס בעסערין איז זייער טייער בייא השי״ת״, אונ נאך איין לאנגען ישוב הדעת האב איך גירעשעט צוא גיין, איך האב זיך ארינטליך אן גיקליידעט, אונ בין אוועק גיפאהרין אין זאל פ. ....

דער זאל וואהר צוא געצירט זייער רייך, דיא בופעטין זיינען גיווען צוא געריכט מיט דיא שענסטע אונ בעסטע שפייז אונ פרוכט, אשיינער ארקעסטער מוזיק האבין זייער הערליך געשפילט, מחותנים זיינען צונויף גיפאהרין גרויס-ארטיג גיקליידעט, דא נעמען זיך שיטין קאוואלערין מיט פריילינס מיט דיא ווייסע האנדשין, פעכערס אונ בלומען, אז עס פארשיינט אונ פארבליצט דיא אויגען, אונ מען שפאצירט איבערין זאל, איך גייא אויך ארום הין אונ צוריק איבערין זאל, איך הער אין דעם ווינקיל אמאזירין זיך העררי מיט דאמען, אונ מען פאסט זיך צוא, יעדער הער איין דאמע מיט וועמען צוא טאנצין, אין צוויי-טין ווינקיל זיצין פראנטין אונ האלטין איין ראזגאוואר וועגין יענע פריילין וואס האט יעצט ערשיינט אין אבאלאווע קלייד, וואס פאר אקאמפלימענט איהר צוא מאכין, וויא עס פאסט פאר איהר באלאווע קלייד? אדער וויא פאר איהר טאטין

דעם

דעם שכור ? אונ קענען נאך עד היום ניט רעשענען דעם וואפראס , אונ דא גייט ארום דער בדחן אגישטאפטער אינדיקיל מיט אברייטין קערקיל אונ בלאזט זיך , אונ אלע ווילע לייפט ער צוא דיא פראנטין אונ קערט וועלטין , ווארום זיינען זייא מבטל דיא צייט אין שמועסין אונ גייען שוין ניט טאנצין , ער איז ניט קיין מקפיד , עס מעגין זיך צוא זאמען פארין א פערד מיט איין קוה , אבי אקערביל דער צוא .

עס וועט נאך פיל דויערין ביז דער חופה ? פרעג איך דעם מחותן .

נאך צוויא שטונדין , וואהר זיין אנטווארט , ווייל מיטין פאיעזד דארף קומען איין וויכטיגער מחותן , וואס ער וואהר דיא גאנצע קאפ פון דער שמחה .

מיין טהייערע ! זאגט צו מיר דער מחותן , מיר האבין גיהערט , אז איהר זייט אים-שטאנד צוא פארשאפין פארגעניגען איין גיעהרטע פובליקע מיט אייערע קלוגע רייד , פארלאנגען מיר צוא האבין דיא עהרע הערין עטוואס , אונ צוא פארברייגנען אין פערגעניגען , ביז דער צוג וועט אן קומען .

מיין גרעסטער וואונטש איז צוא דינען מיינע טהייערע ברידער מיט וואס נור איך פייהיג בין , — וואהר מיין אנטווארט .

בעפאהר איך האב אן גיהייבין מיין גישפרעך , פרעג איך ביא מיינעם אבעגאנטין אויף איינגע הערין אונ דאמען וואס דרייען מיטין עק וויא דיא פאוועס , אז עס איז גאר ניט דורך צוא בלאזין זייער שטאלץ .

דיזע פריילין איז איין ארימע קינד איין זעמסערקע , דער פאטער איז איין ארימער פורמאן , זיא פארדינט 2 רו"כ אוואך , דארף זיא זיך פון דעם שפייזין אונ קליידין , אונ דיזע איז דאס גלייכין איין קרעמערקע , אונ דיזע איין שטריקערקע פון גאנץ ארימע עלטערין , אונ דיא קאוואלערין זיינען אויך פון ארימען שטאנד , מיין גאט! גיב איך אזיפץ פון גרונט הארצין , אה ! וואס פאר איין מאסקירטע וועלט עס איז !

איך זאג מיר שטילערהייד מיט גרויס כוונה דיא קורצע בקשה יהי רצון שיהיו דברי נשמעים לעבודתך , ד. ה. עס זאל זיין דאביי דער ווילען פון השי"ת אז מיינע רייד זאל זיין גיהארכזאם , צוא נייגין דיא הערצער צוא גאטעס ליבע דוא זאלסט מיר געבין א גלאטע זיסע אויס שפראכע מיינע ווערטער זאלין עפענען די הערצער פון די גיעהרטע פובליקע, אריין טריפין אין זייא אהבת תורה ויראת שמים , וויא פאר דיר פאטער אין הימיל איז אנטפלעקט מיין ריינע הארץ , אז מיין קריטיק איז ניט חלילה צוא שענדין דיין הייליגע פאלק, נור צוא צוריכטין אגוטין מעדיצין (אגוטין אב פיהרונג) אציסצין דעם שמוטץ , אונ אראפ נעמען דיא בעלמעס פון דיא אויגן, ערלייכטין זייא צוא זעהען דיא אמתע וועג על פי

התורה

התורה והמצוה, אונ מיט דעם האב איך באקומען מוטה, אונ אן גיהייבין מיין רעדע.

ב. דער וואלף מיט דיא פראנטין.

מיינע טהייערע שוועסטער אונ ברידער, איך וועל אייך ערציילין א אינטערעסאנטע געשיכטע וואס איך האב צוא גיזעהען ביי מיין יעצטיגע רייזע, נור איך פארלאנג גוט איין צוא הארכין, ווייל פון איהר קען מען פיל זיטין לערנען, דיא געשיכטע וואהר אזויא.

פאהרינדיג מיט פאצט דורכין וואלד פ... איז מיט אונז גיפאהרין אחזן מיט העלפער.— דא אין וואלד איז אגוטע גילעגענהייט איך זאל מיר אויס פרובין מיין שטימע, — רופט זיך אויס דער באס — ער (דע' באס) זאל איהם צוא קיין גנאי ניט זיין, האט גיהאט אשטימע עהנליך צוא איין אלטין באק, וויא ער האט זיך זא פארנאנדער געשריען אויף דיא הויכע טענער, הערין מיר אשטארקען רוישונג אין וואלד, מיר קוקין זיך ארום הין אונ הער, וויא ערשטוינט זיינען מיר גיוואהרין זעהענדיג, אז עס לויפט אגרויסער וואלף, אפין דיא מויל, אויס גישטארצט דיא ציינער, אונ גלייך צום חזנ'ס בויד, מיר האבין זיך זייער ערשראקען, אונ איבערהויפט דער באס, אז עס איז פון איהם פשוט אש גיווארין, נור דער חזן וואהר איין גרויסער העלד, ער שפרינגט אראפ פון בויד, אונ שטעלט זיך שטאלץ אנטקעגין דעם וואלף, אונ הייבט אן פריער מיט גוטין „שלום עליכם ר' זאב, וואס גוטס וועט איהר זאגין"?

„ליבער הער קאנטער"! אנטווארטעט דער וואלף, — איך בין שרעקליך הונגעריג, איך גייא ארום אין וואלד, אונ הארך טאמער וועל איך דער הערין עפעס אקול פון אשעפעלע אדער אציקעלע, וויא ערפרייט בין איך גיווארין, אז איך האב דער הערט אשטימע פון אבאק, עס איז מיר גיווארין ליכטיג אין דיא אויגען, דרום ליבער הער קאנטאר גיט מיר ארויס דעם באק וועל איך אנטלייפין פון אייך.

ליבער ר' זאב — שפריכט דער חזן מיט אגרויסין גילעכטער, — איהר האט אגרויסין טעות גיהאט, דאס האט גאר מיין באס געשריען.

ליבער ה' קאנטאר, — שפריכט דער וואלף מיט צאהרין — אייערע המצאות וויל איך גאר ניט וויסין, איך וייס מעהר ניט וואס מיין פאטער האט מיר איבער גיגעבין, בעת השי"ת האט גיבענטשט נח'ן ארויס גייענדיג פון תבה מיט דיא ווערטער ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ ד. ה. אייער פארכט זאל זיין אויף אלע ווילדע טהירע פון דיא ערדע, אונ האט אונז חיות שטרייגג

פארבאטין

פארבאטין מיד כל חיה אדרשנו, אז ער וועט אויפפאדערין דיא בלוט פון מענטשין פון אלע ווילדע טהירען, האבין מיינע עלטערין גיבעטין ביא השי"ת, ער זאל זייא געבין סימנים מיט וואס לייכט צוא דערקענען איין מענטשין, זייא פארשפרייטין זיך דאך אויף דעם גאנצין ערד קוגיל, וואס זיא איז באדעקט מיט פארשיידענע ברואים, איז דאך אויף יעדער אונבעקאנטע בריאה קענען מיר מיינען אז דאס איז אמענטש, אונ מיר וועלין ליידין הונגער אומזאנסט. וויל אין דער ווארהייט איז דאס ניט קיין מענטש, אונ מיר האבין ערלויבענעס איהר צוא רייסין, אום צוא שטילין אונזער הונגער. אונ מאנכע מאהל קען טרעפין פאר-קערט, ווען אוואהרער מענטש ווערט פאר איהרט אויף איין וויסטין אינזיל פון נור חיות רעות, אונ זיין נויט ברייננגט איהם מיט אן צוא טאהן זיך אין אציגען פעל (וויא ראבינזאהן אפין אינזיל), קענען מיר מיינען אז דאס איז אציג, אונ איהם צוא רייסין, אונ פאר זינדיגען אונזערע יאהרין.

"דיזען סימן זאלט איהר האבין פון אמענטשין ביז איין בהמה", — וואהר דער אנטווארט פון הקב"ה, אין דיא 4 קלאסין דצח"ם*) וואס איך האב באשאפין אויף מיין וועלט, זייט איהר חיות דיא דריטע קלאסע, ד. ה. איהר זייט נור "בעלי חיים" אבער דער מענטש איז דיא העכסטע קלאססע "מדבר" (רעדנער), אויב איהר הערט פון איהם דיא שטימע פון אמענטשין טארט איהר זיך אן איהם ניט אן רירין, אזויא האט מיין זיידע איבער גיגעבין צוא מיין פאטער, אונ מיין פאטער האט מיר אזויא גילערינט, היינט אז איך הער אז זיין שטימע איז ניט פון קיין מענטשין, נור פון איין באק, האב איך פראוו מיט איהם צוא זעטיגען מיין גרויסין הונגער.

ליבער ר' זאב, — שפריכט דער חזן, — איהר קענט זיך דאך איבערצייגין אז דאס איז אמענטש, וויל ער גייט גיקליידעט וויא א מענטש.

וועגין דיא איבערצייגונג פון קליידונג, — ענטפערט דער וואלף, — האב איך שוין מיט איאהר צוריק גיהאט א דיספוט (וויכוח) מיט אגאנצין דארף בויערין, ביז וואנען עס איז אן גיפאהרין דער גראף פון שטעטיל, אונ האט מסכים גיוועזן אז איך האב רעכט.

דיא געשיכטע וואהר אזויא — זאגט וויטער דער וואלף, — פאהריגען

*) דומם, צומח, חי, מדבר. "דומם" הייסט, אלע שטומע, אונבעוועגליכע זאכין צום ביא שפיעל: שטיינער, ערד, ניט זייא וואקסין אונ ניט זייא ריידין. — "צומח" הייסט אלע שפראצענדע זאכין, דהיינו גראז, בוימער. — "חי" הייסט אלע לעבעדיגע זאכין. — "מדבר" (רעדנער), דאס איז דער מענטש, וואס דורך דיא נשמה וואס השי"ת האט אין איהם אריינגיבלאזין, האט ער גיקראגין איין "רעדע גייסט" (כמו שתרגם אונקלוס ויהי האדם לנפש חיה, לרוח ממללא).

:אווינגאד האט זיך מיר אויך פאסירט אזא סלוציייא, איך האב אפאר טעג ניט גיקראגין קיין שפייז, איך בין ארום גילאפין ארום דיא דערפער, פיליייכט וועל איך עפעס חאפין, אונ האב צוא מיין גרויסין אונגליק קיין זאך ניט גיטראפין, מיט אמאהל הער איך לעבין אדארף גענז סאקאצען, איך דער פרייא זיך אונ רעכין אז פארנויט וועל איך האפין אגאנז, פארטרייבין מיין גרויסין הונגער, איך לייף צוא נאהענט, איך זעהע עס שטייען אגאנצע שטאדע בויערטעס אוים גיפוצט אין עסיג אונ אין האניג, אונ סאקאצען וויא דיא גענז, איך האב מיר מיין פאטערס סימן צוא ערקענען ווער אמענטש איז, ווען דיא שטימע אונ דער ריידין איז וויא אמענטש, אז איך הער אבער דא, אז עס איז גאר ניט גירעדט וויא מענטשין ריידין, ד. ה. איינער זאל ריידין גילאסין, אונ אלע הארכין צו, דא אבער סאקאצען אלע, איינע הערט ניט דיא אנדערע, אונ נאך אנאנד, פונקט וויא אסטאדע גענז, חאפ איך מיר איינע פאר דיא שלעפע פון הינטין, אונ וויל לייפין מיט איהר אין וואלד.

קוים האב איך נאך ניט אוספיעט ארוים לייפין פון דארף, אז עס חאפט יך דאס ארוים איין יונגער קאוואלער, אונ גיט אויף מיר אדונער מיט זיין שטימע, „דוא בלינדער צארט! זעהסטו ניט אז דאס איז מענטשין, וויא קומסטו צוא רייסין מענטשין"!?

מיט וואס זעה איך דאס מענטשין? ענטפער איך, ווערליג דעם סימן וואס מיין פאטער האט מיר איבער גיגעבין איז דאס גאר גענז.

דוא אונפארשעמטער וואלף! הער איך אדאנערשטימע פון אצווייטין קאוואלער, וויא קומסטו אזויא צוא באליידיגען דאמען דוא אונגעבילדעטע באשעפענעס, דוא האסט זיך גאר ניט גילערינט וויא אב צו געבין דאמען רעכט?

בייא דיזע רייד איז אן גיפאהרין דער גראף פון שטעדטיל מיט זיינע 2 גרויסע יאכט הינט, די הינט האבין מיר אחאפ גיטאן אונ גיטראגין אין דער לופטין גלייך צום גראף, דיא קאוואלערין פאלין דעם גראף צוא דיא פים, אונ ערציילין איהם די געשיכטע דעם מארדטהאט וואס איך האב גיוואלט טאהן, אונ איבערהויפט וואס איך האלט ניט פון דאמען רעכט.

בכריעה והשתחויה בין איך גיפאלין דעם גראף צו דיא פים, ער זאל מיר ניט פאר משפטין, בעפאהר ער וועט אוים הערין מיינע טענות, אונ ער האט מיר איין געוויליגט מיט דעם באדינג, אויב איך וועל מנצח זיין דעם וויכוח, וועט ער מיר געבין אגוטין מיטאג, אז ניט וועל איך נעבאך זיין אמיטאג צוא זיינע הינט.

דוא אונוויסענדער וואלף! שרייט דער גראף, וויא אזויא האסטו דאס ניט

קיין

קיין בעגריף אין דאמען רעכט, וואס דאס ווייסין פיל בעלי חיים, ווארום האסטו זיך ניט גילערינט קיין דרך ארץ ביין האן? הגם ער האט אסך ווייבער, אונ דארף זייא ניט חנפענען זייא זאלין איהם ליבין, פון דעסטוועגין איז צוא באט־ראכטין, אז בעת ער ראמאנסירט מיט זיין געליבטע, דרייט ער זיך הערום ארום איהר, אונ לאזט אראפ זיין פליגיל צוא דער ערד, מיט דעם גיט ער איהר האַ־פענונג אז ער וועט איהר קויפין אשטאט קלייד מיט אשלעפע ביז דער ערד (עירובין ק: ובינגא ליך זיגא כו׳) אונ דוא ביזט אזויא פארגרעבט, אונ הייבסט גאר ניט אן צו־ווייסין קיין אנהייב פון דאמען רעכט.

וויא פארהונגערט אונ ערשראקען איך בין גיוועזן, — שפריכט דער וואלף, האב איך מיר גיפאסט מיטה צו געבין אנטוואָרט אויף אלעס, אויף די ערשטע פראגע, ווארום האב איך מיר ניט איבערצייגט פון דיא קליידער אז עס איז מענטשין? וואהר מיין אנטוואָרט אז עס איז אגרויסער אירטהום וואס כמעט אלע דאמען דייגקען, אז די גאנצע מענטשהייט ליגט אין די קליידונג, אונ די וואס איז שענער אונ גרויסארטיגער גיקליידעט, איז גרויסארטיגער אונ וויכטיגער, דיזער גרויסער אירטהום האט אזויא ווייט מיט גיבראכט, אז לא די וואס פון דעם איז גרויסע באנקראטין אונ גזלות, קומט נאך מאנכע מאל פון דעם גרויסע מארדין, וואס יונגע קינדער ערמארדען זיך זעלבסט מיט דיזען ארט, איין ארימע מיידיל וואס איהר פארדינסט איז זייער ווייניג, אונ זיא דארף זיך שפייזין פון דעם, קארגט זיא אזויא ווייט אונ פאר מארעט זיך, זיא קומט אב מיט 3 קאפ׳ ברויט אטאג, אונ צירקילט אויס אז עס זאל איהר בלייבין העלפט שכירות אויף מאדעס, אונ אלע נארישקייט, ווייסע הענצקעלאך אונ אלע ווילע איבער מאכין דיא היטעלע, אפעכער אונ פודרע, ביז וואנען זיא ווערט אב גישוואכט, אונ אז זיא האט חתונה בלייבט זיא נאכהער אגרויסע בעל חוב פינף טענדלערקעס וואס איינע וויים ניט פון דיא אנדערע, עס קומט אזויא ווייט אז אנדערע האבין קיין כח ניט אויס צוא טראגין אקינד. אה! דוא פארפלוכטע מאדע! דוא ווילדע טהירע! דוא מענטשענפרעסערין! שרייא איך מיט מיין פארביטערטע שטימע, איהר אונשולדיגע שעפעלאך (יונגע דאמען אונ פריילינס) פאלט אונטער דיא שארפע נעגיל אונ ציינער פון דיא פארפלוכטע מאדע פיהלע מעהר וויא דיא ציקלאך אונטער אונזערע וואלפישע ציינער*).

אונ

---

*) עס וואלט גיוועזן זייער אפיינע זאך, אז אונטער דיא אלע וואלטהאטין וואס אונזערע אדעלע דאמען האבין אויפגיטאהן וועגין זייערע ארימע ברידער אונ שוועס־טער. זאלין זיי אבראפצייען ווניסאניע וועגין דיזען וויכטיגען וואלטהאט, היינו צונויף ריידין זיך מיט פיהל גרויסארטיגע רייכע דאמען אוועק צוווארפין דעם לוקסוס אונ דיא

מאדעס

און וויא האלסטו, מיין וועלוועלע? זאגט דער גראף, מיט וואס דען באשטייט דיא עהרע פון איינע דאמע, אז ניט וויא מיט איהרען שיינעם אנצוג?

ניין, ניין! גאר ניט מיט דיזע דומהייט, אנטווארטעט דער ארימער וואלף, נור מיט איינע אנדערע וויכטיגע זאכין. — זאג מיר אויך מיט וואס? פרעגט דער גראף

מאדעס, און גיין איינפאך גיקליידעט אן סאמעט און זיידינס, וואלטין זייא מיט דעם גירעטעט אונזער פאלק פון פיל אונגליקען, ווייל דער גימיינער נאראד שטרעמט אלעס נאך צו טאהן דיא רייכע דאמען פון הויכין קלאס, און פון דעם שטאמט גרויסע אונגליקען, דאס ערשטע בלייבין זייא (דיא גימיינע מענטשין) אן כחות נאך לייפינדיג דיא מאדע, וויא צום ביישפיל, ווען אפויערשער פערדיל וויל נאך האלטין אפאר גוטע אויס גירוהטע פערד וואס אגראף פאהרט ארויס שפאצירען, פארשטייט זיך דאך אז ער בלייבט אן קרעפטין, און קען זייא ניט נאך האלטין. דאס צווייטע איז ווען אונזערע שכנים זעהען וויא אידישע טעכטער גייען ארויס גרויס ארטיג גיקליידעט, רעכענען זייא גאר ניט אויס, אז אונטער דעם סאמעטענעם מאנטיל און זיידענע קלייד ליגט אגרויסער אברייטער דלות, זייא רעכענען נור פארקערט, אז דיא קליידונג איז אזוי רייך, הייגט וויפיל בלייבט נאך אין טאש, און דאדורך ציהען מיר ארויף אויף זיך פיל קנאה און שנאה און צרות גאר אן איין שיעור.—און דאס וואלט מעהר ניט גיוועזן שווער נור דער אנפאנג, נאכהער וואלט שוין דאס אוועק וויא אמזמור. און מיט דיזע קליינינקייט וואלטין זייא גירעטעט זייערע ארימע ברידער און שוועסטער פיהל מעהר וויא מיט זייערע אלע וואלטהאטין, און דאס פאלק וואלט זייא האבין אימער צו גידיינקען, וויא דער תלמוד (כתובות ח:) דערציילט אויף דעם תנא רבן גמליאל הנשיא, אין זיין צייט וואהר די מאדע ביי אידין צו מאכין אגרויסע צערעמאניע ביי הוצאות המת לקבורה, היינו תכריכין זיידענע און בלומען קראנצין, און נאך אזעלכע זאכין וואס פלעגט אב קאסטין אמייגע געלט, אז דיא שווירינקייט פון באערדיגונג איז גיוועזן ביי די פאמיליע ערגער וויא דער צער פון זיין שטארבין, און אנדערע ארימע פאמיליען פלעגין לאזין דעם נפטר און אנטלייפין. וויא דער נשיא האט באטראכט אז דיזע מאדע (הגם איהר יאדרע איז זייער אטייערע, זיא פארפלאנצט אין נאראד דיא אמונה פון השארת הנפש מיט תחית המתים, דאך אבער) פארשאפט זיא גרויסע אונגליקען אפין ארימען נאראד, איז ער ארויס דער ערשטער און האט גילאזין צוואה, אז מען זאל איהם באערדיגען גאנץ איינפאך אין פשוטע תכריכין אן בלומען קראנצין, און פון דענסטמאהל אן איז בטל גיווארין דיא צערעמאניע, דערציילט דער תלמוד אז עס איז גיווארין איין מנהג ביי אידין, קומענדיג פון בית עולם פלעגין דיא מנחמים אויף הייבין אכוס יין צום גוטין אנדיינקונג פון דעם הייליגען מענטשין וואס האט גירעטעט דעם נאראד פון דיא גרויסע יסורים וואס זיי האבין געליטין פון דער מאדע.—דיזע גוטע לעהרע מעגין נעמען אונזערע וואלטהעטיגע דאמען אין גידאנקען, און סטארייען זיך איהר נאך צוטאהן, און ווען ניט האב איך מורא צו זאגין אז די הויכארטיגע דאמען וואס פארברייטערין דעם לוקסוס און מאדעס, ערמארדען זייא דעם ארימען נאראד מיט זייער רעכטע האנד, האטשיא מיט די לינקע האנד טוען זייא פיל צדקות און וואלטהאטין, און מען קען זייא חלילה פארגלייכין צו אמאהליגע וועלט-באנדיטען וואס מיט דיא רעכטע האנד האבין זייא מארדטהאטין פארשאפט, און מיט דיא לינקע האנד האבין זייא זיך געוויזין פאר גרויסע מתנדבים כו׳ כו׳.

גראף, איך בין עס נייגעריג צו הערין, ווייל אבוואהל וויא רייך איך בין שפיר איך אויך פון מיין פאמיליע דעם ווייטאג פון דיא שארפע ציינער אויס דיא פארפלוכטע מאדע.

איך וועל אייך דערציילין ליבער הער — אנטוואָרטעט דער ארימער וועלווועלע – מיין פאטער האט מיר ערציילט, אז זיין עלטער עלטער זיידע האט גיהאט דיא עהרע צוא זיין אבאדינער (ווייל ער האט דאך גיהערשט איף חיות אונ אלע ברואים) אין טאנצזאל ביי שלמה המלך (בעת ער האט מגייר גיוועזן דיא טאכטער פון מלך צור, אונ גינומען איהר פאר איין פרויא), האט ער גיהערט וויא די משוררים בני קרח האבין גיזונגען אליד לכבוד המלך והמלכה, דיא מלכה איז דאן גיגאנגען אין אקלייד פון טהייערע זיידינס גיקעסטילט מיט גאלד, אונ גיזעצט מיט בלומען אונ בריליאנטין, וואס דאס וואהר איינס אין דער וועלט, פון דעסטוועגין האבין דיא קלוגע משוררים ניט באזונגען דיא רייכקייט פון איהר קלייד, ווייל זייא האבין גוט פארשטאנען אז אין דעם ליגט קיינע עהרע*), ווייל דאס קען באהייבין יעדער שפלה דאמע, ווען זיא באקומט נור געלט מיט רעכט, אדער מיט אונרעכט, וויא איין ווירטהין פון איין עפענטליכע אונפארשעמטע הויז, קען זיא זיך שוין מאכין אטייערע קלייד, אשיינע הוט וויא איין פאווע, אדער נאך

*) עהרע פאר שיינע קליידונג אונ ציהרונג, קומט נור וואיענע מענטשין וואס זייער פארמע ווייזט אויף זייער צין, אונ דיזעס האט מען זייא גיגעבין (ניט אליין גינומען) פאר זייער פארדינסט, אדער וויא עס האט זיך געפיהרט פארצייטין ביי די גרויסע מענער, אז מאנכע פרויען-ציהרונג איז זייא ניגעבין גיוואָרין נאך זייערע גוטע מעשים, וויא דער תלמוד ערציילט (ירושלמי שבת פ"ו) אז דער גרויסער תנא ר' עקיבא האט גימאכט זיין פרויא רחל'ן איין תכשיט „ירושלים דדהבא" (אזא מין גאלדענעם ציהרונג. גיגראווירט דיא פאטאגראף פון אונזער הייליגע שטאט ירושלים צוא טראגין אפין קאפ) האט דאס גיזעהען דיא פרויא פון דעם נשיא רבן גמליאל, אונ האט פארלאנגט פון איהר מאן (דעם נשיא) ער זאל דאס איהר אויך מאכין, האט ער איהר גיענטפערט, איך האב קיין רעכט ניט דיר דאס צוא מאכין, ווייל דיינע מעשים קומען ניט צו רחל'ס מעשים, רחל האט אזויא ווייט געליבט תורה, אז אינבאיהרע שלעכטע צייטין האט זיא ניט גיוואלט שטערין איהר מאן פון תורה לערנען, אונ איז צופרידען גיוועזן צו לעבין אין ארימען אופן, זיא האט מאנכע מאהל זיך אב גישארין איהרע שיינע לאנגע האר, אונ פארקויפט, אום דורך צו לעבין אונ ניט שטערין איהר מאן פון תורה לערנען, זיא האט גאר ניט געקוקט וואס זיא שטאמט פון אזעלכע רייכע עלטערין וויא כלבא שבוע (איינער פון דיא בארימטע מיליאנערין אין ירושלים), איהרע פערגעניגען אונ ציהרונג איז גיוועזן איבערהויפט דער קרוין פון דער תורה (כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים) דארום נאכהער אז ר' עקיבא איז רייך גיוואָרין האט ער איהר גימאכט אזא ציהרונג וואס האט גיפאסט צוא איהרע מעשים, אבער צאסטנע מענטשין וואס קליידין אונ ציהרען זיך וויא זייא אליין ווילין, ניט נאך זייערע גוטע מעשים נאך, היינט וואס פאר א עהרע קומט זייא?

נָאךְ לַייכְטֶער גֶעמֶען ,עס אויף פְּרִיוַאט , אוּנ ווִיא זִיא הָאט דָאס בַּאקוּמֶען אָן מִיהֶע , זָא ,קֶען זִיא ,עס מָארְגִין פַארלִירֶען גָאר נִיט גֶערִיכְט .

פַאר וָואס דֶען קוּמְט ,עהְרֶע ? פַאר אַזֶעלְכֶעס , וָואס דֶער מֶענְטְשׁ ,עְרְוֶוערְבְּט זִיךְ מִיט זַיין מִיהֶע , בִּיז וַואנֶען ,ער שַׁאפְט זִיךְ דָאס אַיין פַאר אַיין אֵייגֶענְטְהוּם , אַז ,קֵיינֶער זָאל ,עס נִיט ,קֶענֶען פוּן אִיהְם אַוֶועקְרוֹיבִּין , צוּם בַּייא שְׁפִּיעל , ווִיא חָכְמָה , גוּטֶע זִיטִין , גוּטִין אֵיידֶעלֶען חַארַאקְטֶער , ווִיא צוּ שֶׁעטְצִין ,יֶעדֶער מֶענְטְ-שִׁין , בַּאטְרַאכְטִין ,יֶעדֶערִין גְרֶעסֶער פוּן זִיךְ , הִיטִין אוּנ שֶׁעצִין ,יֶעדֶערִינְס כָּבוֹד , אַרַיין גֵיין אִין דִיא פָּאלָאזֶענְיֶע פוּן אַרִימֶע אוּנ גֶעדְרִיקְטֶע , ווִיא צוּא בַּארוּהִיגֶען זֵייא פוּן זֵייעֶר נוֹיטְה בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד , זֵייא זָאלִין נִיט פַארְשֶׁעמְט וֶוערִין , אוּנ דָאס גְלַייכִין פוּן גוּטֶע אֵיידֶעלֶע זַאכִין , וָואס דִיזֶע לֶעהְרְנוּנְג אוּנ אַיינְשַׁאפוּנְג אִין זִיךְ קָאסְט ,גְרוֹיסֶע מִיהֶע , אוּנ ווִיא ווַייט דִיזֶע דַאמֶע גֵייט גִיקְלֵיידֶעט אוּנ גֶעצִיהְרְט אוֹיסֶערְלִיךְ , זָאל אַלְץ אִיהְרֶע אִינֶערְלִיכֶע צִירוּנְג , ד. ה. אִיהְר גוּטִין חַארַאקְטֶער מִיט אִיהְרֶע גוּטֶע זִיטִין אַרִיבֶּער שַׁיינֶען אוּנ גְלֶענְצִין , דָאס אִיז דֶער לִיכְטִיגֶער גִידַאנְקֶען פוּן זֵייעֶר שִׁיר (כל כבודה בת מלך פנימה) , דִיא אִינֶערְלִיכֶע שְׁמוּק אוּנ עֶהְרֶע , ד. ה. אִיהְר גוּטִין הַארַאקְטֶער אוּנ מִדּוֹת טוֹבוֹת וָואס גִיבִּין אִיהְר ,עֶהְרֶע שְׁטַייגִין פִיהְל מָאהְל אַרִיבֶּער (ממשבצות זהב לבושה) פוּן ,דִיא טַייעֶרֶע גִיקֶעסְ-טִילְטֶע אִין גָאלְד וָואס זִיא אִיז אָן גִיקְלֵיידֶעט אוֹיסֶערְלִיךְ .

אָבֶּער נִיט ווִיא אִיהְר אוּנְוִויסֶענְדֶע פְּרֵיילִינְס , וָואס שְׁמוּקֶען זִיךְ אוֹיס ווִיא דִיא גְרֶעסְטֶע גְרַאפִינֶעס , אוּנ הָאבִּין דֶער צוּא נָאךְ אַזַא נִידֶערִיגֶען חַארַאקְ-טֶער , אֲפִילוּ גֶעגִין זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערִין , צוּם בַּייא שְׁפִּיעל , וֶוען דִי מוּטֶער זָאגְט צוּא אִיהְר: „מַיין לִיבֶּע קִינְד הַיינְט אִיז נִיט ,קַיין שֵׁיינֶער וֶועטֶער , טְהוּא נִיט אָן דִיא טְהַייעֶרֶע קְלֵייד , דָאס אִיז דָאךְ דַיין גַאנְצֶער יום טוב , אוּנ אִין אַזַא וֶועטֶער וֶועסְטוּ פוּן אִיהְר מַאכִין בְּלָאטֶע" , גִיט זִיךְ מַיין פְרַיילִין אַנְרוֹיסִין ,קְרִים ,קֶעגִין דִיא מוּטֶער אוּנ זָאגְט צוּא אִיהְר: „שְׁוַוייג שׁוֹין שְׁוַוייג שׁוֹין פַאנֶע , וֶוער פְרֶעגְט בַּייא דִיר" ! אוֹיךְ בַּייא אַיין אַנְדֶער צוּפַאהְל , וֶוען זִיא זָאגְט אִיהְר : „וֶועהֶע מַיין ,קִינְד וַאס זִיךְ נִיט אוֹיפִין שְׁפַּאצִיר בִּיז 2 בַּייא נַאכְט , אוּנ נַאכְהֶער בִּיזְטוּ שְׁלֶעפֶּערִיג אַגַאנְצִין טָאג בַּייא דַיין אַרְבֶּעט , אוּנ וָואס דַארְפְסְטוּ מֶען זָאל ,רֵיידִין אַרוּם דִיר , אַז דוּא שְׁלֶעפְּסְט זִיךְ אַרוּם גַאנְצֶענֶע נֶעכְט מִיט שַׁארְלַאטַאנֶעס , גְלוֹיבּ מִיר מַיין קִינְד , וֶוען אִיךְ הֶער אַרוּם ,דֶעם ,רֵיידֶענְדִיג צוּא גֵייט אִין מִיר מַיין הַארְץ פוּן שְׁמֶערְצִין" , גִיט דִיא אוֹיס גִיפוּצְטֶע פְרַיילִין ,דֶעם גְרוֹיסִין גִישְׁרֵייא אוֹיף דִיא אַלְטֶע מוּטֶער מִיט דִיזֶע וֶוערְטֶער: „אוֹיף דִיר לְהַכְעִיס וֶועל אִיךְ הַיינְט קוּמֶען זֵייגֶער דְרַייא" , אוּנ גִיט אַקְלַאפּ מִיטִין טִיר אוּנ גֵייט אַוֶועק , אוּנ הִיט טַאקֶע אִיהְר וָוארְט צוּא קוּמֶען נָאךְ דְרַייא אַזֵייגֶער , אוּנ דִיא מוּטֶער זִיצְט גֶעבַּאךְ אוּנ וֵויינְט אוּנ בְּרֶעכְט

מִיט

מיט דיא הענט: גוואלד וואס טהוט מען מיט מיין נארישע טאכטער, וואס פאר־שטייט גאר ניט וויא אונגליקליך זיא מאכט זיך׳, אונ אזעלכע געפינט מען טויזענדער וואס ערשיינען אויף דיא בולווארין מיטין גרעסטין קיראז וואס זייערע עלטערין האבין זייא גילאזין צוא הויז ברעכענדיג דיא הענט אונ גיסין טייכין טרערין*) — אדער דיא דאמען וואס זיינען שוין אין אייגענעם רשות, אונ צירען זיך אויס צוא אבשטאטין וויזיטין אין גיזעלשאפט, אונ דארטין ווערט אויס גיפ־לאפילט, אונ באליידיגט פיל ארינטליכע אונשולדיגע מענטשין, גלויב מיר אז דיא קליידונג אונ דיא ציהרונג אויף אזעלכע דאמען האט אצורה ריכטיג וויא נזם זהב באף חזיר, א־אלדענעם נאז־באנד אויף דיא נאזע פון אשווין, וואס לא די עס באציהרט איהם ניט, ציהט עס נאך ארוף אויף איהם מעהר האס, נוא מיין הער איז שוין אראיה פון דיא קליידונג אז דאס איז אמענטש?

בראוואָ! בראוואָ! — האט דער גראף אויס געשריען ענטציקטערהייט, — גלויב מיר ליבער. וועלוועלע, איך האב דאך שוין גילעזין פארשיידענע איבער־

*) דער תלמוד (קדושין ל״א) ערציילט מען האט גיפרעגט בייא דעם תנא ר׳ אליעזר עד היכן כבוד אב ואם, וויא ווייט דארף אמענטש שעטצין עלטערין? האט ער זייא גיענטפערט, לאמיר באטראכטין וויא אומות העולם פיהרען זיך, איינער פון די רומיים זיין נאמען וואהר דמא בן נתינה (אבריליאנטין הענדלער) זיינען גיקומען דיא חכמים צוא איהם קויפין ברילינאנטין צום אפוד פון כהן גדול וואס איז איהם גישטאנען אין דעם מסחור צוא פארדינען גאר אמיינגע געלט, איז גראדע זיין פאטער גישלאפין אונ זיינע פיס איז גיווען אויס גיצויגין אויף דיא קיסטע וואס דארטין איז גילעגין דיא ברילינאנטין, האט ער גילאזין פאלין דעם גרויסין רווח, אום ניט צו וועקין דעם פאטער. אונ ווידער האט פאסירט ער איז גיזעסין אין רומישען פארלאמענט אן גיטאהן אין אקלייד גיוועבט פון גאלד, איז גיקומען זיין מוטער (וואס פלעגט איהר צייטענוויים חאפין איין טירוף), אונ האט איהם גישפויגין אין פנים אונ אראפ גערייסין דיא קלייד פון איהם, אונ לא די וואס ער האט איהר ניט פארשעמט האט ער איהר נאך דערלאנגט איהר טוך וואס איז אראפ גיפאלין פון איהר, בכדי זיא זאל זיך ניט דארפין בייגין אויף הייבין. דארפין מיר זיך ניט שעמען? אונזערע חכמים וואס האבין זיך געהיט ניט נאך צו טאהן די טהאטין פון אנדערע אומות. ווען זייא האבין אבער גיזעהען אגוטע מדה האבין זייא גילערנט אפילו פון אנדערע אומות, מיר וואס מיר קוקען נאך מיט זיבין אויגין נאך צו טאהן, נור וואס אונזערע שכנים טוען, אם ענדע צוא אגוטע מדה ווילין מיר זיך ניט לערנען פון קריסט, אה! גוואלד געשריען וויא אונפארשעמט מיר זיינען, וויא שעצט אקריסט זיינע עלטערין אונ אונזערע פריילינס וואס ערשיינען אויף דיא בולווארין מיט אזא קוראזש, וואס פאר אונכבוד זייא גיבען זייערע עלטערין, נור וואס איז דער חדוש פון וואנען זאל מען קריגען אידילקייט אז מען וויל נאר ניט אביין קוקין אין איין אידעשין לערין בוך וואס פון דארטין וואלט מען שעפין פיל גוטע לעהרונג, אונזערע פריילינס האבין זיך אריין גילאזין אין דעם במאטאווען ליטעראטור (דיא נארישע ביכלאך) וואס דיא לעזער גייען אריין אין זייא מיט ניסט, אונ גייען ארויס וויסט.

זֶעצוּנגֶען פוּן דֶעם פְּסַלְתִּיר (תה״ים), אוּנ הָאבּ נָאךְ נִיט גִיפוּנֶען אַזאַ צִימְלִיכִין אוּנ וַואהְרִין בַּאדַייטוּנג אוֹיף דֶעם גִיזַאנג פוּן דִיא קְלוּגֶע מְשׁוֹרְרִים בְּנֵי קֹרַח, פַאר גֶעווִיס אִיז דָאס דֶער וַואהְרֶער בַּאשַׁיידוּנג.

אוּנ אוֹיף דַיין צְוַוייטֶע פְרַאגֶע מַיין ה׳ גְרַאף, וָואס אִיךְ הַאלְט נִיט פוּן דַאמֶען רֶעכְט, אוּנ לֶערְנִין זִיךְ נִיט אָב פוּן הָאן, וִויא דִיא פוּסְטֶע פְרַאנְטִין אוּנ קַאוַואלֶערִין — זָאגְט ר׳ וֶועלְוֶועלֶע — דוּא הָאסְט רֶעכְט מַיין הֶער, זֵייא הָאבִּין דֶעם גַאנְצִין דַאמֶען רֶעכְט גִילֶערִינְט, נוּר בַּייא דֶעם הָאן, הַיינְט מַאכְט עֶר אָקָאמְפְּלִימֶענְט צוּא דִיא אוּנ בַּאלְד צוּא דִיא אַנְדֶערֶע, עֶר אִיז קַיין מַקְפִּיד נִיט, דֶער פוּסְטֶער פְרַאנְט אִיז כִּמְעַט אִין אַלֶעס גְלַייךְ צוּם הָאן, מִיט זַיין בִּילְדוּנג אוּנ מִיט אַלֶעס. נוּר אֵיין זַאךְ אַרְט מִיר, דֶער הָאן טְרַאגְט נִיט קַיין זֵייגֶער אוּנ דֶער פוּסְטֶער פְרַאנְט טְרַאגְט יוֹא אַזֵייגֶער, צוּא וָואס בְּרוֹיכְט עֶר אַזֵייגֶער? — עֶר בְּרוֹיכְט דֶען צוּא טְהֵיילִין זַיינֶע שְׁטוּנְדִין אוֹיף לֶעקְצְיָאנֶען, דִיא פָּאר שְׁטוּנְדִין אוֹיף דֶעם לִמּוּד, אוּנ דִיא אִיבֶּערִיגֶע צַייט אוֹיף אֵיין אַנְדֶער לִמּוּד? דַאכְט זִיךְ עֶר אִיז לֶעהְר פוּן אַלֶע לִמּוּדִיוֹת אוּנ ווִיסֶענְשַׁאפְטִין, זַיין גַאנְצֶער רַעיוֹן אִיז אָב גִילֵיינְט נוּר צוּם לִמּוּד פוּן דַאמֶען רֶעכְט, מִיט אַלֶע שְׁפִּיטְצְלַאךְ, הַיינְט וָואצוּ בְּרוֹיכְט עֶר אַזֵייגֶער?

יַא יַא דָאס אִיז זֵייעֶר אַגְרוֹיסֶע פְרַאגֶע, פִילַייכְט הָאסְטוּ גִיהֶערְט אוֹיף דֶעם אֵיין אַנְטְוָוארְט? פְרֶעגְט דֶער גְרַאף.

דִיזֶע פְרַאגֶע אִיז אַמָאהְל פָארְגִיקוּמֶען אִין אַסֶעסְיָאן פוּן קְלוּגֶע טְהִירֶע (חַיוֹת), הָאט אֵיין אַלְטֶער פוּקְס גִיעֶנְטְפֶערְט גַאנְץ אֵיינְפַאךְ, דֶער פוּסְטֶער פְרַאנְט בְּרוֹיכְט אַזֵייגֶער נָאךְ מֶעהְר וִויא אַלֶע גֶעבִּילְדֶעטֶע, וַוייל בַּייא אִיהְם אִיז אַלֶע זַיינֶע טְהַאטִין פִּינְקְטְלַאךְ אוֹיפִין זֵייגֶער, דְהַיְינוּ עֶסִין עֶסְט עֶר אַלֶע מָאל פַאר צֶ ע הֶ ע ן, טְרִינְקֶען טְרִינְקְט עֶר אַלֶע מָאל פַאר אֵ י י נְ ס, אוּנ אַלֶע לֶעהְר־נוּנְגֶען אִיז בַּייא אִיהְם פַארְ־אַ כְ ט, דֶער גְרַאף מִיט אַלֶע קַאוַואלֶערִין הָאבִּין זִיךְ שְׁטַארְק צוּלַאכְט.

בְּרַאוָוא! בְּרַאוָוא! דֶער פוּקְס הָאט גוּט גִיזָאגְט.

נָאךְ אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ דִיר צוּא פְרֶעגִין — זָאגְט וַוייטֶער דֶער וָואלְף צוּם גְרַאף — וֶוען יֶע דִיא פְרַאנְטִין הַאלְטִין אַזוֹיא שְׁטַארְק פוּן דַאמֶען רֶעכְט וִויא דִיא הֶענֶער, וָוארוּם הָאבִּין דִיא רֶעכְט נוּר דִיא גֶעצִיהֶרְטֶע אוּנְד שֵׁיינֶע פְרַיילִינְס, וָואס זֵייעֶר נֶעזִיל שְׁטֵייט פִּינְקְטְלִיךְ פָּאד פְּלַאנָאם, אוּנ דִי גִימֵיינֶע אוּנ דִי וָואס זֵייעֶר נֶעזִיל אִיז אַרָאפּ פוּן פְּלַאן, הָאבִּין בַּייא זֵייא גָאר קַיין רֶעכְט? הֵיפֶךְ פוּן דֶעם הָאן וָואס בַּייא אִיהְם הָאבִּין אַלֶע אֵיינֶע רֶעכְט, אָרִים אוּנְד רַייךְ, אִיז בַּייא אִיהְם גְלַייךְ.

יא יא דוא האסט רעכט, נוא וואס זאגסטו אויף דיזע פראגע?

דער וואהרער אנטוואָרט איז וויא דער לאקס (אזא מין פיש) האט גיזאגט צום פריץ, אמאהל בין איך גישטאנען ביין דניעפער, האבין די פאנגער ארויס גיצויגין אין נעטץ אגרויסין לאקס, רופט זיך אב איינער אפאריץ צו זיין פריינד לאמיר איהם אב קויפין, וייל איך האב זייער שטארק ליב לאקס, זייא האבין איהם גיקויפט אונ טראגין איהם צוא הויז.

גייענדיג רופט זיך אב דער לאקס צום פריץ: „מיין גינעדיגער הער, העריגדיג אייערע ווערטער אז איהר האט זייער ליב לאקס, האב איך מיר זייער דערפרייט, איך האב גאר אנדערש ניט גירעכינט, נור איהר וועט מיר אויס קויפין פון מיין מערדערס האנד אום מיך צוריק אין וואסער אריין לאזין, אבער יעצט זעהע איך אז איהר טראגט מיר גאר צוא הויז אונגליקליך מאכין, שניידין לעבענדיגערהייד, אונ קאכין אויפין פייער, ווען איהר האט מיר יוא ליב וויא איהר זאגט, לאזט מיר צוריק אריין אין וואסער, איך זאל לעבין אונ פארגעניגען האבין״.

חא חא חא זאגט דער פריץ, איך האב פאר דיר גיצאלט פיל געלט ניט אריין צוא לאזין אין וואסער, נור צוא מאכין פון דיר איזיסע שפייז פאר מיר.

טוא וואס זאגסטו אז דוא האסט מיר ליב? דוא פאלשער מענטש האסטו דאך נור זיך ליב ניט מיר, דרום שפירסטו ניט מיין אונגליק, נור דיין פערגעניגען.

דאס גלייכין איז מיט די דאמען עהרע אונ ליבע פון די פוסטע פראנטין— זאגט וייטער דער וואלף – זייא האבין ניט ליב דיא דאמען נור זיך, זיי ליגין מיטין גאנצין געפיהל אריין גילייגט אין דעם שענדליכען טראכט, אונ די יונגע פריילינס זיינען גאנץ שוואך אין געפיהל, דרום באגייען זייא זיך מיט זייא פונקט וויא דער האן מיט דיא הינער, פריער הנפעט ער דיא הון אונ זאגט איהר צוא הרים וגבעות, ער וועט איהר קויפין אשלעפע ביז דער ערד, אונ די נארישע הון לאזט זיך אן ריידין, נאכהער וויא ער בארויבט שוין איהר עהרע, מאכט ער צוא איהר אפינצטערין קאפלימענט ד. ה. ער נייגט זיך צו איהר מיט דיזען וואונק (באדייטונג), זאל איך פאהרלירין מיין קאם (דאס איז בייא איהם זיין גאנצער שטאלץ), אויב איך האב מיט וואס, אונ קויף דיר גיט וואס איך האב דיר פארשפראכין, וייל איך בין ניט פאר קיינעם גידאכט „נור איין ארימער פוסטער פראנט״, דיא אונגליקליכע הון גייט נעבאך אוועק ארים אונ דוהל.

קיין בעסערע באהאנדלונג האבין ניט דיא פריילינס פון די פוסטע פראנ-טין, פריער זאגט ער איהר צוא אז זיא וועט זיין גליקליך פאר איהם, ער טיילט זיך מיט איהר דעם ביסין פון מויל, אונ ווען זיא ווארפט אראפ איהר טאשין

טיכיל

טיכיל בייגט ער זיך איין אין דרייען מיט גרויס עהרענפורכט אויף צו הייבין, אונ דורך זיין שמייכלעריא ווערט זיא גיפאנגען אין זיין נעטץ, ביז וואנען זיא ווערט אונגליקליך פון איהם, אה! פיהל יונגע אונערפאהרענע קינדער, פאר-פלעקין זייער עהרע אונ פארלירין זייער גיזונד, אנדערע גייען נאר אוועק יונגע פון דער וועלט פון דעם*), פיל פיטצלאך ערסטגיבאהרענע קינדער ווערין פאר קויפט צוא דיא פארפלוכטע שייקע מעקלערקעס א) צום ערמארדין, וואס די ניין מאס רייד פון דיא וויבער איז קנאפ דאס אויס צוא דערציילין, קורץ גיזאגט דיא גאנצע דאמען רעכט איז נור אפאלשע שמייכלעריא, וואס א פארשטאנדיגע באשעפענעס דארף עס פארהאסין ב).

בראוואָ! בראוואָ! האבין אלע געשריען, דער וואלף זאגט וויא א חכם.

דוא האסט כשר פארדינט אגוטע פארציאן פלייש—זאגט דער גראף—אונ האט גיגעבין אוואונק צוא דיא הינט, זייא האבין מיר פרייא גילאזין, אונ איך האב גינומען מיין פארציאן פלייש אונ זיך גיזעגינט מיטין גראף אונ הוצאק אין וואלד ארײן. — היינט מיין ליבער קאנטער בין איך ניט גירעכט, אז איך נעם ניט

*) אבעל-שם'ס אפרויא איז אמאהל בייז גיוואהרין אויף איהר האן, וועלכער האט פליהענדיג צוכראכין אטייערין לאמפ. אונ האט איהם פארקויפט צו אריסטאקראטקע, אמאהל זייגען צוזאמען גיקומען צו איהר פוסטע פראנטין אויף איין אבענד, הענדעלע! רופט זיך אב איינער פון זייא, האסטו ניט בעסער אויס געביטין? ביא דיין ערשטין ווירטה האסטו באדארפט צו זעהען אזוי פיל שקרים, וויא בעזדיעטיכעס פרויען בריינגען פדיונות אום זייא זאלין קינדער האבין, אונ דער רבי נעמט ביא זייא צו דיא פדיונות אונ פארשפרעכט זייא צו האבין קינדער אונ עס איז נאר שקר, אונ דא זעהסטו ניט אזעלכע שקרים, הה איז ניט בעסער!?—קו-קו-רע-קו! זאגט דער האן, יא דעם ערשטין טאג האב איך אזויא גימיינט, נאכהער האב איך זיך ארום גיזעהען אז אייער פאלשקייט איז אסך ערגער פאר זיין שקר, רעכינט זיך גוט אויס וואס טוט ער אונ וואס טוט איהר? ער נעמט צוא ביא איהר דעם פדיון, אונ ווינשט איהר צו אז השי"ת זאל איהר פוקד זיין מיט אקינד אויף לאנגע יאהר. אמאהל טרעפט אז זיין ברכה ווירקט, אונ אפילו ווען ניט וואס זאל ער טאהן? זיא ווידער איז דאך אויך ניט אונגליקליך גיוואהרין פון דעם, וואס האט זיא פארלאהרין? ארעכטער טהייל פון איהר פדיון גייט דאך אין נוטצליכע זאכין, עס געניסין עהרליכע מענטשין וויא איך אליין האב צו גיזעהען, טוא וואס פאר אגיפאהר איז פון זיין שקר, לאמיר אבער זעהען וואס פון אייער פאלשקייט קומט ארויס, איהר זאגט דאך איהר צו (אונ איהר שווערט נאך ביא אייער סאוועסט, וועלכען איהר האט ניט) אז זיא וועט געוויס ניט שוואנגער ווערין, אום אם ענדע ווערט זיא גישעדיגט, איר מערדער מיט אייער פאלשקייט מאכט איר דאך אונגליקליך מענטשין!...

א) תשואות חן להממשלה הרוממה שפקחה עין השגחתה ע"ז לשרש מפעל רע כזה עד היסוד. — ב) רעיון דאמען רעכט הוא רק ענף מהשורש מענטשען-רעכט, יהי כבוד חבירך חביב עליך כשלך, גדול כבוד הבריות כו', ויען כי אשה היא רפת המזג, ודמעתה מצוי' אונאתה קרובה, לזאת נדרש זהירות יתירה להלוך אתה בדרך כבוד אבל הכסילים שעקרו האילן של כבוד הבריות מה להם לענף דאמען רעכט?

ניט קיין איבערצייגנעס פון דיא קליידער, אז אונטער זייא איז אמענטש*).

דער

*) און ווען דוא מיין ליבער לעזער וועסט גוט באטראכטין וויא ווייט עס איז אוועק דער טעות וואס נארין מיינען, אז דיא גאנצע מענטשענ-עהרע ווענדעט זיך אן דיא קליידונג, אז צוליב דיא מאדע האט מען באזייטיגט דעם גאנצין רעליגיאן, עס איז רעכט שבת צוטאהן אלעס וואס מען טאר ניט, סייא פאר זיך, און סייא פאר אצווייטין, וויא צום בייא שפיעל, פוצין מאכערקעס ארבעטין פרייטאג צוא נאכט, און איבער-הויפט שבועות בייא נאכט, אום צו פארענדיגען דיא מאדעס. און ניט אזויא דאמען וואס זייער שטייגער איז צו ציהרין זיך, דיא קראנקהייט איז נתפשט גיוואהרין אויף מענער אויך, עס איז רעכט אז גאנץ פרייטאג צו נאכט, און שבת פריה ביז נאך שוהל צייט איז פוהל אין אלע פאריקמאכערסקעס, מען גאלט און מען פרוזירט זיך אזויא פובליצנע, אז עס איז איין שאנד ניט אזויא פאר יודין, זאנאר אפילו קריסטין קוועצין מיט דיא פלייצעס און וואונדערין זיך, זייא ווייסין דאך אויך אז בייא יודין איז פאר-באטין שבת זיך צוא שערין און גאלין, און עס איז נאר אב גישטאנען פון זייא דיא בושה (אוי לנו שכך עלתה בימינו) דער יונגער לייכטזיניגער מענטש מיינט, אז אויב ער וועט ארויס גיין ניט אזויא גוט פאר פרוזירט קוקען שוין אלע אויף איהם מיט אויס גישטעלטע אויגין, און מען רעכינט איהם שוין גאר ניט פאר קיין מענטשין, היינט וואס זאל ער טאהן? צו רעטין זיין כבוד איז דאך רעכט ביי אים מפקיר זיין דעם שבת מיטין רעליגיאן. זייא מענין וויסין אז זייא האבין נאר אגרויסין טעות גראדע פארקעהרט, יעדער פאר-שטאנדיגער מענטש סייא איין איד און סייא אקריסט קוקט אויף זייא וויא אויף אווילדין מענטשין, און ווען אפילו נאך זייער נארישען גידאנקען, האבין זייא דאך עס גיקענט טאהן ערב שבת אדער ערב יום טוב, ניט מחלל שבת און יום טוב זיין אזוי בפרהסיא. פיהל קלוגע גאטס-פאהרכטיגע מענטשין האבין שוין אנגיווענדעט פיהל קרעפטין, און גימאכט אסיפות פון די פאריקמאכערס, און זייא פארווירפע גימאכט אויף זייער גרויסין פארברעך, און פיהל פון זייא האבין איין געשטימט צוא האלטין צוא גימאכט שבת, אבער צוליב איינעם אדער 2 אייזיל קעפ וואס בייא זייא איז אב גישטארבין דיא מענטשליכע געפיהלען, און האבין ניט איין געשטימט (און לעבענדיג מאכין טויטע וועד איז אים-שטאנד?) איז אויף זיי קוקענדיג האבין אלע גיעפינט צוריק שבת. אה! וויא פאר-שטאפט איז זייערע געפיהלען, אז זייא זיינען חוטאים ומחטיאי רבים וויא ירבעם בן נבט. — דיזען גרויסין פארברעך צו פאריכטין ווייזט די פראקטיקע, אז דאס ווענדעט זיך איבער הויפט אן דיא ארינטליכע יונגע מענטשין אליין, זייא זאלין זיך צוזאמען ריידין מיט אלע זייערע בעקאנטע, אז דער וואס דארף זיך שערין זאל זיך שערין דאנערשטאג בייא נאכט ניט חלילה שבת, און ווען אגרויסער פראצענט וועלין זיך שערין פאר שבת וועט שוין דער צופאר שבת ניט זיין אזויא גרויס, דאן וועט שוין זיין לייכט צו פועלין בייא דיא פאריקמאכערס צוא האלטין פארמאכט שבת. אקלוגער מענטש דארף זיך נעמען אין אכט און לעהרנען אמוסר השכל פון דעם וואס מיר זעהען אז אויס צוא בעסערין די קערפערליכע לאגע ווערט אזעלכע פאראיינען, אז אלע פועלים שטייען איינע פאר דיא אנדערע שטאל און אייזין, היינט אפשיטא ווענין אזא וויכטיגע זאך, ווענין שבת וואס דאס איז דיא הארץ פון יודינטהום, און שבת איז דער געטליכער פאמענטניק, ער ווייזט אז עס איז דא אבורא יחיד אגרויסער אינזענער וואס האט גיסטרויעט אזא וואונדערליכען פאלאץ וויא דיא וועלט איז, און דער וואס איז מחלל

שבת

דער אונגליקליכער באס, וואס ביז יעצט איז ער געוועזן פארטיפט אין די ערציילונג פון וואלף, וויא ער האט דערהערט דיא לעצטע ווערטער פון וואלף וואס דער חזן האט איהם ניט וואס אב צוא ווענדין, האט ער זיך אויף גיחאפט אונ זאגט צום חזן שטילערהייד (ווייל ער האט מורא צוא ריידין הויך מיט זיין באקען שטימע) זאגט דעם וואלף ער זאל זיך איבערצייגין אז איך בין אמענטש (אונ ניט קיין באק) ווייל אבאק גייט אויף פיער פיס, אונ איך גייא אויף צווייא פיס, אונ דאס איז אגוטער בעוויז אז איך בין איין מענטש.

חא חא חא! זאגט דער וואלף אגוטין בעוויז גיט ער מיר פון דיא פיס, איך ברויך איין בעוויז פון קאפ ניט פון דיא פיס, דאס וואס דוא האסט נור צווייא פיס איז ווייל דו מוזט זיין איין ־ים באק׳ וואס ער האט אויך נור צוויי פיס.

קורץ דער פון דער ארימער באס האט גיקענט אונגליקליך זיין ווען עס וואלט ניט אן קומען איין יעגער מיט צווייא גרויסע יאכט הינט איז דער וואלף אנטלאפין [אונ האט אונז איבער גילאזין דעם פיינעם מוראל (מוסר השכל)].

בראווא! בראווא! האט זיך גיהערט איין דאנערשטימע פון גאנצין זאל, די ארינטליכע מענטשין האבין נאר אן גיקוואלין פון מיין דערציילונג, אויך די פוסטע פראנטין, וויא וויים דיא געשיכטע האט זייא גישטעלט אויף הייסע פרישיק, אונ האבין אראב גילאזין די נעזער מיט די אנגעשטרויעטע וואנצעס, דאך האבין זייא זיך ניט גיקענט אב האלטין פון צוא פאצין בראווא, איך האב זיך שטארק פארטיפט בליקענדיג אויף דיא פאנים מיט צווייא קעפ וואס וואהר אוים גינייט אויף אגרויסין לאנדשאפט אין זאל.

ג. צווייא קעפ פון איין קערפער.

וואס האבין זייא זיך אזוי פאר קוקט אויף דיזען לאנדשאפט? פרעגט מיר דער ווירטה פון זאל.

זייער איין פאסינדער בילד איז ער צום זאל, — וואהר מיין אנטוואורט, —

ער

שבת איז גלייך וויא ער לייקענט אין דעם, אונ איז אוים גישלאסין פון כלל איד. — זאלין זייא זיך באטראכטין ווען מען זאל זייא ניט וועלין געבין קיין עליה אין שוהל. ווייל מען רעכינט זייא ניט בכלל אידין, וואס וואלטין זייא ריידין אויף דעם, אויב די בלוט וואלט אין זייא ניט גיקאכט פון שאנדע, אם ענדע פובליצירין זייא אליין פאר אלעמען, אז זייא זיינען ארוים פון כלל אידין.—עס וואלט גיוועזן איין יושר אז אין יעדער שוהל זאלין זיך צו זאמען ריידין יראי אלהים מיט דיא גבאים, אז די מחללי שבת בפרהסיא זאל מען ניט אויפרופין לתורה אונ דאס גלייכען (ובכדי להשתבר מסחלוקת יעשו זאת בהסכם כל הבעלי בתים). מען וואלט זיי מיט דעם אויפמערקזאם מאכין וואו זיי האלטין אין דר וועלט, וואלטין זיך פיליייכט פיל אומקערין פון זייער בייזע וועג. צו דיא ווענ פון לעבין, אונ וואלטין נאכהער דאנקבאר זיין.

ער גיט אונז אגוטע ערקלעהרונג וואס פאר איין פארפיהרונג אונ איין פאלשע אויסדריקע דאס איז דער נאמען „דאמען־רעכט״, דער אמתער נאמען וואהר גאר „מענטשען־רעכט״.

ערקלעהרט אונז אייערע ווארטין — שפריכט צוא מיר דער מהותן. —

עס איז גאר איינפאך, ווען איהר גייט אויף איין בולוואר וועט איהר באט־ראכטין, עס גייען פארשיידענע דאמען מיט הערין גיארימט, אונ ניט גיארימט, אנדערע גייען צו גירוקט איינע צו די אנדערע אנאז צו אנאז אויגין צו אויגין, אונ אנדערע גייען דאכט זיך גיארימט וויא איין קערפער, אבער די קעפ איז אב גירוקט, ער קוקט אהער אונ זיא אהין, אונ ווען איהר ווילט וויסין אריכטיגע ערקלעהרונג, ווער זיינען די וואס גייען אנאז צו אנאז, אונ ווער זיינען די וואס גייען אב גיקעהרט (זיא קוקט אהער אונ ער אהין)? גיט אונז דיא פאווע אריכטיגע ערקלעהרונג, ווען דיא 2 קעפ גייען ארויס פון איין קערפער, דאס הייסט אז דאס איז מאן אונ ווייב, דאן קוקט שוין דער אהער (צוא באטראכטין איין אנדערע) אונ דיא אהין (באטראכטין איין אנדערין), ווען זיינען זייא אבער אנאז צו אנאז? ווען עס איז נאך ניט איין קערפער (בעת זייא זיינען נאך פרעמד איינע צוא דיא אנדערע), ווען מען וואלט דאס אבער רופין „מענטשען־רעכט״ וואלט דאס אנדערש גיוועזן, וויא מיר זעהען דעם אויפפיהרונג פון ארינטליכע פרומע מענטשין וואס מעהר זייא לעבין זיך איין מיט זייערע פרויען האבין זייא מעהר רעכט בייא זייא, זייא קענען ניט נור אויף דעם נעזיל ער זאל שטיין פאד־פלאנאם, אדער די פעלבעלע זאל גלאנצין (ר. ה. דיא הרים פון צירקע זאל שין זיין) נור איבערהויפט אויף דיא מענטשעסקייט, איז וואס מעהר זייא לעבין זיך איין מיט זייערע פרויען, אונ האבין מיט זיי קינדער, שעטצט מען זיי מעהרער, ווייל זייא פאסין אויף זייער שטוב אונ ערציהען זייערע קינדער אין גוטין וועג, אונ וואס עלטער אונ מעהר מענטשעשער געפינען זייא אלעס מעהר רעכט בייא זייא, פארקעהרט פון דיא פוסטע פראנטין וואס דער גאנצער רעכט איז בייא זייא, ווען דיא דאמע איז נאך ניט זייערע, אונ איהר נעזיל איז פאד פלאנאם, אבער ווען דיא פעלבעלע פארלירט איהר גלאנץ פארלירט זיך צוזאמען מיט איהר דיא דאמען רעכט אויך.

פראכטפאהל! פראכטפאהל! האט זיך גיהערט דונערין פון אלע זייטין, זייער אריכע אונ אליכטיגע אנמערקונג האט איהר גינומען פון דיא פאווע צוויא קעפ.

יא מיינע טהייערע! אנטווארטע איך, דיא פאווע איז איין ליכטיגער שפיגיל, קוקענדיג אין איהם, זאלט איהר זיך ארום וואשין דעם נייאדישען

שמוטץ, ווארפט אוועק דיא פארדארבענהייט! אונ קאמפאנירט זיך יעדער מיט דאס זייניגע, היט איבערהויפט „מענטשענ-רעכט" אונ קאמפאנירט זיך יעדער מיט זיין גלייכען, מענער מיט מענער אונ דאמען מיט דאמען, דאס איז שיין אונ ארינטליך, איבערהויפט צו געבין מעהר רעכט דעם וואס איז מעהר מענטשע-סער, אונ דיזער גוטער גידאנקען וועט אונז גאר איבערבייטין אונזער גאנצין פיהרונג, דיא מיידיל אדער אפילו דיא דאמע וועט שוין ניט קענען איבערהויפט אויף דיא טואלעטע אונ דיא פודרע, בכדי צוא באקומען מעהר רעכט, נייערט אויף דיא גוטע אויפפיהרונג קעגין זיך אונ עלטערין אונ אלע מענטשין, ווייל נור צוליב דעם וועט זיא באקומען איהר רעכט.

מאכט וואהרע מאכט וואהרע, דער פאיעזד איז גיקומען אונ אונזער ליבער גאסט פאהרט, זיינען אריין גיפלייגין איניגע מחותנים אן זאגין:

איך האב מפסיק גיוועזן מיין רעדע, אונ מיר זיינען אלע גיגאנגען קעגין דעם גאסט לקבלת פנים, איך האב מיר ערפרייט קוקענדיג אויף דעם גאסט, זייער אשיינער מאן, קאנטיג אקלוגער מענטש, מיר זיינען אריין מיט איהם אין זאל אונ זיך ארום גיזעצט ארום טיש, מען האט דערלאנגט טייא. די מוזיק האבין געשפילט אשיינעם מארש לכבוד דעם טייערין גאסט.

דיא מחותנים האבין אן גיהייבין זיך צוא צוא גרייטין צוא דער חופה, איך שפאציר מיר ארום זאל, פוהל מיט פארגניגען, באטראכטענדיג אז מיינע ווערטער האט פיהל ווירקונג גימאכט, דיא פוסטע פראנטין זיינען שוין פיהל גילאסענער אונ עטוואס ערווייטערט פון די פריילינס, אויך די פריילינס ווייכין שוין עטוואס אויס דיא פראנטין, איך קוועל פשוט פון שמחה, אונ טראכט אלס מיין אלטין ווארט „אז אידען האבין באמת גיזונטע אויגין, נור עס איז פארצויגין מיט בעלמעס, אונ ווען איין אויגין דאקטער ציהט זייא עטוואס אראפ די בעלמעס, ד. ה. אז מען ערקלערט זיי מיט שכל, אז די גאנצע מאדע איז נור אפארבלענדענעס, דאן ווערט ווייטער ליכטיג זייער קוקי.

זעהט וואס פאר אפיינעם דרשה גישאנק עס האט געשיקט אגוטער פריינד דעם חתנ'ס (רופט זיך אב דעם חתנ'ס קליינער ברודער), זייער אשיינעם איילבום, איך עפין איהם אויף עס איז איין גאנצער ש"ס בבלי אין קליינעם פארמאט, ראגאלענע בלעטער פראכטיש גיבונדין וויא איין איילבום, עס איז גאר אמחיה צוא קוקען אויף אים, איך מיש מיר אזויא דעם איילבום צוא באטראכטין דיא שיינקייט פון דיא בלעטער, מישט זיך גראדע אויף (סס' ב"ב ד' ס:) וועגין אפר מקלה בראש חתנים*), דא פאל איך אריין אין אגרויסע פארלעגענהייט, וויא זאל איך

דא

*) דער תלמוד רעדט דארטין וועגין דעם פסוק אם אשכחך ירושלים כו' אז פון גרויס

דא טאהן, אן מוטין דעם חתן וועגין דעם אדער ניט, פארלייפיג קומט מיר אויס אז ניט, אהיינטיגער אריסטאקראטישער בחור, דיא האר איז אויס געשמירט מיט פארפומע, וועל איך איהם הייסין ארויף שיטין אש, איז לבד וואס ער וועט ניט פאלגין, וועט ער מיר נאך האלטין פאר וואהנזיניג, אונ איך רעכין שוין גאנץ פעסט ניט דערמאנען, אין מיטין הער איך אבער אשטארקע שטימע שרייט צוא מיר פון הארצין: „וויא קענסטו דאס אזוי גלייכ-גילטיג זיין, לאזין יענעם בלייבין בלינד, אונ פילייכט קען דאס אמאהל זיין איין סבה, אז זייער פארטייא זאל חלילה ניט באגליקען ה) ביסטו דאך אונטריי, דוא קומסט צו יענעם געניסין פון זיין שמחה, אונ ווייזט צוא איהם אויסוויינינג פריינדשאפט מיט אלערלייא קאמפלימענטין, אונ בייא דיר איז רעכט צוא לאזין איהם בלינד, אין אזאך וואס קען פילייכט איהם שאדין צוא זיין גליק פון זיין פארטיי, ביזטו דאך איין פאלשער מענטש, מיט דעם גידאנקען בין איך גיגאנגען אין קיך, אונ גינומען אביסיל ריינע אש, אונ ארייין גישאטין אין אשיינע פוסקעלע, אונ גייא מיר ארום אין זאל פארטיפט אין רעיון, מיט וואס פאר איין צופאל אויס צוא ווירקען אויפין חתן ארויף שיטין אביסיל אש אויף זיינע שיינע האר, אונ דאס וואלט איך נאך אפשר פועלין ביי איהם, ווייל עס וועט איהם ניט פאסטין מיר צוא ענטזאגען, וועט ער דאס אפשר טאהן, אבער מיט וואס בין איך זיכער, אז בעת מעשה וועט ער ניט טראכטין: „וואס זאגסטו צו דעם אנשיקענעס אויף מיין קאפ גנעמען אזעלכע שיינע האר אונ פארשמוטצין מיט אש״, אונ ווען ער וועט אזוי טראכטין דאן האב איך גאנץ ווייניג געווירקט, דאס הייסט גאר גישאטין אש אפין קיך, ניט אפין קאפ, וויא דער רעכטער מיינונג איז.

אונטערפיהרער

גרויס ליבע אונד בייינקונג צו אונזער לאנד האבין מיר איהר צו גישוואהרין אז מיר זאלין איהר עוויג ניט פארגעסין. מיר זאלין איהר דערמאנען אויף אונזערע גרעכטע שמחות (אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי), צום בייא שפיעל אחתן בעת ער גייט צו דער חופה, זאל ער ארויף שיטין אביסיל אש אויף זיין קאפ, אין דעם ארט וואו מען לייגט תפילין של ראש, (ונסמך על הפסוק לשום לאבילי ציון פאר תחת אפר) דאס ערינערט אונז אז אמאהל זיינען מיר גיוועןאיין הערליכע פאלק וואס מיר האבין געשפילט אגרויסע ראליע אין דער וועלט, אונ היינט איז פון אונזער פאר (הערליכקייט) גיווארין אפר (אש), אונ דיזע ערינערונג (ווער מיר זיינען אמאהל גיוועןן) גיט אונז מוטה אונ שטאלץ איבער צו טראגין אלע אונזערע ליידין, אונ זיין פעסט אין האפענונג, אז עס וועט אין גיכין קומען דיא גליקליכע צייט וואס פון דיא „אפר״ (אש) וועט צוריק ווערין „פאר״ (הערליכקייט אונ פראכט).

ה) תקנו (חז״ל) כשהחתן הולך לחופתו נותן אפר מקלה בראשו במקום הנחת תפלין, והעולם אינם נזהרין בזה, ואפשר מה שכמה זווגים לא הצליחו הוא בעון זה, שאינם שמים על לב אבילות ירושלים בעת שמחתם (נכורת הסלס).

„אונטערפיהרער טוט אן דעם חתן"! הער איך אשטימע פון בדחן, איך האב זיך ערמונטערט פון מיין טיפין פארטראכטונג, אונ גייא שנעל אריין אין צימער וואו דער חתן זיצט, איך זעהע מען טראגט אריין דעם חתנ׳ס מתנות טלית וקיטיל, אונ מען לייגט אוועק לעבין חתן, איך רוק זיך מיר צוא נאהענט, אונ לייג ארוף אויפין טלית מיין פוסקעלע, אלע געסט קוקען פארוואונדערט אונ דיספוטירין צווישין זיך וואס דאס איז, דער זאגט דא איז פאפיראסין, דער זאגט שוועבעלאך, נור צוא וואס ברויכט מען יעצט פאפיראסין מיט שוועבעלאך? דער חתן זאל דען פאר רויכערין אפאפיראס אונטער דער חופה? קורץ זיי קענען ניט ערקלעהרין דעם רעטעניס וואס דא איז.

אויב איהר זייט יא נייגעריג מיינע טהייערע צו וויסין דעם פתרון פון דיא חדה? שיינקט מיר איין פערטיל שטונדע וועל איך אייך דערציילין איין ריכטיגע געשיכטע וואס איך בין ביי איהר ביי געווען, זיא איז זייער אינטערעסאנט צוא יעצטיגע מינוט.

מיטין גרעסטין פארגעניגען — אנטווארטין דיא אונטער פיהרער. — זייא זעצין זיך אלע ארום טיש, אונ שטעלין אן נאז אונ אויערין צוא מיין ערציילונג.

מיט 20 יאהר צוריק בעת מען האט גישטרויעט בריסקער וואגזאל זיינען צוזאמען גיפאהרין גרויסע פאדראציקעס אין בריסק, זייא האבין באדארפט דורך קומען צווישי׳ זיך וועגין איניגע וויכטיגע זאכין, איז ביי זייא גיבליבין אריין גיין צום גדול העיר, דאס וואר אין 9 טעג, ביי זייער זיצין איז גראדע פאר־גיקומען איין שאלה וועגין פלייש אין 9 טעג, איינער פון דיא פאדראציקעס וואר איין גרויסער אריסטאקראט, פרעגט ער דעם גדול ווארום איז ביי דיא פרומע אידין אזא הארבע זאך עסין פלייש אין 9 טעג, אז דער וואס עסט פלייש איז ביי זייא גאר אפ גיפרעגט, איז דאס דען פון דיא יסודי הדת?

דער בריסקער רב וואר אין איין פארלעגענהייט צו געבין אנטווארט אויף דיא פראגע, ווייל דער אנטווא־ט פון א בריסקער רב (אונ בפרט אין אזא גרויסארטיגע גיזעלשאפט) וועט פארנאנדער פליהען אין דער גרויסער וועלט פאר איין הלכה פסוקה, ער באדיינקט זיך אקליין ווילע אונ פרעגט יענעם צוריק גאנץ לאנגזאם מיט דיזע ווארטין, „אונ אין דיא יסודי הדת גלויבט איהר"?

יא יא! זאגט יענער ערשראקען, דער בריסקער רב הייבט אן פארנאנדער צוגלידערין פאדראבנא דיא יסודי הדת מיט דיזע פראגען, אין „מציאות השם" (אז עס איז דא איין איינציגער גאט וואס האט באשאפין דיא וועלט) גלויבט איהר?

יא יא! וויא קען אנדערש זיין, וואר יענעמס אנטווארט.

אין „תורה מן השמים" גלויבט איהר? פרעגט ווידער דער בריסקער רב.

געווים

געוויס גלויב איך, וואר דעם פאדראציקס אנטווארט.

אין השגחה „שכר ועונש" גלויבט איהר? אזויא פרעגט זיך אלס דער בריסקער רב לאנגזאם אונ קאלט בליטיג.

יא יא ליבער רבי, אנטווארטעט דער פאדראציק.

אין „ביאת המשיח, ובנין ירושלים עה"ק" גלויבט איהר? פרעגט ווייטער דער בריסקער רב. — איך גלויב זייער פעסט, וואר ווידער זיין אנטווארט.

נוא, זאגט דער בריסקער רב, אז איהר גלויבט אין אלעס וועל איך איך עפעס פרעגין, וויא גייט צוא דער ארדענונג פון בויען א פאלאץ?

פריער קויפט מען איין פלאץ. — אנטווארטעט דער פאדראציק — נאכהער פיהרט מען אן שטיינער, ציגיל, צימענט, וואפנע, געהילץ, נאכהער אז עס איז אויף גישטרויעט, שטעלט מען אויבינס, שויבין, מען שמידט אב מיט אייזין, מען ריכט צוא יושקעס, קלאמקעס, קייטלאך, אונ ד. ג.

ווען איינער זאל קיין זאך ניט האבין אפילו קיין פלאץ אויך ניט — פרעגט ווייטער דער בריסקער רב — אונ אפשיטא קיין ציגיל אונ קיין געהילץ, אונ ער שאפט זיך איין יושקעס אונ קלאמקעס. וויא זעהט ער אויס?

וויא מיר פארשטייען אלע — זאגט דער פאדראציק — וויא איין וואהנזיניגער.

אמאהל קען טרעפין אז אקלארער מענטש טוט דאס אויך — זאגט ווייטער דער בריסקער רב — צום בייא שפיעל, ווען עס ברענט אב חלילה איין קווארטאל הייזער אונ פאלאצין פון אסך בעלי בתים ביז דאס לעצט, אונ די בעלי בתים קומען געבאך מארגין אויף זייערע אב גיברענטע פלעצער, אונ געפינען קיין זאך ניט צוא נעמען, נור די יושקעס מיט דיא קלאמקעס די פאר רויכערטע, אונ זיי טראגין דאס אהיים, קען מען זיי דען רעכענען פאר וואהנזיניגע? הגם זיי האבין קיין זאך, ניט קיין ציגיל, ניט קיין געהילץ, אפילו דעם פלאץ נאך אויך ניט געוויס, ביז וואנען עס וועט אראפ קומען א נייער פלאן.

ניין עס איז גאר ניט צולאכין פון אזא מענטשין, וואס האלט זיך נור בייא דיא פארשמיילעטע יושקעס אונ קלאמקעס, ווייל דאס איז זיין איינציגע רעטונג פון זיין פאלאץ (ענטפערט דער פאדראציק).

איך וועל אייך נאך עטוואס פרעגין — זאגט ווייטער דער בריסקער רב — אונטער די פיהל בעלי בתים פון דעם אב גיברענטין קווארטיל איז דאך פאראנען פארשיידענע, איינינגע רעכענען זיך ווייטער אב צו שטרויענען, אז דער בורא וועט חסד טאהן אין אקורצע צייט, אונ אנדערע זיינען זיך גאר מיאש פון שטרויענען זיך, מיט וואס איז צוא ערקענען פון דעם ביז דעם?

גאנץ איינפאך — זאגט דער פאדראציק — דער וואס האלט למשמרת דיא

וּשְׁקָעס אונ קְלַאמְקָעס שְׂרִידֵי חֲרְבוֹתָיו, אונ פַארְקוֹיפְט זֵייא נִיט, דָאס אִיז אַיין בְּעוַויז, אַז עֶר דֵיינְקְט אַלֶע טָאג, אַט בַּאלְד וֶועל אִיךְ זִיךְ אָבּ שְׁטְרוֹיעֶנֶען, אונ בֵּעת עֶר גִיט אַקוּק אוֹיף דִיא פַארְשְׁמַיילֶעטֶע יוּשְׁקָעס אונ קְלַאמְקָעס, אָבְּוָואהְל עֶר גִיט אַגְרוֹיסִין קְרֶעכְצְטְץ אוֹיף זַיין אוּנְגְלִיק, עֶראַינְעֶרְט עֶר זִיךְ אָבֶּער צוּרִיק אונ עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אִיהְם פָאר אִין זַיין פַאנְטַאזְיֶע, וִויא עֶר זֶעהְט שׁוֹין פַארְטִיג דֶעם שֵׁיינֶעם פַּאלַאץ וָואס עֶר רֶעכְינְט יֶעצְט אָבּ שְׁטְרוֹיעֶן גָאר אוֹיף פַארִיזֶער פָארְמֶע. אָבֶּער דֶער וָואס פַארְקוֹיפְט פַאר אַיין קְלֵיינִיגְקֵייט דִי לֶעצְטֶע אַנְדֵיינְ-קוּנְגֶען, דָאס אִיז אַיין קְלָאהְרֶער בַּאוַויז, אַז עֶר הָאט שׁוֹין גָאר נִיט בְּדֵעָה אוֹיף קַיין פַאל זִיךְ אָבּ צוּא שְׁטְרוֹיעֶנֶען.

גַאנְץ רִיכְטִיג הָאט אִיהר בַּאֶרעכִינְט — שְׁפְּרִיכְט דֶער בְּרִיסְקֶער רַב — יֶעצְט קֶענְט אִיהר זִיךְ אַיין קוּקֶען אִין דִיזֶען שְׁפִּיגֶעל, וֶועט אִיהר זֶעהֶען דֶעם יוּדִישֶׁען בִּילְד, מִיר הָאבִּין גִיהַאט אַשֵׁיינֶעם פַּאלַאץ אוֹיף אַיין אֵייגֶענֶעם פְּלַאץ, וָואס דוּרְךְ אִיהם זַיינֶען מִיר גִיוֶוען גְלִיקְלִיךְ גִישֶׁעצְט אונ גִיעֶהְרְט בַּייא אַלֶע אוּמוֹת, צוּלִיבּ אוּנְזֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע אוֹיפְפִיהְרוּנְגֶען הָאט אִיהם אַגֶעטְלִיכֶער פַייעֶר פַארְבְּרֶענְט, אַז עֶס אִיז אוּנְז פוּן אִיהְם קַיין אֵיינְצִיגֶע זַאךְ נִיט גֶעבְּלִיבִּין, אֲפִילוּ דֶער פְּלַאץ אוֹיךְ נִיט, נוּר מֶעהְר נִיט דִיא פַארְשְׁמַיילֶעטֶע יוּשְׁקָעס אונ קְלַאמְקָעס, דָאס אִיז דִיא הֵיילִיגֶע אַנְדֵיינְקוּנְג (זכרוני קרש) דִי 4 תַּעֲנִיתִים, אונ נִיט עֶסִין קַיין פְלֵייש פוּן ר״ח אָבּ בִּיז תַּעֲנִית תִּשְׁעָה בְּאָב, אִיז דֶער וָואס הָאפְט עֶס זָאל אִין גִיכֶען אָבּ גִיבּוֹיט וֶוערִין דֶער הֵיילִיגֶער פַּאלַאץ נָאךְ מִיט מֶעהְר פַּארַאד וִויא פְרִיעֶר, דֶער הִיט טַייעֶר דִיא הֵיילִיגֶע אַנְדֵיינְקוּנְג, אָבֶּער דֶער וָואס פַאר הַאסְט דִיא הֵיילִיגֶע אַנְדֵיינְקוּנְג אִיז דָאס אַגְרוּךְ פוּן פוּילוּנְג, אַז עֶס פוּילְט בַּייא אִיהְם דִי יוּדִישֶׁע הַאֶרְץ, דָאס אִיז דִיא אֱמוּנָה פוּן בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ, אונ נֶחָמוֹת צִיוֹן וִירוּשָׁלַיִם.

זֵייעֶר רִיכְטִיג! — הָאבִּין אַלֶע פָאדְרַאצִיגֶעקְס מִיט אֵיין שְׁטִים אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן — וִויא הֵיילִיג אונ וִויכְטִיג עֶס אִיז יֶעדֶער מִנְהַג יִשְׂרָאֵל, אונ דֶער וָואס אִיז זִיךְ פּוֹרֵשׁ פוּן צִבּוּר אִיז עֶס אַצֵייכִין פוּן פוּילוּנְג, אַז עֶס פוּילְט בַּייא אִיהְם דִיא הַאֶרְץ פוּן יוּדֶענְטְהוּם.

יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר שׁוֹין — רוּפְט זִיךְ אָבּ דֶער גַאסְט — וָואס אִין דִיא פּוּסְקֶעלֶע מוּז זַיין, אִיךְ גִיבּ קַיין 2 שִׁילִינְגֶער נִיט אַז דָא מוּז זַיין אַשׁ, אַרוּף צוּא שִׁיטִין דֶעם חָתָן בְּמָקוֹם הֲנָחַת תְּפִלִּין שֶׁל רֹאשׁ, דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי הֵיילִיגֶע אַנְדֵיינְקוּנְג פוּן אוּנְזֶער לַאנְד מִיט אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָשׁ, אַז מִיר דַארְפִין זֵייא דֶערְמָאנֶען בַּייא אוּנְזֶער הֶעכְסְטֶע שִׂמְחָה, אונ דִיא מִינוּט פוּן דֶער חוּפָּה אִיז בַּיין מֶענְטְשִׁין דִיא הֶעכְסְטֶע גְלִיקְלִיכֶע צַייט פוּן זַיין גַאנְצִין לֶעבִּין.

דֶער חָתָן עֶפִינְט אוֹיף דִיא פוּסְקֶעלֶע, אונ גֶעפִינְט וִוירְקְלִיךְ אַבִּיסִיל רֵיינֶע

אַש

אש , אונ שפריכט:.נאך דיזע ריינע ערקלעהרונג בין איך גרייט צוא ערפיהלען דיזען היילינען פפליכט וואס מיר האבין פארשפראכין צו אונזער היילינע ירושלים צו ערהינערין איהר אויף אונזערע העכסטע שמחות (ד. ה. אז אונזערע העכסטע שמחות וועלין ניט זיין אים-שטאנד צו פארגעסין איהר פון אונז) , אונ איך בין איך העכסט דאנקבאר פאר דיזע אויפמערקזאמקייט , וואס וועו ניט איר וואלט איך געווים פארגעסין , ווייל מען זעהט דאס ניט אויף קיין האכציים , אונ דיא אורזאך פון דעם איז נור , דיא ניט אויפמערקזאמקייט מיט שכל , וויא איהר האט אונז ערקלעהרט .

מען האט אן גיטאהן דעם חתן , אונ דער אונטערפיהרער האט גינומען אביסיל אש אונ ארויף ג״שאטין דעם חתן אויף דיא שיינע האר אונ גיזאגט מיט אצוברעכענע הארץ „לשום לאבילי ציון לתת להם פאר תחת אפר״, ד. ה. דער וואס טרויערט אויף דיא היילינע ציון וועט איהם השי״ת אום בייטין פון דיא אפר (אש) אויף פאר (הערליכקייט) .

איך קען דיר פאטער ניט פארשטעלין מיין שמחה , וואס מיר האט דא אב גיגאלטין דיא אויפמערקזאמקייט אויף דעם אידישין מנהג , איך בין אזויא גיוועזען פארטיפט אין שמחה , אז איך האב גאר ניט גיהערט וויא מען האט אוועק גע-פיהרט חתן כלה צוא דער חופה , נור דיא פריגלאשענע צוא בענטשין חתן כלה אונטער דער חופה האט מיר אויף גיוואכט פון מיינע טיפע גידאנקען , אונ מיט גרוים מוטה בין איך צו גיגאנגען צו חתן כלה אונ האב זייא גיבענטשט , אז דער עוויגער זאל רוהען צווישין זייער פארטיי , זייער ליבע אונ טרייהייט זאל שטענדיג זיין וויא יעצטיגע מינוט , זייא זאלין פרוכטבאר זיין אונ זייערע פריכטע זאלין ערפרייען גאט אונ לייטין .

ד. דער פינפטער בריעף.

מיין טייער הערצענס-געליבטער פאטער ! איך קען זיך ניט פאר מיידין פון ערציילין דיר דעם גידאנק וואס מיר איז ארויף גיפאלין בעת דער חתן האט גיזאגט „הרי את מקודשת לי״, דאס האט מיך אן גימערקט וויא הויכארטינ איין אידעשער ווארט איזט , אז ווען ער זאגט דיא איינציגע ווארטין פאר עדות ווערט זיא פאר-היילינט צו איהם , אונ ווערט אסור אויף די גאנצע וועלט באיסור חמור , שרעקליך וואס איין אידעשער ווארט בעדייטעט . וויא ווייט מען דארף האלטין ריין די מויל אונ אויס רעכענען יעדער ווארט , ווייל דער ווארט פון איין אידין האט קראפט צוא בויען וועלטין , אונ אווילע ריידענדיג מיט אונזער פאלקס-כלה (ד. ה. שבת וויא מיר זאגין בואי כלה בואי כלה) ווען מיר זאגין ויכולו

שלאגין

שלאגין מיר זיך אריין צו איין שותפות אין אזא גרויסען מאַאַנטיק (כמחז״ל כל המתפלל בע״ש ואומר ויכולו נעשה שותף להקב״ה במעשה בראשית) *).

נאך די חופה איז געווען ששון ושמחה, די האבען זיך געקושט די גיטאנצט דיא פובליקע האט זיך גענומען צום בופעט צוא געניסען עטוואס, איך האב באטראכט אז אסך חאפען זיך צום עסען אן אברכה, אונ אפילו די ערליכע וואס מאכען אברכה ווייסען פיל ניט אויף וואס פריער אונ וואס שפעטער, בפרט אויף אבופעט וואס קומען פאר אלע מיני ברכות אונ שבעת המינים, איך האב גי-געבען אוואונק צום בעל שמחה (וואס איך האב שוין געווירקט אויף איהם צוא דאנקען דעם עוויגען, איבערהויפט דורך די געשיכטע פון ,,חיים׳קע דער ,,ישיבה-מאן״ וויא איך האב דיר שוין אין מיינע פאריגע בריף געשריבען) ער האט גוט פאר-שטאנען וואס איך מיין, אונ האט גלייך אזאג גיטאן, שא שא גאספאדא! אום אייך צו פארשאפען פיל פארגעניגען פארלאנג איך אז בעפאר איהר וועט געניסען פון אלעס וואס איך האב פאר אייך דא צוא גיגרייט, צוא צוהערין אקורצע תלמודישע ערצייהלונג וואס איך האב גיהערט פון דיזע טייערע פריינדין, ר׳ חייא ערציילט (שבת קי״ט) איך בין אמאל אריין גיפארין צו ארייכען מאן אין שטאט לודקיא, וויא עס איז גיקומען מיטאג צייט האבען 16 מאן אריין גיטראגין איין גאלדענעם טיש, אונ אויף איהם וואר אלע טייערע שערוויזען אונ אלע טייערע שפייז אונ משקאות גאר קייזערליך, צוא דעם וואר נאך איין טייערע עטיקעטע נאך דעם נייסטין זורנאל, אז בעת מען האט איהם אוועק גישטעלט אין ארדענונג מען זאל גיין געניסען פון זיינע גוטע שפייז, איז אריין אסארוועער זייער פיין אונ זויבער גיקליידעט, אונ האט אויס גירופען דיזע ווארטין ,,לה׳ הארץ ומלואה״! צו דעם עוויגען גיהערט דיא וועלט אונ אלעס וואס ערפילט איהר, דאס הייסט דער טיש איז דעם עוויגענס בופעט, אונ עס איז ניט ערלויבט צו געניסען וועער ניט באצאלט האט, אונ וואס איזט דיא גיצאלט? איין דאנק פארין שפייזין אונ נאכהער, אונ וועער עס געניסט אן איין דאנק ווערט פאר צייכענט אין געטליכען בוך, אז ער האט גיחאפט פון בופעט ניט באצאלט, אונ וועט שטריינג געשטראפירט ווערין זויא גיגנב׳ת פון קאזנא, דרום מיינע טהייערע איך האב דאך אן גיגרייט דיא אלע גוטע שפייז אייך צו פארשאפען פארגעניגען, עס זאל אייך גיין אין קריפט ניט חלילה איהר זאלט זיך פארזינדיגען אונ אוועק טראגען אגרויסע שטראף צו הויז, דרום בריינגט מיט מיינע טהייערע צו אייך, איך זאל עראינערין די וואס פארגעסען גאר צו מאכען אברכה, אונ אויך פאר צו שפרעכען דעם דין פון קדימה

בברכות

*) אויב דו פוילסט זיך ניט לייען איבער מיין הערה אין ספר היראה (לר״י ע״ט צד י״ז עד כ״א) וועסטו ערשט ווייסען וואס דיא מויל בעדייטעט.

בברכות, ווייל ניט אלע זיינען קלאהר דיני קדימה ואיחור (אויף וואס פריער צו מאכין א ברכה אונ אויף וואס שפעטער), הארכט מיר איין מיינע טהייערע, וועט דער עוויגער אייך צוא הארכין.

פריער איז דיא ברכה „בורא מיני מזונות“ (דהיינו אויף טארט, לעקאך), נאכהער איז „בורא פרי הגפן“ אויף וויין, (די ברכה פרי הגפן פאטערט שוין אלע משקאות וואס שטייען אפין טיש, דהיינו בראנפין, מעד, ליפעץ, זעלטער, לימאנאדע). נאכהער „בורא פרי העץ“ אויף אלע פרוכטין וואס פון בוים, אונ פריער דארף מען נעמען וויינטרויבען, ווייל דאס איז פון דיא 7-ערלייא פרוכט וואס אונזער תורה ריהמט אונזער היילינגע לאנד מיט דעם, נור ווייל וויינטרויבין ווערין גיפאטערט מיט די ברכה בורא פרי הגפן וואס מען האט גימאכט אויף וויין, ווייל וויינטרויבין זיינען דאך אויך פרי הגפן (פרוכט פון וויינשטאק בוים), דרום זאל מען מאכין בורא פרי העץ אויף תאנים (פייגען), זייא שטייען אין פסוק (ארץ חטה ושעורה כו') דערמאנט נאך ענבים, (נור באטראכטין די פייגען זאל ניט מילביג זיין וויא עס טרעפט גאנץ אפט), אדער מאכין בורא פרי העץ אויף תמרים (טייטלען). נאכהער איז „בורא פרי האדמה“ אויף אלע פרוכט וואס וואקסט ניט אויף א בוים ח'יא צום בייא שפיעל, טרישקאפקעס אונ ד. ג. נאכהער איז „שהכל“ אויף צוקערנע זאכין אן מעל, דהיינו צוקערקעס, שוקעלאדע, אונ זארטין שפייז וואס וואקסט ניט פון דער ערד, וויא הערינג, פיש אונ ד. ג.*).

אלע האבין גוט צו גיהארכט זיין איידעלע רעדע. נאכהער זאגט ער צו מיר מיין טהייערע, איך בין אייך מכבד צו מאכין די ערשטע א ברכה, איהר זאלט ווייזען די וועג די אלע יונגע קינדער וואס האבין דאס נאך ניט גוט איבער גינומען, איך האב גינומען אין רעכטע האנט (ווייל אויף דער זאך וואס מען מאכט די ברכה

דארף

*) בשעת מען מאכט די ברכה ¹) מוז דער מענטש אליין זיין ריין, די קליידער מוזין זיין ריין, אונ דארט וואו ער שטייט מוז אויך זיין ריין, ווייניגסטענס מוז פיר איילין ווייט פון איהם זיין ריין (דרום ווען מען גייט צוא צום כלי וואסער א טרונק טאהן, מוז מען אכטונג געבין עס זאל דערבייא ניט שטיין א כלי פון שופכין, וויא דער שטייגער איז אין גימיינע הייזער צו שטיין די כלי שופכים לעבין די כלי וואסער). אונ דארט וואו עס איז דא א ריח רע אפילו ווייטער פון 4 איילין טאר מען אויך קיין ברכה מאכין. — ²) מען טאר ניט טאהן קיין שום זאך בשעת מען מאכט די ברכה. — ³) מען מוז די ברכה שארף ארויס זאגין, דיא אויערין זאלין הערין וואס מען זאגט, אונ מען טאר ניט גישווינד אוועק חאפין די ברכה, נור מען מוז איהר זאגין גאנץ פאוואלע אונ פארשטיין וואס מען זאגט, אויך מוז מען אין זינען האבין, אז מען מאכט די ברכה צו זיין ליבין נאמען גילויבט איז ער. — ⁴) אז מען האט עפעס אין מויל, אדער מען דארף אויס שפייען, זאל מען פריער אויס שפייען, אדער אראפ שלינגען דעם ביסין פון מויל, אונ נאכהער מאכין דיא ברכה.

דארף מען האלטין אין דיא רעכטע האנד) איין צוקער לעקאך (ווייל אגאנצע זאך האט מעהר חשיבות וויא אהאלבע, דרום האב איך קיין טארם ניט גינומען) אונ גימאכט הויך ווארט אין ווארט „בורא מיני מזונות", אויף מיר קוקענדיג האבין אלע גימאכט בורא מיני מזונות, אונ איך האב מיט גרויס שמחה גיענטפערט „אמן", נאך מיין אראפ שלינגען דעם ביסין (בעת מען האלט אביסין אין מויל טאר מען ניט ריידין), נאכהער האב איך אן גיגאסין אבאקאל וויין, אונ האב גימאכט „בורא פרי הגפן", אונ גיטאהן אזופ (עס זאל ניט זיין קיין הפסק פון דיא ברכה ביז פארזוכין), אונ גיזאגט „לחיים חתן כלה", השי"ת זאל אייך באגליקין איהר זאלט לעבין טרייא וויא אפאר טויבין, „לחיים מחותנים אונ מחותנ'סטעס", אייער מיהע זאל זיין צוא גרויסע גוטצין, „לחיים מיינע אלע טייערע געסט", דער עוויגער זאל אונז זיין צו הילף מיר זאלין אלע גיזונד אונ גליקליך זיין, אויף מיר קוקענדיג האבין אלע אן גיגאסין דיא בעכערס גוטין וויין אונ גימאכט ברכות, אונ פון אלע זייטין האט גידונערט „לחיים לחיים, חתן כלה, מחותנים, טייערע געסט", עס איז גיוועזן פארגעניגען צוא זעהען וויא אלע האבין געטרונקען מיט אזא שטאדט אונ גיוואונטשין איינע דיא אנדערע אזעלבע איי־דעלע ווינטצעוואניעס, אונ בייא אלעס דערמאנט „מיטין עוויגענס הילפע".

וויא גיפעלט דיר מיין טייערע דיזע סצענע? — שפריכט אגרויס־ארטיגע דאמע צוא איהרע אפריינדין — מיר זיינען וואהר אין פאראדיז, עס איז איין הימילשער פארגעניגען, אה! וויא שיין אונד הערליך עס איזט, אז עס גייט צו מיט געטליכע ארדענונג איין שמחה, איך האב ליב צו זעהען מיט וואס פאר אשטאדט יעדער טרינקט אונ עסט, זיא וואר איין געטליכע ענגעל אראפ גע־שיקט היער. — איך שטעל מיר יעצט פאר וויא אונפארשעמט זיינען די וואס געניסען אן אברכה — ענטפערט דיא פריינדין — עס איז ווירקליך זייא חאפין פון געטליכען בופעט ניט באצאלטערהייד, איך בין פאריגע וואך גיוועזן אויף איין האכצייט בייא ה'.... עס איז גיוועזן גרויס־ארטיג דער בופעט, אבער ליידער איז גיוועזן צום באדויערין דעם בעז־פאראדאק, עס זיינען בעפאלין דיא שארלאטאנעס אן היטלען, אונ האבין צו חאפט אזויא וויא דיא וועלף, אונ ווער רעדט אן ברכות וויא די זוללים וסובאים אז עס איז אין אפערטיל שטונדע ניט גיבליבין אהאר, אונ פיל איידעלע לייט זיינען גיבליבין ניט טועם טעם גיוועזן, אונד היער זעהט מיט וואס פאר איין ארטיגקייט יעדער עסט אונ טרינקט, אונ יעדער איינציגער גאסט זעהט, אז דער צווייטער זאל אויך געניסען. — וואס איז דער וואונדער — זאגט ווייטער די ערשטע — אז עס איז וויא דער עוויגער האט גיבאטין, איז איין גוטע זאך ברענגט דיא צווייטע, אז זייא דיינקען אז דאס איז דעם עוויגענס בופעט אונ דאנקען איהם, דיינקען זייא דעם עוויגענס גיבאט אונ זיין

זיין הייליגע תורה ואהבת לרעך כמוך, (דוא זאלסט ליעבען דעם צווייטען וויא זיך) יהי כבוד חבירך חביב עליך כשלך (דוא זאלסט שעצין יענעמס עהרע ריכטיג וויא דיינע)*). איך בין פול מיט פרייד היינטיגען אווינד, איך שטעל מיר פאר וויא איך בין לעבעדיגערהייד אין גן עדן.

נאכין טרינקען דיא וויין האב איך גינומען אפאר ווייטרויבין אן אברכה און געוויזען אלעמען דעם דין אז ענבים (ווינאגראדין) ווערין גיפאטערט מיט דיא ברכה בורא פרי הגפן. נאכהער האב איך אן גינאסין גוטע שנאפס און ווייטער גיזאגט לחיים צוא אלעמען, צוא ווייזין אוועג אז יעדער קען זיך טרינקען וועלכע משקה ער וויל, ווייל מיט די ברכה אויף די וויין פאטערט מען אלע משקאות. דיא געסט האבין גיטרונקען איינע צוא דיא אנדערע, און יעדער האט אלץ צוא גיזעהען אז דער אנדערער זאל געניסין, וויא אמתע מענטשען-פריינד גיהערין צוא טאהן. נאכהער האב איך גינומען אפייג און גיעפינט (זעהען צוא איז ער ריין ניט מילביג) און גימאכט „בורא פרי העץ", און מיט דעם איז גיפאטערט אלע פירות און קאנפעטורין וואס קומען פון בוימער. נאכהער האב איך גימאכט „בורא פרי האדמה" אויף טריסקאפקעס און גיגעסין אויך קאוואן, און נאכהער „שהכל" אויף די צוקערנע זאכין, און אלע געסט האבין מיר נאך גיטאהן און גימאכט הויכע ברכות, אז עס איז גיוועזן אפארגעניגען צוא הערין.

דיא

*) אויך איז דיא ברכה אוויכטיגע מעטאדע אב צו היטין דעם מענטשין פון פיל פארדארבענהייט, (וואס קיין מוסר און קיין פלאן וואס אונזערע גוטע פריינד האבין אנגיוועגדעט, קען אזויא ווייט ניט דערלאנגען) אז ער וויים אז דיא וועלט איז דער געטליכער בופעט, און דער מענטש מוז האבין ערלויבענעס פון בורא צו געניסין פון איהר, וועט ער שוין זיין אב געהיט פון שכרות (פיאנסטווע) און זולל וסובא, ווייל דאס ערלויבט ניט דער באשעפער ווען אפילו מען זאל צאלין. ד. ה. מאכין אברכה, אזויא וויא מיר זעהען אז ווען דער ווירט פון בופעט פארקויפט ניט די און די שפייז, העלפט דאך ניט וואס יענער צאלט געלט, און דאס גלייכין וועט ער זיין אב געהיט פון מאכלות אסורות (עסין טריפות), ווייל דאס איז אויך ניט ערלויבט פון דעם וועלט באשעפער, און דאס גלייכין וועט ער זיין אבגעהיט ניט צוא עסין אפילו כשרה שפייז אין דיא טעג וואס מען טאר ניט עסין וויא יום כפור, און ד. ג. — הכלל ווען מיר זאלין גוט באטראכטין דעם זינען פון אברכה וועלין מיר זעהען אז זיא נעמט ארום כמעט דיא גאנצע תורה, און איבערהויפט ווייל זיא באמערקט דעם אידין אויף דיא עקרי ושרשי הדת, אז ער זאגט (ברוך אתה ה') גילויבט ביסטו גאט קעניג פון דער וועלט, גלויבט ער דאך אז דיא וועלט איז ניט קיין הפקר, זיא האט איין ווירטה וואס האט איהר באשאפין און איז קעניג אויף איהר, און אז ער זאגט (אתה) „דוא", גלויבט ער דאך אז מלא כל הארץ כבודו, און מיר ריידין צו גאט ליצנע „דוא" אין געגענווארט, ריכטיג וויא ער שטייט אונז פאר דיא אויגין, און בליקט אויף אונזערע טהאטין, און ווען דער מענטש זאל דאס שטענדיג אב היטין וועט ער זיך גאר אנדערס שפירין און ווסין וויא איידיל און הייליג זיך צוא האלטין.

דִיא גֶיעהֶרְטֶע פּוּבְּלִיקֶע הָאבִּין זִיךְ לוּסְטִיג גִימַאכְט גִיגֶעסִין אוּנ גִיטְרוּנְקֶען פוּן אַלֶעם גוּטִין, מוּזִיק הָאבִּין זֵייעֶר פַּיין גֶעשְׁפִּילְט, חָתָן כַּלָּה הָאבִּין גִיטְרוּנְקֶען קַאוֶוע מִיט זֶעמִיל נָאכִין תַּעֲנִית. אִיךְ בִּין מִיר דֶערְוַוייל צוּ גִיגַאנְגֶען צוּא חָתָן כַּלָּה זֵייא מְשַׂמֵּחַ זַיין מְקַיֵּים זַיין מחז״ל (ברכות ו:) כל הנהנה מסעודת חתן ואינו משמחו עובר בחמשה קולות כו׳, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַהֶעפְּלִיכֶען גֵייג גִיטָאן צוּא זֵייא, אוּנ זֵייא פְרַיינְדְלִיךְ גֶעגְרִיסְט אוּנ גִיבֶּענְצְט מִיט דֶער בְּרָכָה שמח תשמח רעים אהובים דֶער עֶווִיגֶער זָאל עֶרְפְרֵייעֶן דִיא גֶעלִיבְּטֶע, וְויא עֶר הָאט עֶרְפְרֵייט זַיין עֶרְשְׁטִין בַּאשַׁאפֶענֶעם אִין גַן עֵדֶן, זֵייא הָאבִּין גִיעֶנְטְפֶערְט אַז זֵייא זֶעהֶען שַׁיינְבַּאר דִיזֶע בְּרָכָה אִיז מְקוּיָּים גִיוָוארִין, זֵייא הָאבִּין אִין מַיין גֶעזֶעלְשַׁאפְט אַיין הִימְלִישֶׁען פַּארְגֶענִיגֶען ווִירְקְלִיךְ ווִיא אִין גַן עֵדֶן.

יֶעצְט פַּארְשְׁטֵייא אִיךְ ווִירְקְלִיךְ – זָאגְט דֶער גַאסְט – דֶעם פֵּירוּשׁ פוּן דִי
5 קוֹלוֹת וָואס אִין פָּסוּק שְׁטֵייט קוֹל שָׂשׂוֹן וקוֹל שִׂמחה קוֹל חתן וקוֹל כלה, קוֹל אוֹמרים הודו את ה׳ צבאות, ד. ה. וֶוען הֶערְט מֶען דִיא שְׁטִימֶע פוּן חָתָן וְכַלָּה מִיט אַקוֹל שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה אַז דַאבַּייא אִיז דָא (קוֹל אומרים) אַהֵיילִיגֶע שְׁטִימֶע וָואס עֶרְאִינֶערְט מִיט דִיזֶע וָוארְטִין: „גַאסְפַּאדַא! הודו את ה׳ צבאוֹת״! דַאנְקְט דֶעם הֶער פוּן אַלֶע הֶערְשַׁאפְט פַּאר אַלֶע גוּטֶעס, פַּאר אַלֶעם וָואס אִיהְר גֶענִיסְט סַייא עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען, סַייא פְרֵייעֶמְנֶע מוּזִיק, סַייא פַּארְגֶענִיגֶען פוּן שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה, פַּארְגֶענִיגֶען פוּן מֶענְטְשֶׁענְפְרַיינְדְשַׁאפְט וָואס דָאס אִיז אַלֶעס גָאטֶעס בַּאשַׁאף, וְויא מִיר זָאגִין אִין נוּסַח הַבְּרָכָה אשר ברא שׂשׂון ושׂמחה כו׳ אהבה ואחוה כו׳ אוּנ דִיזֶע שְׁטִימֶע פוּן „הוֹדו את ה׳ צבאוֹת״*) הָאט אוּנְז פַּארְשַׁאפְט דִיזֶע טַייעֶרֶע. אִיהְר הָאבִּין מִיר צוּא דַאנְקֶען פַּאר אוּנְזֶער גְרוֹיסֶע פְרֵייד.

ה. כְּדַת ווִילְהֶעלִים דֶער גְרוֹיסֶער.

יַא עֶס אִיזְט ווִירְקְלִיךְ, וֶוען עֶס אִיז „כְּדַת משה וְיִשְׂרָאֵל״ אִיז אַלֶעס צוּם בֶּעסְטִין, וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער „כְּדַת ווִילְהֶעלִים דֶער גְרוֹיסֶער״ דָא אִיז אַלֶעס שְׁלִים.

עֶרְקְלֶעהְרְט אוּנְז אַייעֶרֶע וָוארְטִין, וָואס אִיזְט דָאס „כְּדַת ווִילְהֶעלִים דֶער גְרוֹיסֶער״?

דָאס וַואר אַרִיכְטִיגֶע גֶעשִׁיכְטֶע, אִין קֶענִיגְסְבֶּערְג פַּאר הַגָּאוֹן ר׳ יַעֲקב צְבִי מֶעקְלֶענְבּוּרְג, דָארְטִין אִיז דִיא אָרְדֶענוּנְג אַז דֶער רַאבִּינֶער אִיז מְסַדֵּר קִדּוּשִׁין, אָן אִיהְם טָאר קֵיין חוּפָּה גִישְׁטֶעלְט וֶוערִין, עֶר הָאט זִיךְ עֶרְפַאהְרִין אַז פִיל אַרִיסְטָאקְרַאטִישֶׁע פְרוֹיעֶן הִיטִין נִיט אָבּ דִינֵי טַהֲרָה וָואס בַּאלַאנְגְט צוּ יוּדִישֶׁע פְרוֹיעֶן, עֶר

*) אגרא דבי הלולי מילי (ברכות ו:) לשמחו בשמחת דבור של מצוה, להזכיר חסדי המקום בבריאה לקיום עולם, והוא שסיים באומרו קול אומרים הודו את ה׳ צבאות, שקולות השמחה יהיו בשבח המקום (מהרש״א). (מעשה אלפס, ח״ב)

ער האט זייער גיזארגט וועגין דעם, אונ האט חוקר ודורש גיוועזן אונ איז דערגאנגען, אז די הויפט אורזאך איז, די שוויריגקייט פון ערשטין מאל, די פריילינס וואס זייער שטאלץ איז גאר ניט דורך צוא בלאזין, איז זייער שווער פאר דיא עלטערין צוא פועלין ביי זיא, אונ ווען חלילה דעם ערשטין מאל גייט אוועק ניט גוט, איז שוין נאכהער געווים שלעכט צו פאררעכטין, ווען אבער עס גליקט די עלטערין פארהיטין דעם ערשטין מאל, איז שוין נאכהער לייכט צו פיהרען אפין גראדין יודישען וועג, האט ער ביי זיך באשלאסין ניט צוא גיין מסדר קדושין זיין, וואו דיא עלטערין האבין איהם ניט גיזאגט זייער יא ווארט אז עס איז צוא גיגאנגען טהרה וויא דאס רעכט איז, אונ דאס איז גיוועזן אגרויסע באמערקונג אונ זריזות פאר די עלטערין אן צו ווענדין אלע מיטלען צו פועלין ביי די טאכטער צו טאן כדת. איין מאל האט פאסירט אין אגרויסין ארט, וואס דיא עלטערין האבין פאר קיין פאל ניט גיקענט פועל זיין ביי די פריילין דאס יודישע-טעכטער-רעכט, אונ ווייל די כלה וואר זייער באקאנט מיט דעם גובערנער, האט זיא אויף גיפאדערט דעם ראבינער דורך די געריכט, אז ער מוז גיין מסדר קדושין זיין. דער ראבינער האט גיזעהען אז ער האט דא קיין עצה ניט איז ער גיגאנגען אונ האט גיזאגט ברכות אירוסין וויא גיהעריג איז, עס איז גיקומען צוא הרי את מקודשת, איז דיא מאדע דארטין אז דער ראבינער זאגט ווארט איין ווארט מיטין חתן (אום ניט צוא פאר שעמען דעם וואס קען ניט), האט ער איהם פאר גיזאגט הרי, את, מקודשת, לי כו׳, „כדת ווילהעלים דער גרויסער".

וואס איזט דאס „כדת ווילהעלים"? מען ברויכט דאך צו זאגין „כדת משה וישראל". האבין אן גיהייבין צוא ד[illegible]רין פיל שטימען פון אנשטאנדיגע דייטשען.

יא יא דאס איזט נור „דת ווילהעלים" וויא דיא געריכט האט גיהייסין, ווייל נאך „דת משה וישראל" מוז מען אב היטין טהרה, אונ ווען עס איז ניכט אב געהיט טהרה איז ניט דת משה, וויא אזויא זאל איך זאגין איין שקר, ובפרט פאר איין גיעהרטע פובליקע.

בראווא! בראווא! האט זיך גיהערט דונער שטימען פון גאנצין זאל, זייער קלוג האט דער ראבינער געפיהרט.—וואס איז גיוועזן דיא ענדע מיט דיא חופה?

וויא פארשטייט איהר? מהסתם איז אב גילייגט גיווארין אין אכטאג ארום, אונ עס איז גיוועזן אחופה וויא ביי אלע אידעשע טעכטער גיהערט צו זיין, די איינציגע ווארטין „כדת ווילהעלים" האט (די כלה) גוט ערקלערט איהר אירטהום, די געריכט האט איהם גיגעבין גירעכט, דאס איז דאך ווירקליך כדת ווילהעלים, ווייל ער האט גיפאלגט דיא געריכט, אונ איז גיגאנגען מסדר קדושין זיין.

ערקוויקט זאלט איהר ווערין — ענטפערט דער חתן ענטציקט — וויא איהר

האט

האט אונז ערקוויקט מיט איהרע זיסע ערצייהלונגען. פון דעם איז ארויס צו זעהען וואו תורה איז חכמה, איהר זאלט גיבענטשט ווערין מיט אלע ברכות וואס דיא חכמי התלמוד בענטשין דעם וואס ערפרייט חתן כלה, איינער זאגט ער איז זוכה צו תורה וואס זיא איז גיגעבין גיווארין בה' קולות [כי נתינתה היתה יום שמחת לבו וחתונתו עם ישראל כמו שכתוב וארשתיך לי לעולם (מהרש"א)]. אונ איינער זאגט מביאים תודה בית ה' דא איז ווירקליך, דיא אלע געסט דאנקען דעם עוויגען כי טוב כי כו', אונ איינער זאגט גלייך וויא ער וואלט בויען איינע פון דיא חורבות ירושלים, איהר האט אונז ווירקליך אויף גיבויט מיט אגיזונטין אפעטיטין שכל, אונ בפרט מיט פאריגען ראזגאוואר פאר דער חופה דיא ערצייילונג פון בריסקער רב, פון שמחה שטעלט זיך מיר פאר אין פאנטאזיע וויא ירושלים איז אויף גיבויט.

אה! אה! – שפריכט דער גאסט מיט גרויס ענטציקונג –, יעצט פאר-שטייא איך דעם דיוק פון דיא הייליגע תלמודיסטין וואס מיר איז שטענדיג קשה גיוועזען דער לשון כל המתאבל כו' „זוכה ורואה" (כלשון הוה) עס האט גידארפט צו שטיין (בלשון עתיד) „יזכה ויראה", דער לשון הוה איז אונז מרמז אויף די רייד פון נביא שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה אז פון גרויס אמונה זאלט איהר פאנ-טאזירין אז ירושלים איז גיבויט, אונ איהר זעהט איהר בבנינה אונ פרייט זיך מיט איהר, „כל המתאבל" דער וואס טרויערט מיט איין אמת אונ האלט טייער דיא זכרוני קודש (דיא יושקעס מיט דיא קלאמקעס) „זוכה", איז ער זוכה אונ זעהט וויא זיא איז גיבויט, איהם שטעלט זיך פאר אין מחשבה פון גרויס אמונה וויא ירושלים איז הערליך גיבויט, אונ אין מיטין טרויער איז ער זוכה צוא פרייען זיך (שישו אתה משוש כל המתאבלים כו').

יא יא! זאגין איניגע דאס איז אשיינער אונ אריכטיגער דיוק, ברוך שבחר בחכמים ודבריהם הקדושים.

איך האב מיר באטראכט וויא מען האט שוין אב גילייזיגט דעם בופעט, זאג איך: „מיינע טהייערע! יעצט לאמיר מאכין איין ברכה אחרונה, דאנקען דעם עוויגען פאר אלע גוטעס וואס מיר האבין גינאסין, אונ ווייל עס איז פארהאנדין פיל וואס קענען ניט מאכין אויסוועייניג דיא ברכה על המחיה ועל הגפן, דרום וועל איך זאגין בקול רם, אונ איהר אלע זאלט אזויא גוט זיין איין הארכין ווארט בייא ווארט, ניט פארטראכטין זיך, אונ מכל שכן ניט שמועסין אונ נאכהער ענטפערין אמן", איך האב גימאכט בקול רם על המחיה ועל הכלכלה, ועל הגפן ועל פרי הגפן, ועל העץ ועל פרי העץ, ווייל מען האט גיגעסין מזונות (איז על המחיה) אונ ווייין (איז על הגפן) אונ פירות פון שבעת המינים וויא פייגין אונ ווייינטרויבין

איז

(איז על העץ) אונ גִיקָאנְצֶעט ַעל הַמִחְיָה וְעַל הַגֶפֶן וְעַל פְּרִי הָעֵץ. אונ נַאכְהֶער גִימַאכְט בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת, אויף דִי צוּקֶער זַאכִין אונ דִי פְּרִי הָאֲדָמָה, וַוייל אויף דִי פְּרִי הָעֵץ וִויא עֶפִּיל אונ מַאנְדְלִין בְּרויכְט מֶען שׁוֹין נִיט ַקיין בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת, וַוייל דֶער ,,עַל הָעֵץ" הָאט שׁוֹין גִיפַּאטֶערְט אַלֶע פְּרִי הָעֵץ, (הֲגַם וֶוען מֶען עֶסְט זֵייא אַלֵיין אָן שִׁבְעַת הַמִינִים מַאכְט מֶען ,,בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת", נוּר יֶעצְט אַז מֶען הָאט גִיגֶעסִין שִׁבְעַת הַמִינִים אונ גִימַאכְט ַעל הָעֵץ אִיז שׁוֹין גִיפַּאטֶערְט אַלֶע פְּרוּכְט), עֶס אִיז גִיוֶוען אַיין פַּארְגֶענִיגֶען וִויא אַלֶע הָאבִּין אַיין גִיהָארְכְט דִיא קְלָארֶע לִיכְטִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיז אַרוֹים פוּן מַיין מוֹנְד, אונ אַלֶע הָאבֶּען גִיעֶנְטְפֶערְט ,,אָמֵן".

יֶעצְט מַיינֶע טְהַייעֶרֶע — זָאגְט דֶער מְחוּתָּן צוּ דִיא פּוּבְּלִיקֶע — גֵייט אַיךְ הָאבִּין פַּארְגֶענִיגֶען טַאנְצִין וָואס יֶעדֶער פַארְלַאנְגְט, מוּזִיק אִיז פְרַייא פַאר אַלֶעמֶען.

דִיא יוּנְגֶע מֶענְטְשִׁין זַיינֶען זִיךְ אַרַיין אִין טַאנְצְזַאל מִיט חָתָן כַּלָה, מוּזִיק הָאבִּין גֶעשְׁפִּילְט, דִי יוּנְגֶע מֶענְטְשִׁין הָאבִּין גִיטַאנְצְט, אִיךְ בִּין מִיר פַארְבְּלִיבִּין אִין זַאל מִיט אַיינִיגֶע עָלְטֶערֶע מֶענְטְשִׁין וָואס זַיינֶען זֵייעֶר גֶערִין גִיוֶוען צוּ הֶערִין מַיינֶע זִיסֶע רֵייד. —

ו. אוֹי לְמִי שֶׁבָּנָיו נְקֵבוֹת!

וָואס זַייט אִיהְר עֶפֶּעס אוּנְמוּטְהִיג מַיין טְהַייעֶרֶער? — זָאג אִיךְ צוּם מְחוּתָּן — וָואס אִיז אֶקֶערְסְט אַרַיין צוּא אוּנְז אִין זַאל.

מִיר טוּט לֵייד, עֶס זַיינֶען יֶעצְט גִיקוּמֶען פְרַיינְדִינֶען דִיא כַּלָה'ס, אונ מִיט זֵייא זַיינֶען גִיקוּמֶען זֵייעֶרֶע בֶּעקַאנְטֶע שְׁטוּדֶענְטִין מִיט גִימְנַאזִיסְטֶען, אונ מֶען טַאנְצְט הֶערִין מִיט דַאמֶען, אונ אויף זֵייא קוּקֶענְדִיג הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין אויף גִיצוּבֶּעט דִיא אֵיינִיגֶע פּוּסְטֶע פְּרַאנְטִין, וָואס הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין גִיוֶועסְט מְיָאֵשׁ גִיוֶוען פוּן טַאנְצִין מִיט דַאמֶען הֶערֶענְדִיג אַייעֶרֶע זִיסֶע רֵייד. אִיךְ וָואלְט אֶפְשַׁר נִיט אַזוֹיא גִילַארְמְט אוֹיף דֶעם, נוּר וִויא אִיךְ ָקען אַייךְ אַז אִיהְר וֶועט גִיוָואהְר וֶוערִין פוּן דֶעם וֶועט אִיהְר הָאבִּין גְרוֹיס עָגְמַת נֶפֶשׁ, אוֹיף דֶעם טוּט מִיר זֵייעֶר בַּאנְק.

בַּארוּהִיגְט זִיךְ מַיין טְהַייעֶרֶער, מִיר גֵייעֶן אַרַיין בַּאלְד אִין טַאנְצְזַאל, וֶועט וֶוערִין אַלֶעס רֶעכְט! דִיא מוּזִיק זַיינֶען דָאךְ פְּרַייא, וֶועט דָאךְ זֵייא ַקיין שָׁאדִין נִיט זַיין.

יַא יַא עֶס וֶועט זֵייא ַקיינֶע שָׁאדִין זַיין, אִיךְ גִיבּ זֵייא אַשֵׁיינֶע מַטְבֵּעַ זֵייא זָאלִין בַּייא ַקיינֶעם ַקיין ָקאפֵּייקֶע נִיט נֶעמֶען, אֲפִילוּ בַּיין טִישׁ נִיט גֵיין בֶּעטִין ַקיין פֶּעַנִיג.

מִיר זַיינֶען אַרַיין אִין טַאנְצְזַאל, נָאךְ אוּנְז זַיינֶען נָאךְ גִיגַאנְגֶען אַגְרוֹיסֶע פּוּבְּלִיקֶע פוּן עָלְטֶערֶע מֶענְטְשִׁין. אִיךְ גֶעפִּין עֶס ֶקערְט דִיא וֶועלְט, הֶערֶען מִיט

ראמען, טאנצין צוא זאמען. איך זעהע איין אנשטאנדיגע דאמע טאנצט מיט אבחור אפראנט ארום גיארימט, איך באמערק גוט דעם בחור, דאכט זיך דאס איז אברהם׳קע?

אויב דוא מיין ליבער לעזער ווילסט וויסן וועך איז דאס דער אברהם׳קע? וועל איך דיר ערציילין. מיט איינינע טעג צוריק בין איך גיוועזען אין הויז ביי דיזע פרויא וועגין גישעפט, זיצענדיג בעט איך אקינד דערלאנגען מיר אגלאז וואסער. —„אברהם׳קע! רופט זיך אב דיא ווירטהין, דערלאנג אגלאז וואסער״! זיא האט באמערקט אז מיר איז עפעס קשה די פראסטע אויסדריקע „אברהם׳קע דערלאנג״. „דאס איז ניט קיין פריקאסציק — זאגט זיא — נור אמשרת ניט לאנג אן גיקומען״, אונ היינט טאנצט ער מיט די ווירטהין ארום גיארימט!?—דאס זיינען אונזערע שטאלצע דאמען, וועלכע עס איז גאר ניט דורך צוא בלאזין זייער גרויסקייט, נור ווען אפראנט (אפילו איין פוסטער) פריגלאשעט זייא צום טאנצין, ווערין זייא גרויסע ענוים אונ אנטזאגין ניט.—ריכטיג האט איינער גיזאגט אגלייך ווארט, (כי הלל רשע) דער רשע, אבוואהל ער איז אגרויסער בעל גאוה פון דעסט־וועגין טרעפט צייטין אז ער איז אויך איין עניו וויא הלל הנשיא (וואס דער תלמוד דערציילט וואונדער פון זיין גרויסע ענוה). אבער ווייסטו וואו דער רשע שטעלט איין זיין ענוה? נור (על תאות נפשו) בעת ער דארף ממלא זיין אתאוה. דאכט זיך אין שטוב האט זיא שטאלצירט, אונ עס האט איהר ניט גיפאסט צו זאגין: „אברהם זייא אזויא גוט היים דערלאנגען אגלאז וואסער״ וויא דיא אדילקייט פון ענוה ברייננט מיט צו באהאנדלען מיט כבוד יעדער מענטשין, נור „אברהם׳קע דער לאנג״! יעצט אבער אוים צו פיהרין איין תאוה איז רעכט מיט אברהם׳קען צו טאנצין גיארימט!?

איך וועל ביוא אייך עטוואס פרעגין מיינע טהייערע, וויא איך זעהע זייט איהר זייער ספיציאלנע אין דאמען-רעכט, נאך די לעצטע מאדע נאך, אונ נאך מיין מיינונג איז דאס זייער פיין. אונזער תלמוד מאכט אגרויסין פאראד פון מענטשענ-רעכט, אונ אויך פון דאמענ-רעכט, זייא דריקען זיך אוים מיט דיזע ווערטער (אוקירו לנשייכו) „גיט עהרע אייערע פרויען דאדורך וועט איהר רייך זיין״, (אתתך גוצא גחין ולחוש לה) „ווען דוא בינסט אהויך געוויקסיגער מאן אונ דיין פרויא איין נידעריגע, בייג זיך איין צוא איהר אונ הארך וואס זיא זאגט דיר״. פארשטייא איך ניט איין זאך וואס אין איין שטעלע דריקט זיך אוים דער תלמוד מיט אזא ווארט וואס איז אגרויסע באליידיגונג פאר דאמען, היינו דער תלמוד זאגט אי אפשר לעולם בלא זכרים ובלא נקבות, דיא וועלט מוז האבין עס סייא מענער אונ סייא נקבות, נור וואויל איז דעם וואס זיינע קינדער זיינען זכרים, אונ

וועהע

וועהע איז דעם וואס זיינע קינדער זיינען נקבות, וויא קען זיין אגרעסערע באַ-ליידיגונג וויא דאס איז? אונ נאך פון אזעלכע חכמים וואס האבין פארשטאנען וויא צוא שעטצין דאמענ-רעכט. אלזא זאג איך אייך פריילינס, אז בעפאר זייא (די קאוואלערין) וועלין ניט אבעסנייען דיזען תלמודישען מאמר, זאלט איהר ניט אן הייבין צוא טאנצען מיט זייא. אז זייא קענען הערין אזא באליידיגונג אויף אייך, אונ זיך ניט סטאראייען צו פאר ענטפערין, איז זייער גאנצע דאמענ-רעכט פאלש, וואס פאלש הייסט, נור אייגענע ליבע, וויא דער לאקס האט געענטפערט דעם פריץ.

מיינע גימינאזיסטען זיינען גיבליבין שטיין טאקע פשוט וויא די הענער עס יכול'ת ניט, חאטשיא נעמט זייא ארויס אלע ציינער.

איך זאג אייך נאך אמאהל איהר געעהרטע פריילינס, אז ניט אזויא טאנצין מיט זייא, איהר זאלט גאר אפילו ניט ריידין מיט זייא. אז זייא קענען הערין אזא באליידיגונג אויף אייך „וועהע איז דעם וואס האט טעכטער” אונ זיין גאר גלייכ-גילטיג, גאר ניט צו לייגין די קאפ, ווען זייא וואלטין צו דעם צו לייגין די קאפ לפחות אהעלפט וויא צו דאמענ-רעכט וואלטין זייא געווים געפינען איין אנדער אבייאסנענע, ניט וויא פארלייפיג ווייזט אוים.

וואס זאגט איהר אויף דעם? — זאגט דער מחותן צו מיר, — איך קען טאקע ניט צוזעהען אזא באליידיגונג אויף די דאמען, זאגט וואס גיבער איין ערקלעהרונג אראפ נעמען דיא באליידיגונג, איך מיין זיך אויך אין דעם, איך האב זאלין גיזונט זיין 4 טעכטער מיט 1 זאהן.

אז איהר וועט מיר געבין אייער יא ווארט, אז איהר וועט אויף הערין צוא טאנצין תערובות, הערען זאלין זיך טאנצין באזונדער אונ דאמען באזונדער, הערען האבין זיך אנדערע זארטין טענץ אונ דאמען אנדערע זארטין, וועל איך אייך אוים לייזין פון דיזע ביעדא. איך גלויב אז די ערשטע צייט וועט אייך זיין שווער זיך אב צו גיוואוינען, ווייל דאס האט זייער אשטארקען רייץ (כמחז"ל עריות נפשו ש"א מתאוה להם כו') אונ די באזונדערע טענץ וועט ביי אייך קיינע גישמאק האבין, נור וויא נהמא בנהמא (ברויט מיט ברויט) אהער מיט אדאמע האט עפעס גאר אנאנדער רייץ. נור דער פארשטעל פון די זאך איז שטראשנער וויא דיא זאך באמת, אונ אז איהר וועט זיך אב גיוויינען וועט איהר ערשט זעהען וויא שענדליך דאס איז, ריכטיג וויא דער וואס איז צוא גיוואונט צו שכרות אדער צו פיל-רויכערין שטעלט ער זיך פאר אז מען קען גאר ניט לעבין אנדערס, אבער נאכהער טוט איהם הנאה, אונ ער פאר ליידעט ניט ווען אצווייטער רויכערט אין זיין געגענוואַרט, איהם חאפט צאדין דיא קאפ פון יענעמס רויך.

וואס

וואס איז דאס פאר אזא פארברעך צו טאנצין הערין מיט דאמען ? האפט זיך ארויס איין גימנאזיסט וויא פון פייער .

אין דעם בין איך ניט מחוייב אריין צוא קלעהרין , איהר קענט זיך נור נעמען איין ביישפיעל פלייש אליין איז כשר , מילך אליין איז אויך כשר , פלייש מיט מילך צוזאמען איזט טרייף אונ וויא טרייף אפילו בהנאה , אונ פאר וואס ? דארפין מיר ניט אריין קלעהרין , מיר קענען נור פארשטיין אז יעדער פאבריקאנט וואס ארבעט זיינע צייג וייס ער איהר גיטע , דער בורא וואס האט גיוועבט דעם מענטשין פון זיין מוטערלייב וייס ער וואס פאר איהם איז גיזונט פאר זיין קערפער אונ פאר זיין זעלע , אונ אז ער האט פארבאטין בשר בחלב , וייס ער אז פאר זיין זעלע איז דאס גיפערליך , אונ דאס גלייכין תערובות זכרים ונקבות איז גיפערליך פאר זיין זעלע , אונ פיליכט נאך פאר זיין קערפער אויך , וויא קלוגע פארשטייען .

זייער ריכטיג ערקלעהרט , ענטפערט דער גאסט , נוא וואס איז אבער דיא אביאסנענע אויף דעם מאמר אוי למי שבניו נקבות ? מיר זיינען זייער נייגעריג צו וויסין , מיר קענען ניט ערטראגען די באליידיגונג פון די גיעהרטע פריילינס .

אנדערס וועט דאס ניט זיין , וואו איהר וועט מיר ניט געבין אייער יא ווארט אז איהר וועט ניט טאנצין קיין תערובות , וועל איך אייך ניט ארויס נעמען פון ביעדא , וויא באלד איהר זייט אריין גיפאלין וויא בלינדע צו מיר אין האנט , ליגט אויף מיר איין היילינער פפליכט צו סטאראייען זיך ליכטיג מאכין אייערע אויגין פון דיא גרויסע פארבלענדענעס .

ניט ווילענדיג מוזין מיר געבין אונזער יא ווארט , רופין זיך אויס 2 אין דעם נאמען פון אלע קאוואלערין .

יעצט מיינע טהייערע וועל איך אייך ערקלעהרין , נור הארכט מיט אזינען . באטראכט זייערע קלוגע ווערטער אשרי מי „שבניו" זכרים , ואוי למי „שבניו" נקבות , וועהע איז דעם וואס זיינע „זיהן" (ד. ה. זיינע „אינגלאך") זיינען מיידלאך , וויא הייסט עס אינגלאך זיינען מיידלאך ? עס האט דאך באדארפט שטיין אוי למי „שורער" נקבות , פון דעם זעהען מיר דיא ווארהייט אז דיא חז"ל מיינען חלילה ניט צוא שענדין דעם וואס דיא נאטור האט חונן גיוועין מיט נקבות , דיא וועלט דארף האבין נקבות גלייך וויא זכרים , אונ וואס דער בורא גיט איז גוט , זאל נור זיין אויף לאנגע יאהר . נור דא ליגט גאר אוויטציגער גידאנקען . מיר גידיינקען מיט 30 יאהר צוריק , אז אשדכן האט פארגישטעלט אחתן האט מען דערציילט זיינע מעלות , אין וואסער פאך ער איז גיוועין , אפילו אבעל מלאכה אדער אקרעמער , האט מען איהם גערימט ער איז אגוטער מייסטער

אהעלד

אהעלד אין גישעפט, אטייער קינד, אבחור וואס ווייס זיך וויא צו האלטין, ער איז שפארזאם, קלייבט דעם רוביל, פארשווענדעט ניט, שבת אונ יום טוב שאטאייעט ער זיך ניט ארום אין די גערטנער, נור האט זיך אקביעות מיט נאך ערליכע קינדער צו לערנען, אום ניט צו פארגעסין וואס דיא עלטערין האבין גיסטראדאייעט צו געבין איהם לערנען. ער האט אפאר מאהל אויס גיהאט משניות, לערינט אלע שבת די סדרה חומש מיט רש"י, אביסעלע תנ"ך, חיי אדם, צוויסין אדין וויא איין איד צו זיין, וויא צו לייגין תפלין, וויא צו היטין שבת, וויא צו באהאנדלען אונ שעטצין עלטערין. לערינט אביסעלע מוסר השכל צו וויסין מיט וועלכע מיטלען אויס ראטין פון הארצין די פארדארבענע זיטין וויא כעס, גאוה, תאוה, קנאה, שנאה, אונ ד. ג. אונ איין פלאנצין מדות טובות וויא ליב האבין יעדערין אונ שעטצין יעדערינס כבוד, כמה מאל אין דער וואכין אויך אביסיל גילערינט. אין די לידיגע צייט גילערינט זיך שרייבין. קורץ עס איז אבחור אהעלד איין שלם, וויא די משנה דריקט זיך אויס "יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ". עס איז שיין אונד הערליך, אמייסטער אונ האט אגרויסע ידיעה אין לערנען*). דאס גלייכין ווען איינער האט סטודירט האט ער ניט אוועק גי-
ווארפין

*) די וואך פון דער חופה האט ער זיך געסטאראיעט דורך צו לערנען דיני צניעות פון שולחן ערוך, וויא איין יוד דארף זיך באגיין מיט זיין פרויא אין די צייט וואס זיא דארף זיין באזונדער, ער זאל דאס אליין ריכטיג וויסין, אונ נאכהער זאל ער דאס איהר אויך קענען באלערנען, זיא זאל זיך וויסין אויפצופיהרען וויא עס פאסט פאר איין יודישע טאכטער. אונ ווער רעדט דעם טאג פון דער חופה האבין חתן כלה גיפאסט, אונ עוסק גיוועז אגאנצין טאג בתשובה ומעשים טובים, באזארגט אז זייער שמחה זאל צו גיין אין אלעם נאכין יודישען גישמאק (רחמנים, בישנים, גומלי חסדים), פילייכט דארף מען איינע פון זייערע ארימע פריינד געבין וואס צוא ווארפין דרשה גישאנק, בכדי זייא זאלין ניט פארשעמט ווערין. — אויך באזארגין אז אלע באדינער, סארווער, לאקייען, זאלין זיין פון אחינו בני ישראל, ווארום זאלין מיר אויס ווייכין אונזערע ברידער אונ אוועק געבין זייער פרנסה איין אנדערין? ובפרט אז דאס איז נוגע צו כשרות אויך, וויא צו דערלאנגען וויין,

— ולאהבת אחי ורעי אביא פה איזה דברים טובים ומועילים (מקור שו"ע סי' קמ"ו) צריכין החתן והכלה להתקדש עצמן במאוד מאוד בהכנסם לחופה ויעשו תשובה ביום ההוא ויפשפשו במעשיהם מיום הלדם עד היום הזה, ויתודו ויבקשו מחילה וסליחה וכפרה מהשי"ת, ויהיו מודים ועוזבים, ויתחרטו חרטה גמורה בשברון לב, ויעשו הסכמה חזקה מהיום ההוא והלאה לעבוד את ה' באמת ובתמים, ולהיותם קדושים וטהורים ואח"כ יכנסו לחופה, ויתפללו שהקב"ה ישרה שכינה ביניהם וכמו שאמרו חז"ל איש ואשה שכינה בינידם, ונוהגין שאומרים הוידוי בתפלת מנחה כמו בערב יו"כ. וכמה רחמים צריכין בל יגרום החטא להפריד החתן והכלה חלילה בהבלי המאדע כל יום הקדוש הזה, כמ"ש חז"ל (סוף יומא) האומר אחטא ויוה"כ מכפר אין יוה"כ מכפר (היינו שאין מספיקין בידו להתנהג כראוי לקדושת היום) שאין קטגור נעשה סנגור, וכמה פתאים חוטאים בשאם נפש על ספך החופה באמרם „דיא חופה איז נאך פאר מיר" ומה מראות עיניהם שבזה מעידין על עצמן שהמה בורים גמורים שאף דבר פשוט כזה אינם יודעים. — עוד שם, נוהגין לעשות החופה תחת השמים לסימן ברכה כה יהיה זרעך ככוכבי השמים. — השושבינין מלבישין את החתן בקיטל [כדי שיזכור שכל שעשועי הזמן כלים ונפסדים ומאומה לא ישא בידו כי אם חליפות בגדים לבנים ועי"ז יתעורר לקבל עליו לילך בדרך טובים ולשמור ארחות צדיקים] גם נוהגין שהאבות והקרובים אנשי צורה מברכים את החתן ואת הכלה ומתפללים עלידם שזווגם יעלה יפה. ונכון להזכירם שיכוונו

זאָרפין זיין דת, אונ האט גילערינט אסך תנ״ך אונ תלמוד ניט צו פארגעסין דעם לערנען פון יוגענד ולהוסיף לקח, וויא מיר געפינען דיא בעריהמטע קענער בחכמת הרפואה, וויא דער רמב״ם אונ דער אבן עזרא אונ ד. ג., אויף דעם איז גיזאגט .אשרי מי שבניו זכרים״ זייגע זיהן פיהרען זיך אויף וויא מענער גיהערין זיך צוא פיהרין. — ליידער אבער יעצטיגע פינצטערע צייט זעט איהר בחורים העלדין, פארדינער אונ האבין אקאפיקע ניט, עס איז נאר צוא לאכין אויף זייער אנטווארט .וויא קומט אבחור צו געלט״? איך פארשטייא דאס גאר ניט ווער דען דארף האבין געלט אז ניט אבחור? נור דער תירוץ איז זייא זיינען שארלאטאנעס, לא די וואס זייא פארשווענדען זייערע געלט, פארשווענדען זייא אויך זייער גיזונד אונ זייער גליקליכע רוהיגע צייט אין פרוזירען אונ פוצין זיך ריכטיג וויא פריילינס, שטייען צוויא שעהביין שפיגעל מאכין די טואלעטע ביז ער קומט אין שוהל צום אויכ שפייען. אלע למודים ברויכין זייא ניט, נור אנייעם למוד האבין זייא היינט ערקלערט, ער לעהרינט זיך טאנצין*), אונ אזמען דארף

שיכוונו לצאת בברכת בורא פרי הגפן מהמסדר קדושין בכדי שלא ישתו בלא ברכה, וכן אחר החופה שהסארוועד מקבל פניהם בכוסות יין יברכו תחלה לקיים והתקדשתם והייתם קדושים, אדם מקדש עצמו מעט מקדשין אותו הרבה. — עוד שם, אין עושין קנין בשבת, ולכן אם הנשואין בע״ש צריכין ליזהר מאוד שיהיה יחוד הקונה קודם שבת (יחוד הקונה נקרא מה שאחר החופה מוליכין את החתן והכלה לחדר מיוחד ואוכלים שם יחד במקום צנוע, ויש למנוע שלא יכנס לשם שום אדם כדי שיהי׳ יחוד גמור וזהו החופה הקונה ועושה נשואין) אבל אם לא נעשה היחוד הקונה מבעו״ד יום אז אסור לבא עלי׳ בשבת בראשונה, דאין קונין קנין בשבת. — ונכון להזכיר את הכלה להצניע הכתובה אשר מפני דשרדה עלולה מאוד לאבדה (ואסור לשהות עם אשה בלי כתובה). — (עי׳ ברכות ע״ז) ר׳ אמי ור׳ אסי הוו קא קטרין לי׳ גננא לר׳ אלעזר (היו נוהגין שהרעים האהובים להחתן היו מיפין החופה בעלי הדס וכיוצא) א״ל אדהכי והכי אזיל ואשמע מלתא דבי מדרשא (מה גדול ורם אהבתם להתורה ובאהבתה שגו תמיד) ואיתי ואימא לכו אזל אשכחי׳ לתנא כו׳ א״ל ר׳ יוחנן אבל פתח בלמען ירבו ימיכם סרכי׳ נקיט ואתא אתא וא״ל אמרו לי׳ אינו לא באנו אלא לשמוע דבר זה דיינו. ויש לפרש שזימנו לו מן השמים דבר בעתו, כי כאשר ע״י תבונתו ומעשיו הטובים ביום חופתו נתדבק כל כך לאהבת האמת חיל (היא התורה הנקנית במ״ח דברים כמנין חי״ל) אז מובטח שילך לבטח דרכו כל ימי חייו כי סרכי׳ נקיט ואתא ויומשך אחר הרגלו הטוב כשהרגילנו בתורתך (אז) ודבקנו במצותיך כו׳ ולא נבוא לידי בזיון ולא נתחבר לאדם רע ולחבר רע כו׳ ונהיה לחן בעיני ה׳ ובעיני כל רואינו כו׳.

*) אונ דער לערנען זיך טאנצין אליין איז נאך ניט די ענדע, דאס איז נור דער ערשטער שריט צו די בייזע וועג, נאכהער פיהרט איהם דער יצר הרע ווייטער אונ ווייטער ביז ער פארפיהרט איהם אין פינסטערנעס אונ טומאן וואס ער זאל זיך שוין ניט קענען ארויס פלאנטערין פון דארטין זיין גאנצין לעבין, וויא דיר מיין ליבער לעזער איז געווים באקאנט, דער ביישפיעל פון דיא חיה ברדלס (דעבע) וואס איך האב באשריבין (בספר אבן שלמה ע״ט) אז מיט איהר טאנצין אנטקעגין דעם מענטשין צו טומילט זיא איהם אזויא ווייט אז ער לייפט נאך איהר נאך צו איהר נארע, אונ דארטין שמאקצעט זיא איהם אויס זיין מארך פון קאפ, אזויא אויך דער יצר הרע פריער פיהרט ער איהם לערנען זיך טאנצין, נאכהער דארף מען דאך ווייזין וואס מען קען, ווערט מען אשטאט מחותן אויף אלע חתונות, וואס דארטין געפינט זיך נור אבעקאנטע טענצערקע, דאדורך ווערט מען באקאנט מיט גוטע ברידער וואס פרינלאשען צום גרינגעם טישיל, אונ ביין גרינגעם טישיל שאדעט ניט אגלעזיל, אונ מאנכע מאל עטליכע אויך, אונ דאס קאסט אלעם צייט אונ גוטע געלט, עבירות שטייט יעצטיגע צייט אין גוטין קורס (ווייל עס איז דא פיהל קונים אויף זייא), פאר איין עבירה האט מען גיקאנט האנדלען פיל מצות (וועלכע אויף

אויף זייא איז ווייניג קונדין) אונ אט אזויא ווערט מען אבחור אצאצקע.—נאכהער קומט צוא איהם דער יצר הרע מיט אנייעם פראיעקט, אזויא וויא איך האב דיר באטראכט, היינטיגע נאכט, פאר אטענצער אפראכט, פאסט אז דו זאלסט ווערין איין צלען אין קרוזאק פון די וועלט-בעל-טובות (אזא זארט פינסטערע גזועלשאפט), דער פאן גיפעלט איהם זייער, ווייל דארטין וועט ער האבי, אינטערעסע מיט פיל שיינע טענצער-קעס, דא איז ער שוין אפארטיגער לייט, ער ווערט איין הפקר מענטש וואס ווייס שוין ניט וואס עלטערין זיינען, אונ איז גיפערליך פאר מענטשליכע גזעלשאפט. אפראקטיקע איז צו זעהען, אז אין די פינסטערע גיפעהרליכע קומפאניעס זעהט איהר דאס מעהרסטע נור טענצער מיט טענצערקעס, אונ פון די וואס גייען לערנען אין תפארת בחורים ופשיטא אין חברה פועלים פון זייא וועט איהר איינעם ניט געפינען, ווייל דער וואס האט נור אויף זיך עפעס מורא שמים, האט אויך מורא מלך ושרים, וויא דער חכם מכל אדם זאגט (משלי כ״ד) „ירא את ה׳ בני ומלך״, פירכטע זיך מיין קינד פאר גאט אונ פאר דעם קעניג, „עם שונים״ מיט די וואס ווילין ענדערין די פאליטישע הנהגה „אל תתערב״ זאלסטו זיך ניט פארמישין, דו זאלסט גאר אין זייערע ד׳ אמות ניט שטיין, איבער צוויא אור-זאכין, דאס ערשטע „כי פתאום יקום אידם״ דען פלוצלונג וועט אויפשטיין זייער בראך, דאס איז גאר פשיט פראוויטעלסטווע וועט דיר דערגיין אונ דיר פארשיקען לעזאזל, היינט וואָרום זאלסטו שטעלין דיין לעבין מיט דיין פאטער אונ מוטערס לעבין אין גיפאהר? ווייל זייא וועלין דאך געוויס ניט אויס האלטין פון צער, אונ אויך מאכין אגרויסין פלעק אויף דיין פאלק וואס שטענדיג אפילו אין גאר זייערע ערגסטע צייטין, זיינען זייא גיבליבין טרייע אונטערטאנער, אידין זיינען מאנכע מאהל פארמישט גיוועזן אין פראצעסין פון פארשיידענע שווינדלעריי. נור אלעס וועגין ארויביל פארדינען, אבער ניט חלילה וועגין מאטעזין, איבער די אלטע שבועה וואס מען האט אונז באשווארין אז מיר זאלין ניט מורד זיין באומות וואס זייא שיטצין אויף אונז אונ שטערין אונז ניט צו האלטין אונזער דת, ווער עס לייענט אונזער אלטע היסטאריע פון דעם תנא בבא בן בוטי מיט הורדס המלך ווערט ערשטוינט אויף דיא אדעשע טרייהייט געגין מלוכה. — אונ דאס צווייטע דאס וואס דיר חלומת זיך אז דוא וועסט גליקליך מאכין דעם נאראד מיט אייער הנהגה אויב איהר וועט מצליח זיין, דאס הייסט איהר טרוימט אז איהר זייט וועלט-בעלי-טובות, זאג איך דיר אז דאס איז אגרויסער טעות, דאס איז טאקע מעהר ניט וויא אחלום מיט גאר אסך דברים בטלים, ווייל „ופיד שניהם״ (פי׳ שינויהם עי׳ מלבי״ם) „מי יודע״! ? דעם בראך פון זייער ענדערונג ווער ווייס! ? ד. ה. ווער איז גאר אים-שטאנד פאר צו שטעלין דעם גרויסין אונגליק וואס דאס וועט ברייגגען אויף דער וועלט, מאטריאליש אונ גייסטליך, מאטריאליש? עס וועט ווערין חלילה פון דאס נייא אדור המבול, המס ושוד, זייא וועלין זיך איינע די אנדערע די קעפ ארונטער נעמע (באין מורא שמים ומורא מלכות איש את רעהו חיים יבלעו), אונ גייסטליך? וואס קען דיר (עזעל קאפ) טרייסטין, די האבער וואס זייא זאגין דיר צו, אז זייא נעמען דיר פריהער ארונטער די (מענטשליכע) ראפ, צו לעבין וויא אבהמה אן אגלויבין, נור זיין אהפקר מענטש, (ורמז בלשון „שניהם״ על התומר והרות ועל שני האופנים, אופן א׳ (הנראה ברור) שלא יצליחו ויושלחו לעזאזל ובאופן השני יתחדש חלילה דור המבול שני כנ״ל), אונ דער נאמען „סאזיאלדע״ וואס זייא האבין דיר איין גירעדט איז אגרויסער טעות, ווען אמענטש מאכט זיך פרייא פון גלויבין ווערט ער ערשט איין עוויגער שקלאפען-דינער בייא זיינע 3 פאייקעס, קנאה, תאוה, כבוד, ביז זייא שלעפין איהם ארויס פון דער וועלט, (עי׳ פאר-רעדע ח״א צד XV). — דרום

מיין

דארף דערציילין זיינע מעלות זאגט מען גאר אנייע מעלה, אה! איז ער דאס אטענצער גאר אפגעבראכט! אויף אזעלכע זיהן זאגין דיא חכמי התלמוד אוי למי „שבניו” נקבות, וועהע איז צו דעם וואס זיינע „זיהן” זיינען גאר מיידלאך, גאר טענצער, יענעם איז טאקע ווינד אונ וועהע, ווארום דאס איז גאר איין „טומטום” ניט קיין זכר אונ ניט קיין נקבה.

בראוואו! בראוואו! בראוואו! האט גינומען דונערין איבערין גאנצין זאל פון אלע פריילינס אונ דאמען, אונ מיינע פוסטע פראנטין מיט די גימינאזיסטין האבין זיך ניט גיהאט וואו צו באגראבין, אונ ניט ווילענדיג נעבאך האבין זייא אויך מיט געשטימט אונ גיפאצט בראוואו, גוט גוט האט איהר אביעסנייעט אראפ גינומען דיא באליידיגונג פון דיא פריילינס.

יא יא, מיינע טהייערע, איהר פארשטייט שוין אליין דיא נארישקייט פון אייער פינצטערין פיהרונג. איך וועל אייך נאך עטוואס טיפער ערקלעהרין וועט איהר ערשטוינט ווערין אויף אייערע פארבלענדענעס, נור ווייל יעצט איז דיא צייט קורץ, די אוהר איז שוין 2, מען דארף שוין גיין צום טיש. וועל איך נור איינינע ווערטער זאגין, אונ פרייטאג צו נאכט צו שבע ברכות, דער ווינטער אונווינד איז גרויס, וועל איך אייך מיט טהיילין אגרויסע ערציילונג פון מיין רייזע וועט איהר עפענען דיא אויגין וויסען אויף וועלכע וועלט איהר זייט.

אין קורצע ווארטין איז אזויא, שטעלט אייך פאר, וויא אונזער גאסט וואס מיר האבין גיווארט 2 שטונדין אויף דעם פאיעזד, ער וואהר ווירקליך דער גרעסטער מחותן בייא אונז, ער האט אויס גיהאדעוועט די מחותנת'טע אקליינע

יתומה

מיין ליבער לעזער אויב דוא ביסט טרייא זיך, אונ דיין פאטער אונ מוטער אונ אלע מענטשין וויא דוא בארימסט זיך, אונ דוא ווילסט באמת זיין אבן הורין (האבין סוואבאדע) זאלסטו אנטלייפין פון די פינסטערע גיזעלשאפט, אונ זיך באהעפטין צו איידעלע קאמפאניעס וואס ליבען די תורה, דאן וועסטו האבין אמתע סוואבאדע וויא דער תנא זאגט (אבות פ"ו) „חרות על הלוחות שאין לך בן הורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה”. אונ ווען דוא מיין ליבער לעזער בינסט איין אמתער מענטשין-פריינד ערקלער דאס אלע דיינע באקאנטע, אונ זאג זייא אז די צייט וואס זייא פארברייננגען לערנען זיך טאנצין, אונ אין גיפעהרליכע פינסטערע קאמפאניעס, זאלין זייא זיך בעסער לערנען אביסיל שרייבין, וואס מאנכע טענצער קענען איין אידישען בריף ניט אב שרייבין, אונ קיין אדרעס ניט אויף שרייבין, אונ לערנען אביסיל הלכות כבוד אב ואם וויסין וויא צוהאלטין פאטער אונ מוטער. זייא זאלין ניט זיין וויא דיא בהמות וואס ווייסין גאר ניט ווער עלטער איז. ויש לפרש בדרך צחות מאחז"ל (קדושין ל"א) יודוך ה' כל מלכי ארץ כי שמעו אמרי פיך, כאשר שמעו מלכי ארץ דבור כבד את אביך, ואז הודו לדברות הראשונות, יען הבינו כי כאשר אדם מכבד אבותיו בטח יהיה נאמן למלכו (ווען מען איז טרייא דעם פאטער, איז מען אויך טרייא פאטער-לאנד).

יתומה אונ האט איהר געגעבן בילדין, לערנען ווירטשאפט, אונ נאכהער געגעבן אסך נדן אונ אנוטצליכען מענטשין פאר אמאן, ער האט דאך אנטקעגין איהר גיטאהן ריכטיג וויא אפאטער. אונ ניט אלעס-איינעגע-נוטצין, ער וואהר דאך ניט קיין בעזדיעטניק, ער האט איינענע טעכטער אונ זיהן, נור בלויז מענטשענפריינד, דאס איז באמת אפראכטפאלע זאך. דרום האט ער פאר דינט צו ווארטען אויף איהם. אונ די פראזענטין וואס ער האט געבראכט די יונגע פאאר, פשוט וויא איין וואהרער גרויס פאטער, ער איז ווירקליך בייא אונז דער העכסטער מחותן. אזויא האב איך בייא געוואונט אויף איין האכצייט נאך אהעבערין זארט מחותן וואס האט ערצויגין דעם מחותן מיט די מחותנת'טע אונ האט זייא חתונה גימאכט, אונ זייא גיהאלפין אויס האדעוועך זייערע קינדער, אונ נאכהער געשטיצט אפילו אויף נדן פאר זייער זוהן. קורץ זייא האבין איהם גילאדין אויף די האכצייט פון זייער זוהן, ער וואר דער ערשטער מחותן, איין אדיל איין מאגנאט, ער האט פארלויכטין אלע זאלין. הערט אביסיל איין אקט וואס די פוסטע פראנטין האבין דארטין אב גיטאהן, עס קלינגט מיר מיינע ביידע אויערין, עס ציטערט מיר אלע גלידער, מיין צונג ווערט אנשטאנען פון ריידין.

זאגט שוין מיין טהייערע, וואס פאר איין אקציע האבין זייא אב גיטאהן? זייא האבין אביזייעט דעם גרויסארטיגען גאסט, האבין איהם פארשאפט שרעקליכע נעפריאטנכסט, האבין גיטאהן אין זיין געגענ-ווארט אזעלכע זאבין וואס ער האסט עם בתכלית המיאוס, אז ער האט גימוזט אב טרעטין מיט פארדרוס פון זאל, אונ אוועק אונגמוטהיג אונ באקימערט צוא הויז.

אה! אה! אזא פאדלאסט! איך וואלט זייא אוים גיפאצט די טרייפענע צורות, האט זיך ארויס גיהאפט איין ארינטליכער גימנאזיסט.

ווארט עס איז נאך גאר נישט, איך וועל אייך דערציילין די אדילקייט פון גאסט, אונ דיא פאדלאסט פון דיא פראנטין, אז עס פאר קוועצט אין הארצין הערענדיג.

זיין אדיל איז אזויא גרויס, אז אבוואהל ער איז דער פאבריקאנט פון די עלעקטרישע אגאן, אונ ער האט באלייכטעט די אלע זאלין, אונ נעמט דאפיר ניט איין קאפייקע, נור בלויז גוט הערציגקייט, אונ ער האט גיקענט ארויס גיי-ענדיג מיט פארדרוס פארשרויפין דיא מאשינע, וואלטין זייא אלע בלייבין אין דער פינצטער וויא דיא בלינדע.

אונ ער האט דאס ניט גיטאהן? — האט זיך ארויס גיהאפט אגרויס - ארטיגע דאמע - אה! וואס פאר איין אדיל דאס איז, וואס פאר איין גוט הארץ דאס איז

איז, ליידין אליין שמערצין אונ ניט געמען קיין ראכע בעת מען קען, אום ניט צו פארשטערין יענעם זיין שמחה, דאס איז גראסארטיג! ענגעל טהאט!

נוא, וואס האט דער מחותן זעלבסט גיטאהן? ער האט צוא גיקוקט דעם בזיון פון זיין גרויסארטיגען גאסט, אונ האט גאר געשוויגין? ווער זיינען דאס גיוועז אזויא די פראנטין? זייא וואלטין מעגין זיין אפילו חתן כלה׳ס ברידער וואלט איך זייא צוא פאצט דיא צורות אונ דורך גיווארפין! שרייט דיא איידעלע דאמע.

דער מחותן האט דאס צו גיקוקט גלייך גילטיג, ער האט נאך אגרעסערע נארישקייט גיטאהן, דען לבד וואס די גאנצע צייט פון נאך דער חופה אן, זינט מען האט אן גיהייבין צו טאנצין איז דער גאסט ניט גיוועזן דאביי, ווייל ער האט ניט גיקענט צו זעהען זייערע גראבקייט, ער איז ביין גאנצין עסין ניט גיוועזן, איז נאך אם ענדע נאך דרשה גישאנק האט מען גיזאגט פאר עטליכע מחותנים (אסך זיינען צופלויגין פון טיש, אנדערע צוהויז אונ אנדערע טאנצין).גילויבט איז אונזער גרויסארטיגער מחותן וואס די גאנצע שמחה אונ דיא גאנצע סעודה איז כמעט זיינע, אונ מיר לעבין כמעט אלע אין זיין גוטין.

אה! אונ דעם גרויסארטיגען מחותן האט מען גאר ניט גיבעטין צום טיש? אה, איך האלט ניט אויס! וואס איז דארטין פאר אזא אונמענטש? אט דעם גרויסין סקאנדאל האבין די פראנטין אב גיטאהן, מיר האט דערציילט אגוטער פריינד, אז עס איז שוין זייא ניט דעם ערשטין מאל, דעם וויפעלטין מאל שוין אביזייענען זייא דעם העכסטען מחותן, ווען איך וואלט האבין פאלמאכט וואלט איך אויף זייא גימאכט איין פריגאוואר, אונ אוועק שיקען זייא הינטער הרי חושך, אונ דיא בעלי שמחות וואס האבין דאס צו גילאזין וואלט איך געבין אגוטע פארציע הייא*). וואס

*) איך בין ביי גיוועזן אויף איין האכצייט פון אקלוגען מחותן וואס האט פארזארגט פריער אויס צו מיידין ביי זיך די „דולע-שעטנז-טענץ“ אונ האט באדונגען פרייא-מוזיק, נאכהער באמערקט ער וויא די פוסטע פראנטין (פוסט פון תורה אונ חכמה) ווילין אנהייבין זייערע „צומישטע-טענץ“, גייט ער אריין אין טאנצ-זאל מיט זיינעם אקליין אינגעלע אונ אמיידעלע אונ זאגט „גאספאדא! איך שטעל פאר אלע הערין צו טאנצין מיט דיזע יונגע דאמעלע, אונ אלע פריילינס צו טאנצין מיט דיזען יונגען הערעלע, אונ דאס איבעריגע טאנצט זיך דאמען מיט דאמען אונד הערין מיט הערין, די גיעהרטע פובליקע האט דאס גוט פארשטאנען אונ קיינער האט זיך ניט ערלויבט צו טאהן געגין זיין ווילין, אונ די פובליקע האט פיל מעהר פארגעניגען גיהאט מיט די טענץ, מענער מיט מענער נאך דעם יודישען גישמאק. אזויא דארף לכל הפחות פיהרין דער וואס טראגט אויף זיך איין דוהאויגעם נאמען (בל יתחלל שם שמים חלילה ע״י רוב ענותו) אונ פיהייבט גיפעלט עס ניט איינינגע פוסטע פראנטין אונ וועלין נעמען אבשייד, זאלין זייא גיין גיזונטערהייד.

וואס איז דאס עפעס פאר אמין געריבט וואס ווערט געמאכט פון היא? פרעגט איין סארוועוער פארוואונדערט.

חא! חא! חא! האבין זיך איניגע קלוגע פריילינס פארנאנדער געלאכט וואס פארשטייט איהר ניט, אזעלכע בעלי שמחות וואס ווייסין ניט צו שעטצין זייער גליקס-פארשאפער זיינען דאך בהמות. דארף מען זיי קארמענען מיט היא.

נאך מיין מיינונג זיינען זייא קיין היא אויך ניט ווערט — רופט זיך אב אקלוגע דאמע — אבהמה האט אויך פארשטאנד צוא דערקענען איהר ווירטה, כמ"ש ידע שור קונהו והמור אבוס בעליו, אונ זייא האבין אויף דעם אויך קיין פארשטאנד ניט, האבין זייא קיין היא אויך ניט פארדינט, נור הייסע שטיינער.

זאגט אונז מיין טהייערע, ווער זיינען דאס די אונפארשעמטע פראנטין מיר ווילין זייא קענען, אונזער הארץ איז שרעקליך אויף גירעקט אויף זייא, מיר וועלין לייפין יעצט אין מיטין נאכט אויף רייסין זייא פון שלאף אונ צוברעכין רוק אונ לענד, ניט לאזין אגאנצע גליד. אונ ווער איז דער טהייערער מענטש, מיר וועלין לייפין איהם טרייסטין אונ ערפרייען זיין פארוואונדעטע הארץ פון דיא נידערטרעכטיגע טהאטין פון דיא אונפארשעמטע יונגען.

אה! גיב איך אגרויסין זיפץ פון גרונד הארצין, דיא הארץ האט מיר פאר קוועטשט, אונ בין גיפאלין אין אונמאכט אפין פאטעל.

גיבער ראטעוועט! דערלאנגט עסיג! שפירעטעס! — האט זיך גיהערט קולות, געפילדער, אונזער טייערע באשעפענעס איז אין אונמאכט געבליבין — וואס פאר אגוטס איז אייך! לאזט זיך ניט אב, אונזערע זעלע, אונזער לעבין! ביז וואנען מען האט מיר אויפגעמינטערט, אונ צוריק אין לעבין גיבראכט.

זעהסטו אזא איידעלע זעלע, זאגט אגרויסארטיגע דאמע צו איהר איידעלע טאכטער, אזא איידעלע גוטע הארץ, אז זיא האט גינומען ריידין וועגין די פאר-דארבענהייט פון דיא אונפארשעמטע יונגען, אונ פון דעם בזיון פון דעם גרויס-ארטיגען גאסט, האט איהר דיא הארץ פארקוועטשט, ביז זיא איז אין אונמאכט גיבליבין.

די יונגע מענטשין זיינען נאך מעהר אויפגערעגט גיווארין פון דיזע סצענע, אונ שרייען מיט איין שטימע, אבער אום גאטעס ווילין זאגט אונז ווער זיינען זייא! מיר וועלין שוין מאכין פון זייא אסוף, אז עס זאל זיך שוין מעהר אזעלכע פאדלאסט ניט הערין אונד ניט זעהען, אונ דעם אדעלען מענטשין וועלין מיר מיט אונזערע ווייסע רייד ערקוויקען זיין הארץ.

איך שווייג שטיל אונ טרערין ווייא פעריל קיקלט זיך מיר אויף די באקען, אונ מיט גרויס גיוויין זאג איך צו זייא, עס איז מיר זייער שווער מיינע טהייערע

צוא

צוא אנדעקען אייך ווער זייא זיינען, איך וועל אייך פארשאפען מיט דעם גרויס שאנד.

זאגט, שטערט אייך ניט! זייא מעגען זיין אונזערע ברידער וועלין מיר ניט קוקען אויף־קיין זאך, מיר וועלין מאכין פון זיי אתל! אט שוין די זעלבע מינוט!

יא מיינע טהייערע איהר האט האלב גיטראפען, דאס זיינען אייערע אייגענע ברידער, אונ איהר זעלבסט אויך, האב איך געענדיגט מיט אפארציטערטע אונ אצובראכענע געמיט.

דיא אלע יונגע מענטשין וואס האבין גיטאנצט "שעטני־טענץ", זיינען גי־וואָרין ווייס וויא קאלך, זייא האבין גינומען עטוואס פארשטיין, אונ איך האב מיר גיפאסט מוטה אונ זיך אנידער גישטעלט, אונ האב זייא ערקלערט דעם נמשל.

דער גרויס־ארטיגער גאסט, וואס האט אויס גיהאדעוועט די מחותנים אונ זייא חתונה גימאכט אונ שפייזט זייא, דאס וואהר דער עוויגער, ניט אזויא נור די מחותנים, חתן כלה אויך, ער האט אלע גוטעס אויף דער האכצייט גיגעבין, אונ באלייכטעט אונז בייא טאג מיט זיין ליכטיגע שטראלינדע זוהן, אונ בייא נאכט מיט די גאז באלייכטונג וואס ער ערשאפען האט. די איידעלע מחותנים האבין איהם גילאדין אויף דער האכצייט, האבין איהם גידאנקט אונטער דער חופה "שהכל ברא לכבודו", אלע פרעדמעטין אונ אלע כחות פון דער וועלט האט השי"ת באשאפין, אז דער מענטש זאל דורך זייא אנערקענען די גאטהייט, ווען ער זאל זייא יעדער איינציגען גוט באטראכטין מיט אריינעם פארשטאנד. אונד נאכהער זעהען וויא אלע צוזאמען הארמאנירען צו איין צוועק, לקיום העולם*) אויך האבין מיר איהם גידאנקט וואס ער האט באשאפין "ששון ושמחה כו' אהבה ואחוה" ברידערליכע ליבשאפט, פריידע אונ געזעלשאפט וואס פארשאפט גרויס פערגעניגען דעם מענטשין, האבין מיר אלע זיך באדארפט פרייען מיט אזא הויכ־ארטיגען גאסט, אונ זעהען צו טאן וואס נור אים איז גיפעלין, אם ענדע ערלויבט איהר זיך צו טאן אזעלכע אונפארשעמטע זאכין, גיוואלט חאפין פון זיין בופעט אפילו אן איין דאנק, אן היטליך, אן מורא שמים, אונ דאס אליין איז נאך אויך ווייניג, האט איהר גינומען טאהן אזעלכע מעשים וואס זיינען מתועבים בעיניו (אלהיהם של אלו שונא זמה) וויא תערובות נשים ואנשים אונ טאנצין צוזאמען פשוט וויא שיכורים. מען זעצט זיך בייא אטיש, ווער רעדט פון אדבר תורה, נור נארישקייט אונ

*) שנאמר כל הנקרא בשמי (שהם כל מעשה בראשית ששמו של הקב"ה נקרא עליהם) בראתים לכבודי להיות משמש למשפטי החכמה העליונה לצורך הנהגת העולם אף שנעלם מבינתנו, דהרי יצרתיו, נתתי לכל אחד צורה נאותה, וגם עשיתיו, תקנתי צורתי של כל אחד עד להפלא לכל חוקרי הטבע שראו במיקראסקאפ שיש נמלים בעלי כ"ד רגלים, איה מקום לרוחב שערה שיכיל כ"ד רגלים על רחבו? והרי זה יותר פלא מבריאת הפיל, וכיון שנברא כל א' כ"כ בדקדוק וחריצות גדול ובכל כלי השמירה הצדיכים להם לקיומם, מזה תדע כי כולם לתכלית גדול נבראו (עיין לבנון ות"י אבות פ"ו ע"ש). והסכלים האלו תחת להביט אל פעולת ה' ואל מעשה ידיו נמשכו אחר כנור ונבל תוף וחליל ויין משתיהם, הה! לשכרות הזאת כמה היא כיללת!!

און ליצנות, דעם בדחנ׳ס אלע נארישקייט, עס איז פשוט כל שולחנות מלאו קיא צואה בלי מקום, דער ליבער גאסט קען דאס ניט צוזעהן, ער איז מסלק שכינתו מבינינו, און מיר נעמען דאס גאר ניט וונימאניע. און מיר זיינען נאך אזויא אונפארשעמט, און זאגין נאך פאר די עטליכע וואס בלייבין צום בענצין, שטיינס גיזאגט די טענצער פרעסין זיך אן און גייען באלד טאנצין, וואו בענצין וואו וואשין זיך, די איניגע ארינטליכע וואס בלייבין ביין טיש זאגין, שהשמחה במעונו״, די פריידע איז אין זיין וואהנונג (אין זיין געזעלשאפט, אין זיין געגענווארט), אשיינער שהשמחה במעונו? ער האט דען גאר אבליק גיטאהן אין אונזער ווינקיל? ער האט דאך כביכול גאר אב גיטראטין „דובר שקרים לא יכון לנגד עיני צווח הכתוב״. אז אזא אונפארשעמטען פיהרונג מאכין מיר ביין ערשטין שריט פון אונזערע קינדערס גליק, אזא אונפארשעמטען פאראדאק וויא אונזערע האכצייטין פיהרין זיך, דאס איז נור כדת המלך אחשורוש, ניט כדת משה וישראל, היינט וואס פאר אגוטס קענען מיר נאכהער האפין צו זעהען אויף אונזערע קינדער? מיר באקלאגין זיך די צייט גייט אונז שלעכט, מען יאגט אונז מען טרייבט, צרות און הירבונות, און מיר ווייסין גאר ניט פאר וואס? אה, מיר ווייסין ניט פאר וואס? „אולת אדם תסלף דרכו ועל ה׳ יזעף לבו״ אונזער פינסטערער פיהרונג ברייננט אויף אונז גרויסע אונגליקין, און נאכהער זיינען מיר ברוגז אויף השי״ת. ווען מיר זאלין קיין אנדער פעלער ניט האבין, נור דעם שמוטציגען ארדענונג פון אונזערע האכצייטין קלעקט אויך. וויא די תורה זאגט „ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי״ דער פסוק זאגט דאך דייטליך, אז איהר מיט אלע נאראדין קענט ניט שטיין אויף איין גלייכין פלאטץ איהר שטייט אשטאפיל העכער פון אלעמען „ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי״, נוא אין דער וועלט איז פארהאנדין חיות, בהמות, מענטשין און „מבחר מין האנושי״, איז בעת מיר זיינען דער „מבחר מין האנושי״ זיינען דיא איבעריגע „מענטשין״, ווען אבער מיר שטייגען אראפ איין שטאפיל פון „מבחר מין האנושי״ אויף „איינפאכע מענטשין״ שטייגען אנטקעגין אראפ פיל פון אנדערע אויך איין שטאפיל, פון „מענטשין״ אויף „פיהע״, ניט צוא געבין אונז קיין עהרע וויא „פיהע״ ווייסין ניט פון כבוד הבריות. ווען מיר שטייגען נאך אראפ ווייטער פון „מענטשין״ אויף „בהמות״ וויא אונזער יעצטיגער אויפפיהרונג „סוסים מיוזנים משכים היו איש אל אשת רעהו יצהלו״ (ירמי׳ ה׳) אזויא וויא די פיהע וואס הירזעגען איינער צו דעם צווייטינס פרויא, שטייגען אנטקעגין אראפ איניגע פון די איבעריגע פון „פיהע״ אויף „טהירע״, און עס שפראצט אוים אנטיסימיטען וואס מען רייסט און מען צופט אונז, האט מען דאס אלעס אונז פריהער פאסטרעגעט, און נאכהער זיינען מיר אזויא דום און נאך ברוגז אויף דיא הנהגה פון

השי״ת

השי"ת*). דרום מיינע טהייערע ווארפט אוועק דיא אונפארשעמטע פיהרונגען, אונ חאפט זיך צוריק ארויף מדרגות ווייס, ביז אונזער רעכטע מדרגה "עם סגולה", אונ אז מיר וועלין שטיין אויף די שטופפע פון מבחר מין האנושי, דאן וועלין זיך אונזערע שכנים מיט אונז ארויף האפין אויף זייער מדרגה פון "מין האנושי", אונ וועלין וויסין וויא אונז צו געבין עהרע, ונהי' לשם ולתהלה אמן.

גראסארטיגע געטליכע באשעפענעס, האבין מיט איין שטימע געשריען אלע גימינאזיסטין פאלענדיג איהר צו די פיס מיט דאנקבארע טרערין. אבוואהל יעס פלאמט אונז די אויגין פון די אפעראציאן וואס איהר האט אונז גימאכט, דאך זיינען מיר זייער צופרידין, ווייל איהר האט אונז אראפ גינומען דיא בעלכעס פון דיא אויגין, מיר זעהען שוין איין בלאסק פון דיא ליכטיגע געטלי-כע שיין, וויא זיך אויפצופיהרען על פי דת משה וישראל. לאמיר אלע איבער בעטין דעם גרויסארטיגען גאסט וואס מיר האבין איהם באליידיגט מיט אונזערע פינסטערע פיהרונגען, אונ אלע מיט איינע שטימע האבין אנגעפאנגען: "גרויסער גאט! גינעדיגער אונ בארימהערציגער, פארצייהע אונז פאר אונזער אירטהום, מיר האבין דאס ניט גיטאהן דיר להכעים חלילה, נור אונזערע בלינדהייט האט אונז פארפיהרט אין אלע העלין, מיר האפין פון היינטע דאס מעהר ניט צוא טאהן, גוטער גאט! מיר וייסין דיר ניט וויא אב צוא דאנקען פאר דיין גינאדע צוא שיקען אונז איין ענגעל צוא קורירען אונזערע בלינדע אויגין אונ מאכין זייא ליכטיג. גאספאדא! לאמיר יעצט אונזער אויגין דאקטער לאזין אב רוהען, ווייל ער האט זיך פיל אנגעשטריינגט, אונ דער זייגער איז שוין 3, אונ מען דארף גיין צום טיש, פרייטאג צו נאכט זאל קיינער פון אונז ניט פעלין. מיר וועלין נאך ברייננגען יעדער אונזערע בעסטע גוטע פריינד צוא הערין דיא הימיל זיסע ערציילונגען פון דיזען געטליכען ענגעל.

איך

*) דער תנא זאגט (אבות פ"ו) אז אלע טאג גייט ארויס אבת קול פון הר חורב (עי' תפארת ישראל) אונ ערקלעהרט אונז "אוי להם לבריות" אז אלע אה! וועהע! וואס מען הערט אין דער וועלט, דער שרייט נעבאך: אה! וועהע! איך האב קיין פרנסה נים. דער נעבאך שרייט אה וועהע! איך האב צער פון קינדער ערציהונג. פון דארטין הערט מען קולות עס איז הונגער, מענטשין פאלין אין דיא גאסין. פון אנדערש וואו הערט מען פינסטערע נאכריכט פון שריפות ר"ל, רייכע פאמיליען זיינען אין איין נאכט בדלות גיווארין אונ וואלגערין זיך אין פראסט הויזע נאקעטע אונ הונגעריגע, פון יענעם ווינקיל הערט מען קולות וואס צושפאלט דיא הארץ אויף שטיקער, אה! וועהע! מען טרייבט אונ מען יאגט, דיזע אלע אה! וועהע! איז נור "מעלבונה של תורה" ווייל מיר פארשעמען דיא גוטע וועג וואס דיא תורה האט אונז גישטעלט "חוקי חיים" איהרע גיזעטצע גיבען דעם מענטשין לעבין מיט פארגעניגען אויף דיזע וועלט, אונ גוטע האפפענונג צוא דיא אייביגע גליקליכע וועלט.

(מעשה אלפס, ח"ב 4)

איך בין ניט אים-שטאנד דיר מיין ליבער פאטער פארצושטעלין דיא פרייד פון דיזע נאכט, העכער וויא איין שטונד האט געווערט איידער די געסט זיינען צוא זיך געקומען פון דיא אויפרעגונג פון מיין רעדע, מען האט געוויינט פון פריידע, אונ איך האב אויך געוויינט פון גרויס שמחה. איך שרייב דיר דיזין בריעף, אונ פריידע טרערין קייקלען זיך מיר אויף דעם פאפיר, איך פארקירץ מיין שרייבין ווייל איך וויל אויס רוהען, איך האב מארגין (פרייטאג צוא נאכט) פאר זיך אשיינע אונטערנעהמונג, עס וועט דארטין זיין אגרויסע פובליקע פון פארשיידענע מענטשין, אונ איך האב פאר זייא ארעכטע ערציי-לונג, דער עוויגער זאל מיר געבין כחות אונ אגוטע אויסשפראך, עס זאל מאכין אגוטע ווירקונג אויף זיינע איידעלע קינדער, והיה זה שכרי, אונ איך ענדיג מיין שרייבין מיט מיינעם שטענדיגען ווארט „כל זמן שתוכחה בעולם טובה וברכה בעולם״. געוויס וועל איך דיר שבת-צו-נאכט אי״ה שרייבין דיא גאנצע געשיכטע פון דעם „ליכטיגען פרייטאג צוא נאכט״.

ז. דער זעכסטער בריעף.

ליבער אונ טרייער פאטער! איידער איך פאנג אן אב צו שילדערין דיא קארטינע פון דעם ליכטיגען פרייטאג צונאכט, וועל איך דיר מיטטהיילען אין קורצען וואס האט זיך פאסירט בייא דיא חופה וועצערע.

וויא איך בין זיך געזעסין אויף מיין שטוהל רוהען פון דיא גרויסע אנשטריינגונג פון דיא פאריגע רעדע, האב איך געבליקט פון ווייטין מיט פיל פערגעניגען זעהענדיג דיא גוטע פריכטע פון מיינע זאמען, וואס איך האב געזייט אויף זייערע הערצער, דיא פובליקע זיינען זיך געגאנגען וואשין פון גרויס ביז קליין זאגאר אפילו פריילינס אונ מען האט געזאגט „שאו ידיכם קדש״ אונ „על נטילת ידים״, מען האט געקאנט לייכט ערקאנען אז זייא האבען געלעזין דעם פרק „אמציאה פון אגנב. פון מיין צווייטין בריעף (זייטע 52) איך האב אווינק געטאהן צום מחותן ער זאל הייסען דערלאנגען עטליכע קלארע האנטיכער, בכדי עס זאל ניט אויסקומען זיך ווישין מיט איין נאסין האנטוך, וויא עס פאסירט גאנץ אפט אין אגרויסע פובליקע ווערט דער האנטוך גלייך נאס אונ אלע ווישין זיך מיט אנאסען האנטוך, וואס דאס איז זייער ניט ציכטיג אונ ניט כשר עפ״י דין*), איבער הויפט האב
איך

*) עס איז אוישר אז אין דיא גרויסע בתי מדרשים אדער וואו מען דאוינט
אסך

איך פערגעניגען געהאט וויא דער מחותן האט איינגעארדענט דיא פלעצער פיר מענער בעזונדער און דאמען בעזונדער, עס האט זיך ניט געפונען איין דאמע זאל זיצין צו וויסען מענער אדער איין הער צו וויסען דאמען, וויא עס פאסירט אויף מאנכע האכציימען וואס זייא איז נאך קנאפ דיא שעטנז-טענץ, איז נאך ביין טיש אויך שעטנז דאמען מיט הערין פאר מישט*), און אנדערע קאוואלערין בענוצין דיזע גוטע גילעגענהייט צו ווייזין דיא פריילין זיין אריסטאקראטיע אז ער עסט אן אברכה און אן אהיטעל, און וועמען עס גילט נאך אב אז זוכענדיג דיא בייטעלע קען ער אב שפילעווען דיא זילעטקע אז דיא פריילין זאל באמערקען אז ער טראגט ניט קיין ציצית, אום זיא זאל וויסען אז ער איז אפאלנער ריכטיגער אריסטאקראט, דער שעצט זיך גאר פיר גליקליך איבער גליקליך, דא איז יעצט ניט גיוועז קיין שפור פון אלע פארדארבענהייטען, ווייל דער מחותן האט גוט באזארגט מיר ניט צו פארשאפין קיין פערדרוס, מען האט אב גיגעסין פיש, מוזיק האט געשפילט זייער אשיינעם מארש.

נאכהער' הער איך מיינע פראנטין האבען אנגעהייבען צו לייענען טעלעגראמעס און זייערע מיט-העלפער שרייען „הורראה"!! איך צייל דיא טעלעגראמעס לערך 50 שטאטיגע לבד ניט היגע, איך גיב אוואונק צו מיינע איבערגעגעבענע אז בעת דיא פראנטין וועלין שרייען „הורראה" זאלין זייא שרייען „הוא טוב"! „הוא טוב"! עס איז געווארען אגרויסער גילעכטער פון דיא צווייא קאנטראסטען קולות.

גאספאדא! זאג איך — איך וועל אייך ערקלערין אזביידע שטימען זיינען ריכטיג, „הוא טוב" איז געווים ריכטיג. און „הוא-רע"! איז אויך ריכטיג, דיזער מנהג איז זייער אונבארעבינט מען קען איהם רופען פשוט „אמנהג רע", דיא צענדליגע רובלס וואס גייט אוועק אויף דיא טעלעגראמעס וואלט מען קענען פון דעם אויפטאן גרויסע וויכטיגע זאכען, נור לאמיר ניט זוכען גאנץ ווייט, דא איז פאראנען דער גבאי פון הכנסת כלה, זאל

מען

אסך מניינים זאלין דיא גבאים אכטונג געבין, עס זאל זיין זאפאסנע האנטוכער און איבער בייטין איינינע מאל אטאג, עס איז זייער ניט ציכטיג און ניט כשר אז דער האנטוך איז נאס אוים צודרייען און מען וויסט זיך מיט איהם, און בפרט שבת כומט עס נאך ארויז אין איין איסור סחיטה. איך ווייס פון איינעם אקלוגען מענשין וואס גיט אפט האנטוכער אנדבה אין בתי מדרשים, דאס איז זייער אוויכטיגע נדבה.

*) צריכין ליזהר שלא יאכלו אנשים ונשים בהדר אחד (ופשיטא על שולחן אחד) שאם אוכלין אנשים ונשים בחדר אחד אין אומרים „שהשמחה במעונו" כי אין שמחה כשיצר הרע שולט (קצור שו"ע סי' קמ"ט).

מֶען פּוּבּלִיצִירִין אוּנ בַּאקָאנְט מַאכֶען אַז יֶעדֶערֶער וָואס וִויל שִׁיקֶען אֵיין טֶעלֶעגְרַאמֶע זָאל אַרוּיף טְרָאגֶען צוּם גַּבַּאי אוּנ דֶער גַּבַּאי זָאל מַאכֶען אֵיין טֶעלֶעגְרַאמֶע מִיט אַלֶע אוּנְטֶערְשְׁרִיפְטֶען אוּנ זָאל מַארְקִירֶען עֶס זָאל אָן קוּמֶען רִיכְטִיג צוּם טִישׁ, וֶועט בְּלַייבֶּען אִין קַאסֶע פוּן צְדָקָה אַרֶעכְטֶער קַאפִּיטַאל, וָואס מֶען וֶועט קֶענֶען הַתּוֹנָה מַאכֶען פִיל אָרֶעמֶע יוּדִישֶׁע טֶעכְטֶער, מֶען וֶועט דָאךְ פָּשׁוּט אוּיף בּוֹיֶען וֶועלְטֶען מִיט דִיא גֶעלְט וָואס עֶס גֵייט לְאִבּוּד. אִין אֵיין כְּרַךְ קֶען וֶוערִין פוּן דֶעם 1000 רו״כ אַיָאהר, אָדֶער נָאךְ אַזֶעלְכֶע וִויכְטִיגֶע זַאכֶען וָואס מֶען קֶען אוּיף טָאהן מִיט דִיזֶען קַאפִּיטַאל.

נַאכְהֶער בַּאמֶערְק אִיךְ וִויא דֶער בַּדְחָן וִויל דָא אָנְהֵייבֶּען דִיא פּוּסְטֶע גְרַאמֶען מִיט זַיינֶע שְׁמֵייכְלֶערַיי צוּא דִיא מְחוּתָּנִים, וָואס אִיז עֶקִיל-הַאפְט פִיר אֵיין רֵיינֶעם חַאראַקְטֶער, אוּנ אוּם צוּ פַארְהִיטֶען עֶס זָאל צוּ דֶעם נִיט קוּמֶען פַאר-חַאפּ אִיךְ אַפְרִיעֶר, אוּנ זָאג צוּ אִידִים "לִיבֶּער הֶער משמח חתן וכלה ("בַּדְחָן" אִיז דַייטְשׁ "עֶרְפְרֵייעֶר" וַוייל עֶר אִיז דֶער שָׁלִיחַ פוּן דִיא פּוּבְּלִיקֶע מְשַׂמֵּחַ צוּ זַיין חָתָן וְכַלָּה מִיט אֵיידֶעלֶע אוּנ קְלוּגֶע רֵייד אָבֶּער נִיט מִיט לֵצָנוּת אוּנ דוּמְהַייט וָואס דָאס הֵייסְט נוּר "הוֹלְלוֹת") שירו לנו משיר ציון זִינְגְט אוּנְז עֶפֶּעס אַפֵּיינֶע לִיעד פוּן צִיוֹן".

זֵייעֶר גוּט, הָאבֶּען זִיךְ פִיל מְחוּתָּנִים אוּיס גִירוּפִין זִינְגְט אוּנְז מִיט דִיא "סאָבֶע" דָאס אִיז זֵייעֶר אַפְרִיעֶמְנֶע אוּנ אַנוּצְלִיכֶע לִיעד. — דֶער בַּדְחָן מִיט דִיא בַּאגְלֵייטוּנְג פוּן מוּזִיק הָאט גִיזוּנְגֶען דֶעם עֶרְסְטִין פֶּערְז אִין זַארְגָאן אוּנ אִיךְ הָאבּ דָאס אִיבֶּער גֶעזוּנְגֶען אוּיף הֶעבְרֵייעֶשׁ אוּנ דִיא מוּזִיק הָאט מִיר שֵׁיין בַּאגְלֵייט אוּנ אַזוֹי דֶעם צְווייטֶען אוּנ דֶעם דְרִיטֶען פֶּערְז בִּיז עֶנְדֶע.

דִיא סָאבֶע.   המחרשת.

כְּנַעַן בְּיָדוֹ מֹאזְנֵי מִרְמָה לַעֲשֹׁק אָהֵב: עוֹד אוֹשִׁיבְךָ בָאֳהָלִים כִּימֵי מוֹעֵד:
(הושע יב, ח, י).

1.

אִין סאָבֶע,
לִיגְט דִיא מַזָּל בְּרָכָה,
דֶער וואַהרֶער גְלִיק פוּן לֶעבִּין,
קֵיין זַאךְ מִיר נִיט פֶּעלְט!

א.

בְּמַחֲרַשְׁתִּי
כָּל אָשְׁרֵי יְרֻשָּׁתִי,
אראה חיים טובים
ולא אחסר מָה, בָּהּ!

ובקומי

עֶס קוּמְט דֶער פְרִיה מָארְגֶען,
אִיךְ דַארְף נִיט לַייהֶען, בָּארְגֶען,
דֶער מוֹחַ דַארְף נִיט זָארְגֶען,
אוֹיף טָאג הוֹצָאוֹת גֶעלְט;
עֶס אִיז אָן גִינְרֵייט אוֹיף וִוינְטֶער,
אַזַאסִיק אַ גֶעזוּנְטֶער,
אִיךְ זַייעַ, אִיךְ שְׁנַייד גַאנְץ מוּנְטֶער,
פְרַייא אִין גָאטֶעס וֶועלְט!

2.

פוּן רַייכֶען,
וֶוער קֶען זִיךְ צוּ מִיר גְלַייכֶען,
וֶוער לֶעבְּט רוּהִיג גְלִיקְלִיךְ,
וִויא אִיךְ בּוֹיעֶר אִין פֶעלְד?
נִיט נָאר גָאט דֶעם רֶעגֶין,
פִיל אִיךְ גְלִיק אוּנ זֶעגֶען,
אִיךְ פִיר שׁוֹין שְׁנָאפֶּעס וֶועגֶען,
חַיוּנָה פַאר דֶער וֶועלְט;
אִיךְ טוּה לַייט עֶרְנֶערִין,
מַארְק-לַייט אוּנ שְׁפַּייכְלֶערִין,
שִׁיפֶערְס קָאמִיסְיָאנֶערִין —
אוּנ כָּשֵׁר אִיז מַיין גֶעלְט!

3.

פוּן מָאדֶעס,
הָאבּ אִיךְ קַיין הַכְבָּדֶת,
וִויא אִין שְׁטָאט פַארְלֶעבְּט מֶען
מֶער פִיל מִיא פֶערְדִינְט.
אַשְׁטְרוֹי-הוּט אוּנ אַסְוִויטֶע,
טְרָאג אִיךְ אָפּ אַ שְׁמִיטָה,
אוּנ מִיט דִיא זֶעלְבֶּע שִׁיטָה
פִירְט זִיךְ מַיין גִיזִינְד;
דֶער סֶערְפּ, אִיז מַיין קַאסִירֶער,
דֶער הָאן, מַיין רֶעפּוּטִירֶער,

ובקומי משנתי
לא תבא דאגתי
לבקש את מחיתי
על צרכי יום הבָא
לחורף מוכן כבָר
האסם מלא בָר,
קצרו ידי ולא זָר
פה על ארץ רבָה!

ב.

בעוֹשר
מי יחי׳ ביושר
חיי שלות השקט
כמוֹני האִכָּר?
בתת יָה גשמי ברכה,
מלאתי הצלחה,
אלומותי אוליכה
להחיות עולם בַּבָּר;
כסוחר, כחרָש,
כמלח כפָּרָש,
יחד עשיר ורָש —
וכספי נקי וישָׁר!

ג.

ממותרות,
אין לי כל צרות
כלשוכני עיר ועיר
בעמק הבכא,
שמיכתי זאת הביטָה
תצלח לי לשמטָה
ולפי זאת השיטָה
תחי כל המשפחה;
התרנגול מקימי,
שֶמש מורה [illegible]מי,

דִיא זוּנן, אִיז מַיין צייט פִירֶער,
מַיין פֶעבֶער, אִיז דֶער ווינְד!

4.

דֶער קְרֶעמֶער,
מוּז בָּארְגֶען יֶעדֶער נֶעמֶער,
אוּנ מוּז נָאךְ קָאנְקוּרִירֶען
אוּנ לֵייזְט אוֹיף 3 פְּרִיצֶענְט.
פוּן וֶועקְסֶעלַאךְ טֶערְמִינֶען,
דַארְט דֶער מַארְח, דֶער זִינֶען,
אִין קְרָאם קֶען עֶר גֶעפִינֶען,
נִשְׁאַר פוּל דִיא וֶוענְט;
אִיךְ דַארְף נִיט קָאנְקוּרִירֶען,
קַיין וֶועקְסְלֶען רֶעגוּלִירֶען
קַיין בוּךְ פוּן חוֹבוֹת פִירֶען
מַיין בַּאנְק אִיז דִיא הֶענְט!

5.

דֶער שֵׁיינְקֶער
מוּז דוּלְדֶען יֶעדֶער שְׁווִיינְקֶער
פִיר יֶעדֶער וָורֶעד אוּנ שִׁכּוֹר
פַאלְט דִיא דָמִים אַיין.
פוּן אַקְצִיז דִיא אַגֶענְטִין
דִיא טַייֶערֶע פַּאטֶענְטִין
אַז אַגְרָאשִׁין אַצֶענְטִין
קוּמְט אִין טַאשׁ אַרַיין;
אִיךְ בִּין פוּן אַלֶעם אַפְּרַייֶער
בִּילֶעט קָאסְט מִיר קַיין דְרַייֶער
דֶער סְנָאפּ וָואס קוּמְט אִין שַׁייֶער
בְּלַייבְּט אִין גַאנְצִין מַיין!

6.

מַיין דַאמֶע
בְּרוּיכְט נִיט קַיין אַממֶע
קַיין הוֹיז–מֶעדְכֶען קַיין בָּאנֶע

והמגל מרימי
על במתי הצלחה!

ד.

על הרוכל
להאמין לכל נוכל, —
להתחרות להשתכר
כי אם על לחם צר!
מתשלומי פרעון
הוא מוכה בשגעון
וסופו עוד לדראון,
כי יאכל גם חיל זר;
אני רחוק מקרבות
מערוך ספרי חובות,
מתשלומי טובות —
הלא ידי עושות בר!

ה

בעל מרזח
ישא מכל קרח
מכל שותה שכור
כעס ומכאובים.
ואחר תשלומי מס
ולשר המשקים פרס
לו רק גרה אחת
תשאר מהסובאים;
אני מכל זה חפשי
מס לא ידע נפשי
קמחי, צמרי, דבשי —
לי הם כל הטובים!

ו.

רעייתי
עומדת לעזרתי
בלי שפחות זוללות

קיין פרעסער אפין קארק!
זיא דארף קיין הוט, קיין פעדער
שפאצירט ניט אין דיא סעדער
פארט ניט אין דיא בעדער
ליבערסט פרייטיג צום מארק —
קיין פוץ קיין פארמאס קירטען
אליין אי אם, אי ווירטהען
אונ אין פעלד איין הירטען
אונ איז גיזונד אונ שטארק!

7.

מיט יאהרען
מיר ווערט אקינד געבארען
ווערט גרעסער מיין הכנסה
איך קויף צו ערד אשטיק,
אין שטאט אקינד וואס מערער
ווערט דעם פאטער שווערער,
ער מוז זיין א דערנעהרער,
אפין האלדז אשטריק;
בייא מיר עס וואקסען קינדער,
ווערט מיין ארבעט לינדער,
אונ יעדערער באזונדער
איז פאר מיר אגליק!

8.

מיין מיידיל
נייא איך אפראסט קליידיל,
אונ טוה מיט איהר א שידוך
אהן צירונג און נדן,
זעהט אין שטאט דיא כלות
שטעלין פראסט בדלות
ראמט פון שטוב אוים אלעס
וואס נור איז פאראן;
מיר איז לייכט צו קריגען

היא גברת מאד נעלה!
לא תתאוו לרדידים
לצעדות ולצמידים
לשוח עם ידידים
בטח בה לב בעלה!
בביתי מתעסקת
לבני היא מינקת
והיא בריאה מוצקת
ורק שמחה וצהלה.

ז.

למזלי
אם עוד ילד בא לי
ירוח לי עוד יותר
ואקנה עוד נחלה,
בעיר כי ירבו בנים
הם להורם כאבנים
וכי יגדלו בשנים,
יוספו לו מחלה;
אך לי הם נולדים
לעבוד כעבדים
וכל אחד הילדים
לרוחתי בא, אך לה!

ח.

את בתי
הן טוב לי תתי
לאיש עובד ישר
בלי מוהר ונדן;
בעיר, ראו הכלות,
כל הון הורן מבלות
ובבית שואלות
כל אשר תמצא ידן;
לבנותי אמצא חיש

במקום

אַ חָתָן גְרַאד אַ הִיגֶען
אונ גִיב נַדן צְוֵויא צִיגֶען
אונ לעבְּט גְלִיקְלִיך פִיר דֶעם מַאנן !

9.

בֶּענְטְשִׁין
זָאל גָאט דִיא מֶענְשִׁין
וֶועלכֶע עֶם שְׁטִיצֶען ציון
צוּרִיק דָאס לַאנְד בְּעַנֵייט ;
בֶּענְטְשׁ נור גָאט דִיא רִיצֶער ,
דִיא קַאלָאנִיֶען בֶּעשִׁיצֶער ,
דִיא אַרְבֵּייטֶער שְׁטִיצֶער ,
דִיא זְרוּבָּבֶל׳ס פון דֶער צַייט ;
וֶוען פון דִיא קַאלָאנִיֶען
וֶועט וֶוערִין מִילְיָאנֶען
וֶועט ציון עֶרְסְט דֶער מָאגֶען
אָט דִיזֶע גְרוֹיסֶע לַייט !

(א. צונזער.)

במקום מושבי איש
ונדן עֵז עם תַּיִש –
אשר נצחי בְּעֵדֶן !

ט.

ועל ככה
יהי זכרם לברכה –
כל השבים לציון
והריסותֶיהָ בונים ;
גם בְּרָכָה, אלקינו
את תומכי פועלינו
ועוזרי מושבותינו
,זרובבלים האחרונים׳ ;
וכאשר המושָׁבות
תעלינה לרבָבות
יכירו הלבבות
את אלה הגאונים !

(שמעתי.)

דִיא פּוּבְּלִיקֶע הָאט אַרוֹיס גֶעוִויזֶען זַייעֶר צוּפְרִידֶענְהַייט מִיט זַייעֶר פְרֵייד, עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ דוֹנֶערִין פון גַאנְצִין זַאל בְּרַאוָואָ, בְּרַאוָואָ, בִּיז! בִּיז! מֶען זָאל אַצְוֵוייטֶען מָאל אִיבֶּער זִינְגֶען.

אַנְשְׁטָאט אִיבֶּער זִינְגֶען דִיא לִיעד זָאלִין בֶּעסֶער דִיא מוּזִיק אוּנְז שְׁפִּילֶען דֶעם ,והביאנו לשלום׳ פון בַּארִימְטֶען ווִילְנֶער חַזָן (מִיט דֶעם נָאמֶען דֶער בַּאלֶעבֶּעסִיל ע״ה).

זַייעֶר גוּט הָאבִּין זִיך אוֹיס גִירוּפֶען דִיא עֶלְטֶערֶע מֶענְשִׁין וָואס גֶע־דֵיינְקֶען נָאך זַיינֶע זִיסֶע מוּרַאלִישֶׁע גִיזַאנְג, דִיא מוּזִיק הָאבֶּען גֶענוּמֶען שְׁפִּילֶען ,והביאנו לשלום מארבע כנפות הארץ ותוליכנו קוממיות לארצנו׳ הָאב אִיך בַּאמֶערְקְט אַז זֵייא הָאבֶּען אָן גֶערִירְט דִיא שְׁטְרוּנֶעס פון דֶעם יוּדֶענְס הַארְץ, אונ דִיא לִיעבֶּע צוּ אוּנְזֶער אַלְטֶע מוּטֶער צִיוֹן הָאט אָנְ־גִיפַאנְגֶען צוּ בְּרוּמֶען שְׁטִילֶערְהַייד אִין יֶעדֶערִינְס הַארְץ אונ פון הִתְפַּעֲלוּת הָאב אִיך מִיט טְרֶערִין צוּ גֶעבְּרוּמְט דִיא וֶוערְטֶער ,גוּטֶער גָאט אור חדש על ציון תאיר ונזכה כלנו מהרה לאורו׳.

לִיבֶּע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער — זָאג אִיך — דִיא פִידֶעל מִיט אִיהר זַאנְפְטֶע שְׁטִימֶע בַּאגְלֵייטֶעט דִיא שְׁטִימֶע פון אוּנְזֶער יוּדִישֶׁע הֶערְץ וָואס זִיא

שְׁבַיּיטְ צוּ אוּנְזֶער פָּאטֶער פוּן הִימֶל „ותולִיכנו קוממיות לארצנו״ פִיר אוּנְז מִיט שְׁטָאלְץ צוּ אוּנְזֶער לַאנְד, צוּ אוּנְזֶער אַלְטֶע הֵיים, וֶועלְכֶע פוּסְטֶעוֶועט אוּנ אִיז פֶּער־וִויסְטֶעט שׁוֹין בַּאלְד צְוֵוייא טוֹיזֶנְד יָאהר, אוּנ וַוארְט נוּר אוֹיף אוּנְז וִויא אַצֶערְטְלִיכֶע מוּטֶער אוֹיף אִיהר בֵּן יָחִיד. דִיא אַלְטֶע הֵיים, וֶועלְכֶע אִיז אָמָאל גִיוֶועזֶין בַּאצֵייכִינְט מִיט דֶעם טִיטוּל „ארץ זבת חלב ודבש״, אֵיינֶע פוּן דִיא בֶּעסְטֶע גֶעגֶענְדֶען אִין דֶער וֶועלְט, אָה! וִויא לִיגְט זִיא נָאךְ יֶעצְט פֶּערְוִויסְט אוּנ פוּסְט, בַּיין פְרֶעמְדֶען אִין דִיא הֶענְד, אוּנ אַשְׁטְרָאם טְרֶערִין אִיז מִיר אַרוֹיס פוּן דִיא אוֹיגֶען, אוּנ עֶס הָאט זִיךְ מִיר פָאֶרגֶעשְׁטֶעלְט דַיין אַלְטֶע הִיסְטָארְיֶע וָואס דוּא לִיבֶּער פָּאטֶער הָאסְט מִיר עֶרְצֵיילְט בְּעֵת דוּא בִּינְסְט גִיוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם עה״ק אוּנ גִיפַאלִין אוֹיף דִיא הֵיילִיגֶע שְׁטֵיינֶער פוּן כותל מערבי, אוּנ מִיט דִיא בַּאגְלֵייטוּנְג פוּן גַאנְץ מוּזִיק הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען זִינְגֶען דִיא לִיעד:

א.

צִיּוֹן צִיּוֹן עיר אלקינו,
מה גדול שברך, מי ירפא לך?
מה נורא מאוד דביר קדשנו,
יד אלהים אשר נגעה בך!

ב.

כל עם ועם, עיר ומדינה,
יחליפו כבוד מיום אל יום;
ואת ועמך מאז ועד הנה,
פלאים תרדו מתהום אל תהום!

ג.

נפלתְ בת יהודא, לארץ הִגַּעַתְּ
נפלתְ ממרום אל עמקי תהום,
במרום הר-אֲשֶׁר לפנים הוֹפָעַתְּ,
ואל מעמקי תהום, הָשְׁלַכְתְּ היום!

ד.

סגולה הָיִיתְ בכף אלקיד
נעלֵית, נִשֵּׂאת, על כנפי כרוב,
שכולה איך אתְ בבף אויביך,
נרדפת, נדחפת, אל פוט ולוב!

ה.

עד אנה ה׳, עד אנה נֵצח
צרי יעקב ירבו שוד?!
עד אנה אויבי ירימו מצח,
עד אָן על עמך יערימו סוד?.

ו.

אל כל קצוי ארץ, שׂא נא עינַיִם
איפה לא נדחו בנֶיךָ שם?
אם יש צר ומצוק תחת שמים
לא שלחו ידם לרעה בם? —

ז.

כי אזכרך ציון, כי אזכר נָפְלֵךְ
אזעק מרה — „עד מתי אֵל״?!
אַיֵּה הֲדָרֵךְ, והוד חבלךְ?
כפו, עפו, כמו יעוף צֵל!

ח.

כבגוד אשה ברֵעָהּ בגדת באלהיךְ,
ועם ריקים כָּרַתְּ ברית,
וינאץ גם הוּא אהבת כלולותַיִךְ
ויתנךְ לזעוה, לחרב ולשבִית.

ט.

אַךְ בלב כל עַמְּךָ בכל רחבי תבל
עוד חקוק זכרך באש ודם,
בבכי תמרורים בנהי וָאֵבֶל
שְׁמֵךְ יזכירו מִיָּם עד יָם.

יוד.

בשם כל עַמֵּךְ, בכל מושבותם
נשבענו לָךְ ציון, בִּדְמָעוֹת חַם,
על לב כולנו תִּהְיִי כחותם.
לא תִנָּשְׁי מֶנּוּ, לילה ויום!

יא.

עד ירחם ה׳ צאן מרעיתי
עד לאסורים יקרא דרור,
גם אַתְּ אז, ציון, עיר מלכותו
משוש עולם תִּהְיִי לדור ודור!

דֶער גַאנְצֶער קָאמְפְּלֶעט מוּזִיק הָאט גֶעשְׁפִּילְט דֶעם מוּרַאל פוּן דִיא לִיעד, אַז עֶס הָאט גֶערִירְט דִיא גַאנְצֶע פּוּבְּלִיקָע צוּ טְרֶערִין אוּנ עֶרְוֶועקְט הֶערְצְלִיכֶע בֵּיינְקוּנְג צוּ אוּנְזֶער אַלְטֶע הֵיים צִיוֹן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַבִּיסֶעל עֶרְמוּנְטֶערְט אוּנ הֵייבּ אוֹיף מַיינֶע הֶענְד אִין דֶער הוֹיךְ מִיט דִיא וֶוערְטֶער:

אִיךְ דַאנְק דִיר גָאט שהחייתנו וקימתנו, דָאס דוּא הָאסְט אוּנְז גִישְׁטַארְקְט, אוּנ צוּ דִיזֶער וִויכְטִיגֶע צַייט גֶעבְּרַאכְט, מִיר זָאלֶען זֶעהֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען וִויא עֶס הֵייבְּט עֶטְוָואס אָן צוּ שְׁפְּרָאצִין דִיא אַלְטֶע נְבוּאָה פוּן יחזקאל, דָאס דִיא עֶצְמוֹת יְבֵשׁוֹת, דִיא פֶּערְדַארְטֶע בֵּיינֶער פוּן אוּנְזֶער פֶערְיָאגְטֶע אוּנ פֶערְפָאלְגְטֶע פָאלְק, וֶועלְכֶע עֶס הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹי לַאנְג אַרוּם גֶעוָואלְגֶערְט אִין דֶעם אוּנְגֶעהֵייעֶר גְרוֹיסֶען וֶועלְט-טְהָאל צוּשְׁפְּרֵייט, צְווַוארְפֶען, אָן זָאפְט אָן מַארְךְ, הוֹיבֶּען זִיךְ אָן סוֹף כָּל סוֹף צוּ בֶּעוֶועגֶען, צוּ בֶּעלֶעבֶּען, זֵייא רוּקֶען זִיךְ צוּ נֶעהֶענְטֶער אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין, דִיא אָבְּגֶערִיסֶענֶע יוּנְגֶע גְלִידֶער פוּן פָאלְקְ׳ס קֶערְפֶּער, קְלֶעפִּין זִיךְ צוּם פָאלְק צוּרִיק, אוּנ דֶער רוּחַ-הַלְאוֹם, דֶער הֵייליגֶער פָאלְקְס-גַייסְט, וֵויהֶעט אוּנ וֵויהֶעט אִין דִיא זְוִידֶער בֶּעלֶעבְּטֶע בֵּיינֶער אוּנ בְּלָאזְט קְרֶעפְטִיג לֶעבִּין אוּנ הָאפֶענוּנְג אִין זֵייא. מִיר שְׁפִּירֶען אַז אִין דֶעם יוּגֶענְד פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ דֶער פּוּלְס פִיעל פֶערְבֶּעסֶערְט, דָאס הֶערְץ הֵייבְּט אָן בִּיסְלַאכְוַויס אַרְבֶּעטִין וִויא עֶס רַארְף צוּ זַיין. דִיא פַארְקִלֶעפְּטֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין עֶטְוָואס גֶעעֶפִינְט אוּנ קוּקִין אַהִין, אַהִין נָאךְ מִזְרָח. דִיא פֶערְטְרִיקֶענְטֶע לִיפֶען וָואס הָאבֶּען שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט זָאגִין ולירושלים עירך ברחמים תשוב, זֵייא הָאבֶּען גִירֶעכִינְט אַז דָא אִיז זֵייעֶר ארץ ישראל, הָאט זֵייא דֶער קוֹלַאק פוּן דִיא בַּארְפוּסֶע לֶערֶער גִיוִויזֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶען אִירְטְהוּם, אוּנ זֵייעֶר מוֹיל בֶּעוֶועגְט זִיךְ שׁוֹין מִיט דִיא וָוארְטִין „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״, צוּ דִיא אַלְטֶע הֵיים וואוּ עֶר אִיז גֶעבָּארֶען אוּנ גִיוַואקְסִין אוּנ אַזוֹיא גְרוֹיס

אוּנ

און ערהויבען געווארין און גליקליך דארט אמאל געלעבט מיט ראסקאס און גרויס עהרע.

אלזא ליבע יונגע מענשין, כתורים און פריילינס, לאמיר זיך שטארקען אין דיא ליבע פון ציון און ליבע פון אונזער תורה, וואס דיזע ביידע בריליאנטין (דיא תורה און ציון) האט אונז דער עוויגער געגעבין אין ערבטהייל (ירושה, שאין לה הפסק עולמות) ביא ציון שטייט אין דער תורה ונתתי אותה לכם „מורשה" גאט גיט אונז דיא לאנד פיר אין ערבטהייל, און ביי דיא תורה שטייט, תורה צוה לנו משה „מורשה" השי"ת האט אונז גיגעבין (דורך משה רבנו ע"ה) דיא תורה אין ערבטהייל אויף עוויג, און מיר דארפען געהען צו ארבעטין אין דיא צווייא היילינע זאכען, צו שטיצען דיא ערד ארבעטער על הררי ציון, און שטארקען דיא אגודות „דורשי ציון" וואו יונגע מענשין קלייבין זיך צוזאמען אין יעדער שטאט צו וויסען אונזער היילינע היסטאריע מיט אונזער רעליגיאן, אז אין דיא רוהינע צייט וואס דיא יונגע מענשין (פריקאסציקעס און ארבעטער) ווערין פרייא פון זייער ארבעט זאלען זייא זיך גיט געפינען אין דיא פלעצער וואו איין יוד דארף זיך דארטין ניט געפינען, וואס זייא זיינען שעדליך פיר דעם נאמען „יוד" און פיר דעם נאמען „מענש". נאייערט זייא זאלען צו זאמען קומען אין דיא איידעלע חבורות, וואו מען פארברייננט אין דיא היילינע אינטערעסע און למודים וואס בילדען אויס דעם מענשין אז ער זאל פאלקאם פאר דינען דעם נאמען „איש-יהודי" אין „מענש" און איין „יוד". און וואו עס איז נאך ניט געגרינדעט אזעלכע היילינע חבורות פון יונגע מענשין זאלען זיך דיא אדעלע מענשין פון יענעם געגענד סטאראיען ברוב יועץ וויא צו גרינדען דאס, וויא צו ציהען דיא הערצער פון דעם יוגענד מיט קלוגע און רעליגיעזע רייד, אז מיר זאלען קאנען דרייסט זאגען בנערינו ובזקנינו נלך, בבנינו ובבנותינו, אז מיר וועלין ארויס גיין פון דעם שחורה׳ צושטאנד אין אונזער היילינע לאנד זאלען מיר קענען גיין איבער הויפט מיט אונזער יוגענד, זייא זאלען חלילה ניט דערטרונקען ווערען אין טיט היון וד"ל.

און אזויא וויא עס איז אלעמען באוואוסט אז אזא היילינען צוועק צו דערלאנגען און אלע אונזערע וואונשע אין ערפילונג צו ברייננען, פאדערט עס געוויסע מיטטעל, יעדער מאשינע, יעדער דאמפף קעסעל מוז האבען הייצ׳מאטריאל צו ארבייט, אז ניט בלייבט עס שטעהען; דאס הייסט מען דארף ארבעטער און מען דארף געלט, אלזא ליבע טייערע

ברידער

ברידער לאמיר איבער ציינגען אונזער טרייהייט צו אונזער טרייע מוטער ציון מיט אונזער געשאנק וואס מיר וועלין יעצט מנדב זיין יעדער זיין מתנה פיר אונזערע ברידער וואס ארבעטין אויף דיא בערגע ציון מאטריאליש אונ גייסטליך ד. ה. סיי פיר דיא פועלים וואס ארבעטין מיט זייער מאטריאלישען קראפט דיא היילינגע ערד, אונ סיי פיר דיא זקנים וואס ארבעטין מיט זייערע גייסטליכע קרעפטין אין שערי ציון (אלו שערים המצויינים בהלכה) דאס הייסט פשוט פיר דיא וואס זיצין אונ לערנען אין ירושלים עה"ק (וואס מיר רופען דאס קופת ר' מאיר בעל הנס), אונ איך דער ערסטער האב גיגעבין פיר דיא זקנים אקערביל אונ פיר דיא פועלים אקערביל אונ קוקענדיג אויף מיר האט געגומען גיין נדבות פון אלע זייטען איש איש לפי ערכו ביז עס האט גימאכט שיינע עטליכע צענדליג רובל, העלפט האבען מיר אבגעגעבען דעם מורשה פון חובבי ציון אונ העלפט דעם גבאי פון ארץ ישראל פושקעס, אונ אייניגע אנשטאנדיגע מענשין האבען אויף זיך גענומען צו גרינדען איין אגודה פון יונגע מענשין צו קומען אלע שבת לערנען תנ"ך אונ הערין איין רעדע וועגען גוטין אויפפיהרונג. אונ פון גרויס פרייד האב איך אוונק גיטאן צו דיא מוזיק מיר צו באגלייטין אונ האב אן געהויבען צו זינגען דיא ליעד פון התקוה אונ דיא גאנצע פובליקע האט מיר באגלייטעט מיט גרויס פרייד.

התקוה.

א.

כל עוד בלבב פנימה
נפש יהודי הומיה,
ולפאת מזרח קדימה
עין לציון צופיה —
עוד לא אבדה תקותינו,
התקוה הנושנה:
לשוב אל ארץ אבותינו,
לעיר בה דוד חנה.

ב.

כל עוד דמעות מעינינו
יזלו כגשם נדבות,
ורבבות מבני עמנו
עוד הולכים על קברי אבות —
עוד לא אבדה כו'.

ג.

כל עוד חומת מחמדינו
לעינינו מופעת
ועל חורבן מקדשינו
עין אחת עוד דומעת
עוד לא אבדה כו'.

ד.

כל עוד מי הירדן בגאון
מלא גדותיו יזלו
ולים כנרת בשאון
בקול המולה יפולו,
עוד לא אבדה כו'

ה.

כל עוד שמה עלי דרכים,
שער יפת שאיה,
ובין חרבות ירושלים
עוד בת ציון בוכיה.

עוד לא אבדה כו׳

ו.

כל עוד דמעות טהורות
מעין בת-עמי נוזלות
ולבכות לציון בראש אשמורות
עוד תקום בחצי הלילות.

עוד לא אבדה כו׳

ז.

כל עוד נטפי-דם בעורקינו
רצוא ושוב יזולו
ועלי קברות אבותינו
עוד אגלי טל יפולו.

עוד לא אבדה כו׳

ח.

כל עוד רגש אהבת הלאום
בלב היהודי פועם,
עוד נוכל קוות גם היום
כי עוד ירחמנו אל זועם.

עוד לא אבדה כו׳

ט.

שמעו אחי בארצות נודי
את קול אחד חוזינו:
כי רק עם אחרון היהודי
גם אחרית תקותינו!

עוד לא אבדה תקותינו
התקוה הנושנה:
לשוב אל ארץ אבותינו
לעיר בה דוד חנה.

(נ. ה. אימבר.)

גאספאדא! — רופט אויס דער מחותן — אלע אויף דיא פלעצער, מען דארף בענטשין, לויבען השי״ת פיר דיא שפייז, אונ איהם לויבען מיט שבע ברכות פיר דיא שמחה וואס ער האט אונז פערשאפט, עס איז גיוועז אפערגעניגען צו קוקען וויא אלע יונגע מענשין, פריילינס אונ קאוואלערין האבען זיך אלע גיזעצט אויף זייערע פלעצער אונ גיבענשט מיט אזא שמחה של מצוה, אז מיר איז פשוט יאהרען לעבען צו געקומען*) —

נאכין בענטשין אונ שבע ברכות האבען מוזיק געשפילט אפיינע האפקע אונ מאנספעראנען אלטע אונ יונגע האבען געטאנצט מקיים זיין כיצד מרקדין

*) איך האב אן גימערקט דעם מברך ער זאל בענטשין הויך ווארט ביי ווארט, בכדי אז דיא וואס ווייסין ניט ברכת המזון אויס=ווייניג זאלין קענען מיט=זאגין מיט איהם ווארט אין ווארט — אויך האב איך איהם אן גימערקט ער זאל מכוון זיין מוציא זיין חתן כלה מיט ברכת „בורא פרי הגפן״, אונ חתן כלה האב איך אנגימערקט זיי זאלין טראכטין יוצא צו זיין, ווייל זיי דארפין טרינקען פון דיא כוסות פון בענטשין אונ ווען זיי טראכטין ניט יוצא צו זיין מיט דער ברכה, „בורא פרי הגפן״, טרינקען זיי דאך אן א ברכה. —

מרקדין לפני הכלה, איך האב דער ווייל שטילער־הייד אן גימערקט דעם פאטער פון חתן, ער זאל איבער געבין זיין זאהן (דעם חתן) איינינע גייטיגע ווערטער וויא צו באגיין זיך מיט דיא כלה אין דיא עניני צניעות (אב צו שיידען זיך פון איהר נאך דיא ערסטע התקרבות), דעס גלייכען דיא מוטער פון דיא כלה אז זיא זאל איבער געבין איהר טאכטער דיא עניני צניעות, וואס דאס שפילט אגרויסע ראליע אין זייער צוקונפט אונ אין דיא טהרה וקדושה פון זייערע פרוכט וואס זייא האפען צו זעהען פון זייער בוים וואס זייא האבען דא גיפלאנצט. מיט דיא עניני צניעות אטליצאיעט זיך דיא גאנצע מענשהייט ער זאל זיין אבגעזונדערט פון די נידעריגע גיפילען, אונ זאל קענען היילינ מאכין זיין תאראקטער, אונ מיינע אויגען האבען גיזעהען וויא זייא האבען דאס גלייך איספאלנאיעט, דער פאטער האט דאס דורך גירעט שטילער־הייד מיטין חתן אונ דיא מוטער מיט דיא כלה אונ מיט דעם האבען מיר פריינדליכע אבשיעד גינומען אונ פארנאנדער געגאנגען מיט גרוים פרייד.

ח. דיא פערדישע פארקעווע.

פרייטיג-צו־נאכט נאך קדוש זיץ איך מיר אין מיין צימער, פאר־טיפט אין גידאנקען, וועגין דעם וואס מיר שטייט דא פאר, וויא אונטער צו האלטען זיך מיט אזא העררליכע פובליקע וואס וועלין זיין אויף שבע ברכות, אז איך האב גאר ניט באמערקט וויא דיא טיהר האט זיך גיעפינט אונ דיא אונטערפיהרער זיינען אריין, נור דער קלאנג פון זייער „גוט שבת" האט מיר אויפגיוואכט פון מיין גידאנקען.

אגוט יאהר איך מיינע ליבע געסט, — ענטפער איך, אונ בעט זייא זיצין, — מיר פארלאנגען איהר זאלט אזויא גוט זיין זיך פארטיג מאכען אונ גיין מיט אונז, ווייל עס האבען זיך שוין פארזאמעלט כמעט אלע מחותנים אונ מען ווארט נור אויף אייך — אונזער ליבער גאסט — צו פארשאפען אונז פארגעניגען מיט אייערע זיסע היסטאריעס, איך האב זיך פארטיג געמאכט אונ גלייך געגאנגען מיט זייא.

העריין טרעטענדיג צו דיא כלה אין שטוב, גיב איך אבליק אויף דיא מזוזה — וויא איך בין שטענדיג גיוואוינט, — איך באמערק אז קיין מזוזה איז ניטא, דאפיר אבער מערק איך אן וויא איך האב ארויף גיטראטין אויף איין אייזין, איך גיב אבליק עס איז אנגעשלאגען איינינע פארקעוועס

אפין

אפין שוועל, איך זאג מיר שטילער-הייד מיין געוויינליכען פסוק „שקר הסוס לתשועה" (דער פערד מיט זיינע פערדהייט איז איינע פאלשע הילפע) אונ גיב אזיפץ פון טיפען הערצין, איך טראכט ביי זיך, אה! וואס פיר א גימיינעם בייט מיינע ברידער האבען גימאכט פון איין אונשאצבארען בריליאנט אויף אפערדישע פאדקעווע.

דיא מחותנסטע באמערקענדיג מיין וואונדער וואס קיין מזוזה איז ניטא, האט זיא מיר גיוואלט בארוהיגען, זאגט זיא מיט אשמייכיל: „א מזוזה איז דאך נור צו באשיצין פון ניט-גוטע (שדים), היינטיגע צייטין איז קיין שדים ניטא". דיזער אנטווארט וויא ווייט דום ער איז, דאך האט ער מיר פיל בארוהיגט, ווייל פון איהם זעהע איך ארויס אז דיא אורזאך איז נור דיא אונוויסענהייט, איך האב מיר געשטארקט ניט צו מאכין דער ווייל קיין ראזגאוואר פון דעם, — איך גייא אריין אין זאל אונ גירים זיך מיט אלע מחותנים מען זעצט זיך צום טיש מען עסט אונ טרינקט, איך באמערק אבער וויא אלע זיינען גערין צו הערין פון מיר עטוואס נייעס.

דיא אלטע היסטאריע דער ציילט (מס' ע"ג י"א) בעת דער מאנארכישער מאן אונקלוס (פון רוימישע קייזערליכע פאמיליע) האט אן גענומען יודישע רעליגיאן, האט זיין מוטער אנגיווענדעט אלע מיטלען אים צוריק קערין צו היידנישען גלויבען, האט זיא געשיקט צו איהם אייניגע וויכטיגע מענשין מען זאל איהם איבער ריידען, אויב ניט זאל מען איהם ארעסטירען, וויא זייא האבען זיך מיט איהם פארנאנדער גירעט האט ער מיט זיין חכמה זייא צו גיצויגען צו זיך, אז זייא זיינען צו געשטאנען צו זיין מיינונג, אונ אזויא דיא צווייטע פארטיע וואס זיא האט גישיקט איהם נעמען אונ אזויא דיא דריטע, זיא האט גיזעהן אז מיט וויכוחים וועט זיא איהם ניט מנצח זיין, האט זיא באטראכט איין אנדער פלאן, אונ האט גישיקט צו איהם אשר מיט אנשי חיל אונ האט זייא אן גיזאגט אז מען זאל מיט איהם קיין ראזגאוואר מאכען, נור נעמען איהם אונטער דיא הענט אונ אריין זעצין אין אקארעט אונ ברייגגען, דער שר האט אזויא גיטאן אונ איהם גיפירט פון שטוב, קומענדיג צום טיר לייגט אונקלוס ארויף זיין האנד אויף דער מזוזה אונ זאגט ה' ישמר צאתי ובואי כו', ווייל ער וואר שוין איין פאלגער יוד, דער שר וואס האט דאס קיינמאל ניט גיזעהן, פרעגט איהם פארוואונדערט: וואס בעדייטעט דאס? „אויב זייא פארלאנגען — זאגט אונקלוס — בין איך גרייט זייא צו ערקלערין" אונ בעט איהם זיצין, (פון גרויס התפעלות, האט דער שר פארגעסין וואס מען האט איהם אן

גִזָאגְט, אַז עֶר זָאל זִיךְ הִיטֶען נִיט אַרַיין מִיט אִיהם אִין אַרֵייד.

לִיבֶּע מְחוּתָּנִים לָאמִיר לָאזִין דִיא צְווייא גְרוֹיסֶע לַייט אַווייל זִיצִין אוּנ אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירֶען אִין אַגְרוֹיס-אַרְטִיגֶע שׁוּהל פוּן גְרוֹיסֶע תַּנָאִים, דָארְטִין וֶועלִין מִיר זֶעהן וְויא אַיין אַלְטֶע פְרוֹיא שְׁטֵייט אוּנ בֶּעט — מִיט טְרֶערִין — דִיא חֲכָמִים, זֵייא זָאלֶען אוֹיס מוּסְרִין אִיהר בֶּן יָחִיד ר׳ ישמעאל׳ן אַז עֶר זָאל פוּן הַיינְט אָן אָנְהֵייבֶּען צוּ פָאלְגֶען אוּנ נִיט זַיין דֶער וִוידֶער זַיין אַלְטֶע מוּטֶער.

דִיא חֲכָמִים אִיז דָאס זֵייעֶר ווֹאוּנְדֶערְבַּאר פָארְגֶעקוּמֶען, זֵייא הָאבֶּען נִיט גִיקָאנְט פַארְשְׁטֵיין וָואס הֵייסְט דָאס ר׳ ישמעאל דֶער גְרוֹיסֶער תַּנָא זָאל נִיט פָאלְגֶען זַיין מוּטֶער, אוּנ אַזוֹיא וַוייט נָאךְ אַז עֶס הָאט אִיהר אָנְגֶעגְרִיפֶען זִיא זָאל מִיט טְרֶערִין עֶרְצֵיילִין דִיא חֲכָמִים, אוּנ הָאבֶּען מִיט גְרוֹיס אוּנְגֶעדוּלְד עֶרְוַוארְטֶעט אַז ר׳ ישמעאל אִיז גֶעקוּמֶען אִין שׁוּהל.

עֶרְצֵייל אוּנְז לִיבֶּער בְּרוּדֶער וָואס הָאט פַּאסִירְט צְווִישִׁין דִיר מִיט דַיין אַלְטֶע מוּטֶער, פְרֶעגִין דִיא חֲכָמִים ר׳ ישמעאל׳ן. גֶעגֶען מַיין ווִילֶען מוּז אִיךְ אַייךְ עֶרְצֵיילִין רַבּוֹתַי, מַיין מוּטֶער הָאט מִיר זֵייעֶר לִיבּ (גֶעווֹיס אִיז עֶר ווִירְדִיג גֶעוֶועזֶען מֶען זָאל אִיהם לִיבֶּען), זִיא בַּאדִינְט מִיר אוּנ דֶער לַאנְגְט מִיר אַלֶעס בְּעֵת אִיךְ קוּם פוּן בהמ״ד, עֶס אִיז מִיר אֲפִילוּ זֵייעֶר נִיט אַנְגֶענֶעהם זִיא זָאל מִיר בַּאדִינֶען אִין גֶעגֶענְטְהֵייל אִיךְ דַארְף אִיהר בַּאדִינֶען, נוּר וַוייל אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז זִיא הָאט צַעַר אַז אִיךְ לָאז זִיךְ נִיט בַּאדִינֶען אוּנ דָאס אִיז אִיהר פֶערְגֶעניגֶען, בִּין אִיךְ מְבַטֵל רְצוֹנִי וֶועגִין אִיהר רָצוֹן, נוּר יֶעצְט נִיט לַאנְג הָאט זִיא זִיךְ בַּאטְרַאכְט אַנַייס, עֶס אִיז אִיהר וֵוייניג אַלֶעס וָואס זִיא בַּאדִינְט מִיר בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, אִיז אִיהר נָאךְ גִיפֶעלִין מִיר צוּ וַואשִׁין דִיא פִים אוּנ אוֹיס טְרִינְקֶען דִיא וַואסֶער, דָאס אִיז בַּייא מִיר גֶעבְּלִיבֶּען בְּשׁוּם אוֹפֶן זִיךְ נִיט צוּלָאזִין, שְׁטַייטְשׁ מַיין אַלְטֶע מוּטֶער זָאל מִיר וַואשִׁין דִיא פִים אוּנ טְרִינְקֶען דִיא וַואסֶער! דָאס אִיז רַבּוֹתַי וָואס אִיךְ פָאלְג אִיהר נִיט.

אָהָ! אָה! זָאגִין דִיא חֲכָמִים וְויא וַויט ״אהבה מקלקלת את השורה״, לִיבְּשַׁאפְט הָאט אַזַא קְרַאפְט אַז זִיא פִירְט אַרוֹיס פוּן גְרַאדֶע לִינֶע, פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט קוּמְט דָאס בַּייא אִיהר אוֹיס פִיר אַכָּבוֹד, דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען גִינוּמֶען קְלֶערִין וְויא זָאל דָא בֶּאֱמֶת זַיין, אוֹיבּ עֶר זָאל זִיךְ לָאזִין וַואשִׁין דִיא פִים אוֹיבּ נִיט, עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען גִירֶעשְׁעט אַז עֶר מוּז דָאס פַארְלַיידִין אוּנ זִיךְ לָאזֶען, וְויא בַּאלְד אַז דָאס אִיז אִיהר נַחַת רוּחַ, וְויא מִיר זֶעהֶען דָאךְ אַרוֹיס אַז דֶער נִיט לָאזִין זִיךְ אִיז אִיהר אַזוֹיא וַוייט מְצַעֵר

אַז זִיא זַאלֶעוֶועט זִיךְ אוֹיף אִיהם מִיט טְרֶערִין אַז עֶר אִיז נִיט מְקַיֵים כִּבּוּד אֵם.

מִיט דֶעם גֶעדַאנְקֶען אַז „אֱמֶתֶע לִיבֶּע אִיז מקלקלת השורה“ וֶועלִין מִיר זִיךְ אוּם קֶערִין הֶערִין דִיא עֶרְקְלֶערוּנג פוּן אונקלוס צוּא דֶעם שַׂר.

דוּא הָאסְט גִיזֶעהֶן מַיין לִיבֶּער הֶער וִויא עֶס גֵייט צוּא אִין קֵינִיגְלִיכֶען הוֹיף, אַז דֶער קֶענִיג זִיצְט בַּייא זִיךְ אִין זאַל אוּנ זַיינֶע דִינֶער, דִיא גְרֶעסְטֶע הֶערִין זַיינֶען בַּייא אִיהם דֶעזוּרְגֶע בַּיין טִיר, אָבֶּער דֶער גְרוֹיסֶער וֶועלְט-קֶענִיג זַיין לִיבֶּע צוּ זַיינֶע דִינֶער אִיז גָאר מקלקל את השורה, זַייא זִיצִין אִין זַייעֶרֶע זַאלִין אוּנ זַיין הֶערְבּ (דָאס אִיז דִיא מְזוּזָה) אִיז בַּייא זַייא דֶעזוּרְגֶע בַּיין טִיר (והנה ה׳ נצב עליו כו׳, ושמרתיך בכל אשר תלך כו׳, ה׳ ישמר צאתי ובואי כו׳), נוּא הָאבּ אִיךְ דֶען נִיט גוּט אוֹיס גֶעקְלִיבֶּען? דֶער שַׂר אִיז שְׁטַארְק פַארְוואוּנְדֶערְט גֶעוָוארֶען אוֹיף זַיין קְלוּגֶע עֶרְקְלֶערוּנג, עֶר הָאט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען זַיין גִירֶעכְטִיגְקַייט אוּנ הָאט בַּייא זִיךְ קֵיין מוֹטה גִיפוּגֶען אִיהם אָנְרִירֶען צוּא שְׁלֶעכְטֶעס, אוּנ עֶר אִיז וִוירְקְלִיךְ גֶעבְּלִיבֶּען גִישׁוּצְט פוּן אַלֶעס בֵּייז אוּנ אִיז נַאכְהֶער גֶעוָוארֶען אַגְרוֹיסֶער מַאן אוּנ זַיין נָאמֶען אִיז פַארְעֶוִויגְט גֶעוָוארֶען בַּייא יוּדֶען דוּרְךְ זַיין תַּרְגוּם אוּנְקְלוּס וָואס אוֹיף דֶער תּוֹרָה.

דְרוּם מוּזֶען מִיר אִיהם אִימֶקֶערִין צוּרִיק לִיבֶּע — עֶנְדִיגְט אונקלוס — אוּנ אִיהם לִיבֶּען מִיט אוּנְזֶער גַאנְצֶע הֶערְץ אוּנ זֶעלֶע, בכל לבבך ובכל נפשך, אוּנ מִיט אוּנְזֶער גַאנְצֶען פַארְמֶעגֶען (בכל מאדך, בכל ממונך*).

זייער

---

*) דֶער מִדְרָשׁ עֶרְצֵיילְט וֶועגִין אונקלוס בְּעֵת עֶר הָאט זִיךְ גִירֶעשׁעט פָארִין פוּן רוֹים קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זִיךְ מְגַיֵיר זַיין נוּר עֶר הָאט זִיךְ גִיפִירְכְטְעט פִיר זַיין פֶעטֶער (אַנְדְרִינוּס קֵיסר פוּן רוֹים), ווייל יוּדִין זַיינֶען דַאן גִיוֶועז אוּנְטֶער רוֹים. קוּמְט עֶר אָבְּשַׁייד נֶעמֶען בַּיין פֶעטֶער מִיט דֶעם אוֹיסְרֵייד, אַז עֶר וויל פָארִין אוֹיף דֶער וֶועלְט הַאנְדְלֶען, זָאגְט אַנדרינוס צוּ אִיהם מַיין קִינד עֶס אִיז פַאר דִיר פְרַיי מַיין אוֹצָר, נֶעם פִיל דוּא ווילְסְט. וֶועלְכֶע סחוֹרה זָאל אִיךְ אִיבֶּער־הוֹיפְּט הַאנְדְלֶען? — פְרֶעגְט אונקלוס אַנְדְרִינוּס׳ן —. אִיבֶּער־הוֹיפְּט זָאלְסְטוּ הַאנְדְלֶען אַזַא סְחוֹרָה וָואס יֶעצְט אִיז גְרַאדֶע אִיהר קוּרס גִיפַאלִין אוּנ שְׁטֵייט גַאנְץ נִידֶערִיג. אִיהר הַאנְדִיל וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִיא צַייט וָואס אִיהר קוּרְס וועט זִיךְ הייבִּין וֶועסְטוּ פַארְדִינֶען אַסךְ. זֵייעֶר גוּט מַיין לִיבֶּער פֶעטֶער — זָאגְט אונקלוס — אוּנ אִיז אַוֶועק קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ הָאט זִיךְ מַל גִיוֶועזֶען אוּנ גִילֶערִינְט אַסךְ תּוֹרָה בַּיי דִיא תַּנָאִים ר׳ אליעזר ור׳ יהושע. אנדרינוס הָאט עֶס עֶרְהֶערְט הָאט עֶר אִיהם גִירוּפִין צוּ זִיךְ אוּנ פְרֶעגְט אִיהם וָואס הָאסְטוּ דָאס גִיטָאן? אִיךְ הָאבּ גִיטָאן וִויא אִיהר הָאט מִיר גִירַאטֶה — זָאגְט אונקלוס — צוּ הַאנְדְלֶען נוּר אַזַא סְחוֹרָה וָואס אִיהר קוּרְס אִיז זֵייעֶר גִיפַאלִין, אִיךְ הָאבּ בַּאטְרַאכְט וִויא יוּדִין מִיט זֵייעֶר תּוֹרָה שְׁטֵייעֶן יֶעצְט זֵייעֶר נִידֶערִיג דָאס אִיז גִיוֶועזֶען נִיט לַאנְג נָאךְ חוּרְבַּן בַּיִת שֵׁנִי) הָאבּ אִיךְ גִיהַאנְדִילְט דִיא סְחוֹרָה, עֶס וֶועט קוּמֶען אַצַייט וָואס דִיא סְחוֹרָה וועט זֵייעֶר

שטייגען

(מעשה אלפס ח״ב) 5.

זייער אפיינע היכטארין—זאגט דיא מחותנסטע צו איהרע אפריינדין—זעהט איהר וויא גילעריגטע מענשין פאר שטייען אזאך מיט אגרונד ניט וויא מיר אונוויסענדע פרויען האבען גירעכינט אזעלכע דומהייטען.

אז מיר האלטען דא ביי איין געשפרעך וועגען מזוזה — רופט זיך אוים אוויכטיגער גאסט – בעט איך אייך צו ערקלערין אונז דעם בעדייטונג פון נוסח הברכה, ווען מען שלאגט אן איין מזוזה מאכט מען „לקבוע מזוזה״, דער ווארט „מזוזה״ אין העברייעש בעדייטעט (פפאסט, ביישטידיל) פעלט דאך אין דער ברכה דער עיקר, וואס זאלין מיר אנשלאגען אן ביישטידעל?

יא, יא, איהר פרעגט ריכטיג, איך וועל אייך ערקלערין אז דער נוסח הברכה „לקבוע מזוזה״ באדייטעט איין הויכ-ארטיגען גידאנקען, דער ווארט „מזוזה״ איז פון שרש „זיז״ (וזיז שדי (תהלים פ׳) שהוא תואר לבעלי חיים המתנועעים ממקום למקום) דיא מצוה פון מזוזה באדייטעט „לקבוע מזוזה״ „אפעסטען חאראקטער צו בעזיטצען״ ווייל דער מענש איז שטענדיג אבאוועגליכעס וועזען, מצד ער איז געשלאסין פון 2 פערשיידענע טהיילען, פון אקערפער עפר מן האדמה (ומצד זה איז ער נוטה צו תאוות וויא אבהמה) אונ ער באזיצט אזעלע וואס זיא איז אחלק אלוה ממעל (ומצדה איז ער נוטה צו אלע גוטעס), וואס אן דיא 2 קאנטראסטליכע טיילין זיינע, איז אבהאנגיג דיא גוטעס אונ דיא שלעכטעס פון זיינע געדאנקען אונ טהאטען, דרום שטייט ער ניט שטענדיג אויף איין באשטאנד, נור שטענדיג איז ער אין באוועגונג, אמאל רעכטס אונ אמאל לינקס, ווען דער נפש המשכלת שטארקט זיך אונ זיא רעגירט אונ דיא הארץ איז רוהיג פון דעם שטורם פון בייזע גידאנקען דאן גיפינט דער מענש אגעפיל אונ אגישמאק אין גוטעס טאן, אונ עס ווערט איהם וואויל געפעלין דיא דרכי נועם (אנגינעהמע אונד צימליכע וועגין) פון דיא הייליגע ליבע תורה אונ איהרע מצות, ער קריגט איין לוסט צו טאן גוטעס, צו האנדלען ערליך, צו ליבען דעם אמת, זיין „יא ווארט״ זאל זיין אווארט, זיין „ניין״ זאל זיין ניין, ער קריגט אגיפיל וויא זיס אונ צימליך עס איז

דיא

שטייגען וויא דער נביא זאגט (ישעי׳ מט) כה אמר ה׳ גאל ישראל קדושו לבזה נפש למתעב גוי לעבד מושלים אזוי האט גיזאגט דער עוויגער אויף דעם יודין וואס איז יעצט אזוי שפל אונ פאראכט ביי אלעמען, עס וועט קומען אצייט וואס אלע נאראדין וועלין ערקענען זיין גירעכטיגקייט אינ דיא ליכטיגקייט פון זיין תורה, מלכים יראו וקמו שרים וישתחוו אז מלכים וועלין זיי געבין עהרע למען ה׳ אשר נאמן (לשמור הבטחתו) קדוש ישראל ויבחרך זיי וועלין פאר-שטיין וואס פאר אטייערין שאץ דער עוויגער האט אוים-ערווילט פאר זיך.

דיא ערליכע שטיקעל ברויט, וואס ער האט איהר מיט גאטעס גאבע אונ דורך זיין ערליכען טרוד ערווארבין, וואס קיינער גיט אויף איהם ניט קיין זיפץ דאס ער האט איהם חלילה וועהע גיטאהן. ער קריגט אריינעם בליק וויא שיין אונ פיין עס איז צו זיין טרייא צו זיין פארטיא, וואס ער האט מיט איהר גישלאסין איין עוויגען קאנטראקט ביז זייער ענדע לעבין, צוא ערווארטין פון זיין ליבען בוים שיינע אונ ליבע פרוכט וואס זאל ערפרייען גאט אונ לייטען (אשתך כגפן פוריה)—. אבער חלילה זאל דיא שעה ניט זיין ווען דער חומר הייבט זיך אן פירנאנדער צו קאכין אונ דיא פלאמען פון תאוה אונ חמדת הבצע הייבען אן צו היצען זיין הארץ, דאן פארגעסט ער דיא תורה מיט איהרע זיסע גיבאט, אונ עס וועט פינצטער דער שיין פון נפש, אונ דער שטראל פון שכל וועט פארצויגין מיט אפינצטערין וואלקין פון דמיון, אונ זייא פארפין ארונטער דעם נפש המשכלת פון איין ווירטהין, אונ דיא תאוה מיט דיא חמדה נעמען דיא ממשלה צוא זיך אין האנד, דא איז זיין אונגליק פארטיג, דער כח התאוה פירט איהם ארויס פון סוג מענש לסוג בהמה, אז עס איז רעכט היינט דיא אונ מארגין אצווייטע אונ אדריטע (וכל כוס שרואה רוצה לשתות ממנו). דאכט זיך אפין בליק איז ער אפיינער ליגאנטנער הערעלע, ער לאזט זיין דאמע גיין פאר׳אויס, אבער ווער עס איז אמבין אויף בילדער לייענט אויף זיין שטערין וויא עס פירט זיך ביי איהם צו הויז, וויא דער בערימטער פאעט „א. צונזער“ שרייבט:

ווען איך זעהע דארטין א גאלאנטין הערר
דאמען-רעכט היט ער גאנץ פיל,
מיט שפילקעס אין קלאפע, אפאלנער קאוואלער
שטעלט איהר נאך אשטול צום קאדריל,
בין איך שוין זיכער, אז זיין אייגענע ווייב
איז איהר באקאנט דער טעם פון זיינע הענט····
טראגט צרות אין הארצען, שינאקעס אפין לייב,
אונ קלאגט אויף דיא שעה, וואס זיא האט איהם ערקענט —

אונ די תאוה פירט איהם נאכהער ארויס פון שטאט אז ער פארלירט די בושה, ריכטיג וויא אבהמה, אונ נאכהער פירט דאס איהם ארויס פון גיזונד אונ פון דער וועלט ר״ל (התאוה מציאה את האדם מן העולם)—. אונ חמדת הבצע פארשטיינערט איהם דיא הארץ, אז ער שפירט מער ניט וויא זיך, ריכטיג וויא דיא בהמה וואס זיא דיינקט אז אלע לאנקעס היי וואקסין נור פון אירט וועגען, אונ נור צוא דעם ציעל האט איהר השי״ת גיגעבין אפאר

הערנער

הערנער, אז ווען די צווייטע וויל בייא איהר נעמען אביסל הוי, זאל זיא איהר געבען אשטאך מיטין הארין. אזויא מיינען אויך די נארישע מענשין אז די גאנצע וועלט איז נור פיר זייא באשאפין געווארען, קיינער דארף ניט לעבין מעהר ניט חוץ ער, דרום איז עס רעכט מיט אלע מיטלען אונ אלע פוקסעריי צו פאר שווינדלען דעם צווייטין אונ אויס נארען ביי איהם, דעריבער איז ביי דער לעצטער צייט נתרבה געווארין אזויא פיל בעטריגעריי אונ באנקראטין וואס האט קיין מאל ניט פאסירט, עס איז גוואלד צו שרייען וואס פיר אחורבן עס איז געווארען אין עולם המסחר, עס אינטרעסירט גאר ניט וועגין יענעם וואס ווערט געהארגעט אונ צוא יעדער וועקסיל דארף מען צו לייגין קבורה-געלט (פראטעסט קאסטען), אונ דער אנזעצער זיצט זיך גאנץ רוהיג, עסט אונ טרינקט פרעמדע בלוט, בעת דעם סוחר גיסט זיך בלוט פון הארצין פון יעדער פראטעסט, אונ מאנכע קליינע סוחרים קאנען עס גאר ניט איבער-טראגען אונ פאלין געבעך אונטער די האנד פון אונגליק, אה! דער אדעלער סאוועסט קען עס גאר ניט צוקוקען וואס ביי די לעצטע צייט איי אין עולם המסחר גיווארין, יענעם גיסט זיך בלוט אונ דער שטייט מיט אקראם סחורה אונ טארגעוועט אונ פון נעכטין ביז היינט איז ער שוין גאר איין אנדערער געווארען, נעכטין איז גיווען דער גישעפט אויף זיין נאמען אונ מארגין איז ער אויף די ווייבס אונ איבער מארגין אויף די באבעס נאמען. אונ ער איז נאך אפיינער מענש, ער ענטפערט קורץ מיט אשמייכיל: "הייטע צאל איך ניט האט איהר עפעס צו איהם? אפיינער מענש, אזעלכע זיבען יאהר זאל ער האבען.—אנדערע אן-זעצער זיינען ניט פיל בעסער פיר די קעשינע גנבים וואס איז נתרבה געווארען ביי די לעצטע צייט, וואס גאר עפענטליך גייט מען אין די גאסין אונ מען שטעלט בדלות מענשען פיר אלעמען אין די אויגען, ווייל די וואס זעהען האבען פשוט מורא אן-צו-זאגען, זייא זאלען ניט קריגען אטויט קלאפ, עס שוידערט צוא זעהען וויא בייא די לעצטע צייט איז געווארען אין מאנכע ערטער וויא אין דור המבול מלאה הארץ חמס, אונ דיא אן זעצער מיט די קעשענע גנבים ווערען נתרבה מיום ליום, ווייל עס איז זיי אגרינגע מיהה, צו לעבין אויף יענעמס פלייצעס, אה! וועה! צו וואס דער מענש קען קומען בעת די תאוה אונ די חמדה ווארפין ארונטער דעם נפש המשכלת פון איין ווירטהין, ער קען ווערען פשוט אצוויי פיסיגע חיה, אוואלף אין אטמבענעם פראק (עי' ח"א צד 7 בהערה). —

אונ וויא באלד אז אלע טהאטין פון מענשין זיינען אבהאנגיג אן

דיזע

דיזע באוועגונג (בין תנועה הנפשית והחומרית) דרום איז געקומען דיא תורה אויף צו הייבען דעם קראפט פון רעגירונג פון נפש, צו נייגין אלע זיינע באוועגונג צוא דיא תנועה פון דיא היליגע נשמה אונ האט אונז אן געזאגט אז ביי דיא טירען פון אלע צימערין ופשיטא ביי דיא טיר וואס ער גייט דורך איהר ארויס אין גאס צו זיינע געשעפטין, וואס דארטין איז מער עלול עס זאל אויפגיפלאמט ווערין חמדת הבצע אונ ער איז עלול צו זעהן בילדער וואס קענען איהם אויפרייצין זיין תאוה, דארטין זאל ער קובע זיין דיא צוויי היליגע פרשיות שמע והי' אם שמוע וואס ער זאגט צוויי מאל אטאג, וועלכע דארטין ווערט ערקלערט דיא עקרים פון דת: אז עס איז דא אבורא יחיד ומיוחד, אגרויסער אינזענער וואס האט גישטרויעט דעם הערליכען פאלאץ (דאס איז דיא וועלט), וואס זיין אויג קוקט אויף אלע טהאטין פון מענשין אונ אויף אלע זיינע געדאנקען, אונ וויא ווייט מען דארף איהם ליבען מיט לייב אונ לעבען אונ קאפיטאל (בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך). אונ מען דארף געהארכזאם זיין צו זיינע ליבליכע געבאט", אונ ווען מען וועט זיך אזויא פירען אונ משפיע זיין דעם היליגען גייסט אויף קינדער, צו פלאנצין דיזע געטליכע פלאנצונג דורך גוטין חנוך אויף דיא יונגע הערצעלאך פון קומענדיגען דור וועט מען גליקליך זיין אויף ביידע וועלטין (למען ירבו ימיכם וימי בניכם) מען וועט מאריך ימים זיין אין גליק אונ פערגעניגען כימי השמים על הארץ (איין גליקליכען הימעלשען לעבין אויף דיזע וועלט אויך) אז ווען ער וועט ארויס גיין אין גאס וועט דער היליגער געדאנקען איהם פארהיטען, ער זאל חלילה ניט אריינפאלין אין תאוה אדער חמדה, אויך בייא זיין אריין גאנג פון גאס אז ווען עס האט חלילה אברען געטאהן אין זיין הארץ אפלאם פון תאוה אדער חמדה, זאל דער בליק אויף דער מזוזה (מיט אריינעם געדאנקען) ווירקען אויף איהם אז דער פייער פון גאטעס ליבע זאל אריבער שטייגין איבער יענעם פייער (בטל רצונך מפני רצונו) אז דער פייער פון תאוה אונ חמדה זאל פאר לאשין ווערין, אונ ער זאל צוריק קומען צו זיינע היליגע גיפילען.

דיזער גאנצער רעיון ליגט אין דיא ווערטער "לקבוע מזוזה", מאכען אין פעסטען באשטאנד צו אלע אונזערע באוועגונגען (איין פעסטין חאראקטער צו באזיצען), צו באשטימען אלע באוועגונגען נאך דעם רעליגיאזען גרונד-זאצין, אלזא קומט עס אויס אז דיא מצות מזוזה איז ניט אין דיא רגע פון אנשלאגען אליין, נור דאס איז אשטענדיגע מצוה, אז אין יעדער ארויס גאנג אונ אריינגאנג אין שטוב זאלין מיר זיך מציר זיין דעם וויכטיגען

אונד

אונד הייליגען ציור, אז מיר זאלען שטענדיג שטרעמען צו שטייגען פון טאג צו טאג אלעס העכער אונ העכער אין איידעלע גיפילין, ביז וואנען מיר וועלין קומען צו דיא העכסטע מדרגה פון גאטעס ליעב־האבער אונ זיינע ערינסטע דינער, אז אלע תכונות הנפש זאלין זיין גיהארכזאם צוא דיא איידעלע גיבאט פון דער תורה.

אה! — רופין זיך אב איינינגע הויכארטינגע מענער — וויא טיף זיינען דיא געדאנקען פון אנשי כנסת הגדולה, וואס זייא האבען אונז איינגיפאסט דעם הויכען רעיון פון מזוזה אין דיא קורצע ווארטין פון דיא ברכה — וויא זיס אונ אנגינעהם דאס איז צוא הערין.— נאך אזאך וואלטען מיר גערין פארשטיין וואס בעדייטעט דער שם „שדי" וואס איז אנגעשריבען אויף דיא מזוזה פון דרויסען, געוויס מוז אין דעם אויך זיין גיפאסט הויכע געדאנקען אונ מיר ווילען האבען דיא עהרע איהר זאלט דאס אונז ערקלערין.

איהר האט מיר ערצעהלט וואס איך האב אמאל גיהערט פון אוויכטיגען מאן, אז דיא שטימע וואס דער גרויסער וועלט־קעניג (השי"ת) האט גירעט פאר דיא גרויסע פובליקע יודען ביין הר סיני, דיא 10 גיבאטע וואס אין זייא איז נכלל אלע תרי"ג מצות (וויא דיא ראשונים שרייבען), דיא שטימע ווער עס האט נור איין טעלעפאן בייא זיך הערט איהר שטענדיג, וויא משה רבנו זאגט אונז (אין פ' ואתחנן) קול גדול ולא יסף גאט האט צוא אייך גירעט אגרויס־ארטיגע שטימע אונ זיא הערט ניט אויף, שטענדיג הערט איהר דער וואס האט אויערין אונ אטעלעפאן בייא זיך אין שטוב.

וואס איז דאס פיר אזא וואונדערליכער טעלעפאן, וואס דורך איהם הערט מען אלע טאג דיא געטליכע שטימע פון הר סיני, מיר זיינען דאס זייער גערין צוא וויסען — פרעגין אלע פערוואונדערט —, מיר וואלטין צאלין פיר אזא טעלעפאן פיל מען וואלט בעטין.

יענער האט מיר ערציילט וואס ער האט גיזעהען צופעליגער ווייזע פון אגרויסען מאן, אז ביין אויפשטיין פריה אונ פארין שלאף פלעגט ער צו גיין צום מזוזה אונ איהר אקוש גיטאן אונ גישטאנען אהיפשע ווייל שטיל מיט גרויס עהרענ-פורכט, נאכהער האט ער שטילער־הייד גירעט, וויא ער ענטפערט אין טעלעפאן אויף דעם וואס יענער רעט צו אים, פאר שטייט איהר שוין מיינע טייערע ווער דער טעלעפאן איז? — דר טעלעפאן איז דיא מזוזה וואס דורך איהר הערט דיזער, וועלכער האט אריינעם אגיזונטין אהער, וויא אשטימע שרייט צו איהם „שמע ישראל" הארך-איין דוא יוד „ה' אלקינו"

דער

(דער וועלט באשאפער ער איז דיין אויפפאסער) – דאס איז דיא שטימע פון הר סיני אנכי ה' אלקיך - ,ה' אחד" – דאס איז לא יהי' לך כו' – ואהבת כו' – דאס איז לא תשא – (כמ"ש הגר"א ז"ל דבפרשה ראשונה של ק"ש נרמז עשרת הדברות), אונ דער איד דארף ענטפערין צוריק אין טעלעפאן – יא יא, איך בין אויף זיך מקבל, צו זיין א טרייער אונטערטאנער צו דיר ליבער וועלט קעניג, איך מאך דיר קעניגען אויף אלע מיינע גלידער, אז יעדער גליד זאל זיין געהארכזאם נית איבער צו טרעטין דיא געזעטצע פון דיין ליבע תורה, דיא אויגען זאלין נית קוקען וואו מען דארף נית, דיא אויערין זאלען נית הערין וואס מען טאר נית, דיא מויל זאל נית ריידין וואס מען טאר נית אונ וואס עס פאסט נית, דיא פיס זאלען נית גיין וואו מען דארף נית אונ דאס גלייכען אלע גלידער, אויך מאך איך דיר קעניגען אויף מיינע נאכקאמע אז איך וועל אן זאגען מיינע קינדער אונ קינדס קינדער זייא זאלין בלייבין דיינע טרייע אונטערטאנער" (למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה').

דער נביא (ישעי' מא) זאגט הלא ידעת כו' בורא קצות הארץ, השי"ת וואס איז בלתי גבול ותכלית האט ער באשאפין זיין וועלט מיט קצוות, ד. ה. מיט איין ענדע, נית ווייל זיינע קרעפטין האט חלילה נית געשטייעט אויף גרעסער היא א בשר ודם וואס בויט א קליינע הויז ווייל זיין קאפיטאל ערלויבט איהם נית אויף גרעסער, לא ייעף ולא יגע, השי"ת איז נית מיד געווארין, ער איז איין כל יכול. אונ נית ווייל זיין קענטשאפט איז צו קורץ גיקומען וויא א בשר ודם וואס בויט נית ארויף א פערטין עטאז ווייל עס פעלט איהם דיא ידיעה פון אינזשענער צו וויסין אויב דער פונדאמענט וועט קענען האלטין אויף זיך אזא הויך, אין חקר לתבונתו צוא דיא חכמה ותבונה פון השי"ת איז גאר קיין אויפהערשטונג אונ קיין גרונד ניטא האט ער דאך געקענט באשאפין דיא וועלט גאר אן איין עק פון דעסטוועגן בעת ער האט גיזאגט. עס זאל ווערין באשאפין א וועלט ; אונ דיא בריאה האט זיך גינומען שפרייטין גאר אן א גבול האט ער גיזאגט האלט ! גנוג ! („שדי" שאמר לעולמו די), דאס איז צו לערנען דעם מענשין וואס ער איז אויך א קליין וועלטיל (עולם קטן) ווען זיינע כחות נעמען זיך שפרייטין אונ שפרייטין זאל ער אויך זאגין די ! גענוג, האלט ! צב"ש דער מענש דארף ליעב האבען א קערביל ווייל מען דארף האבען, אבער אז דער כח נעמט זיך שפרייטין אונ וויל ליב האבען א קערביל וועלכער נית כשר איז, דארף ער זאגין צו דעם געלט-גייץ „די"! האלט ! – מען דארף ליב האבען מאבען

נעשעפט

גֶעשֶׁעפְּט, לִיב הָאבֶּן לַייזִין אַרוּבִּיל וְויא עֶס קוּמְט אָבֶּער שַׁבָּת צוּ דִיא שְׁקִיעָה אוּנ דָא גְרַאד קוּמֶען קוּנְדִין אוּנ מֶען קֶען לַייזִין גְישְׁמַאק, דָא דַארְף דֶער מֶענְשׁ זָאגֶען צוּם לַייזוּנְג-גַייץ דַי! הַאלְט!*). וֶוען אַיין אַרְבֶּעטֶער גֵייט אַרַיין אִין שֵׁיינְק מַאכִין אַשְׁנַאפְּס פַאר מִיטָאג אוּנ עֶר גִיפִינְט גוּטֶע בְּרִידֶער אוּנ מֶען וִויל אָנְהֵייבֶּען לֶעבִּין אַטָאג, וּבִפְרַט פְרַייטָאג פַאר נַאכְט בְּעֵת מֶען גֵייט אַרַיין אִין אַטְרַאקְטִיר זִיךְ צוּ רֶעכֶענֶען מִיט אַרְבֶּעטֶער דֶענְסְטְמָאל אִיז יֶעדֶער בְּדִיחָא דַעְתָּא, צַייט אִיז דָא אוּנ אַקֶערְבִּיל אִין טַאשׁ אִיז אוֹיךְ דָא, זָאל עֶר זָאגִין צוּם שִׁכּוּר-גַייץ, צוּם זוֹלֵל וְסוֹבֵא-גַייץ „דַי"! הַאלְט! — דַיין פְרוֹיא וַוארְט מִיט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אוֹיגִין אוֹיף דֶעם קֶערְבִּיל וָואס זִיא הָאט אַגַאנְצֶע וָואךְ גִיבָּארְגְט אוּנ גִיזָארְגְט, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ קוּמֶען פְרַייטָאג פַאר נַאכְט אַהֵיים בַּאצַייטִין מִיט אַרוּהִיגֶע (נִיט קֵיין פַאר שִׁכּוּרְטֶע) קָאפְּף דוּא זָאלְסְט קֶענֶען גֵיין דַאווֶנֶען אוּנ זִיצִין בַּיין טִישׁ וְויא אַיין אִיד, אַיין אַרְבֶּעט מֶענְשׁ דַארְף נֶעמֶען אַבִּיסֶעלֶע בְּרַאנְפִין אָבֶּער מִיט אַמָאס אוּנ וְויא עֶס הַאלְט בַּיי אַיין אִיבֶּערִיגֶע גְלֶעזִיל דַארְף עֶר זָאגֶען דַי! הַאלְט! הַכְּלָל הַשֵּׁי"ת מִיט זַיין זָאגִין צוּ זַיין וֶועלְט דַי! הָאט אוּנְז גִילֶערִינְט אַז דֶער מֶענְשׁ וָואס עֶר אִיז אַיין עוֹלָם קָטָן זָאל עֶר אוֹיךְ זָאגִין צוּ זַיין וֶועלְטִיל דַי! אִין אַלֶע קְצָוֹות אִין אַלֶע קַאנְטִין וואוּ עֶר קֶערְט זִיךְ, אוֹיף דֶעם וַוייזְט דֶער שם

---

*) שְׁלֹמֹה הַמְעַ"ה זָאגְט אַל תַּרְשַׁע הַרְבֵּה ד. ה. וֶוען דוּא הָאסְט שׁוֹין גִינֶעסִין קְנָאבִּיל אוּנ עֶס גִיט זִיךְ אָב פוּן דִיר אַשְׁלֶעכְטִין גְרוּךְ אוּנ עֶס צִיט דִיר דִיא תַּאֲוָה צוּ עֶסִין נָאךְ זָאג אִיךְ דִיר מַיין קִינְד, הַאלְט! עֶס מֶער נִיט, ד. ה. וֶוען אֵיינֶער צַב"ש פֶערְבְּרֵיינְגְט מִיט קוּמְפַּאנְיָא אַיין אָווֶענְד אִין קָארְטִין דָס רוּפְט זִיךְ בַּיי אַיין אִידֶעלִין גִיפִּיל וְויא גִינֶעסִין קְנָאבִּיל וָואס גִיט זִיךְ אָב אַשְׁלֶעכְטִין גְרוּךְ, דוּא זֶעסְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין 11 אַזֵייגֶער זָאג צוּא דעם קָארְטִין-גַייץ דַי! הַאלט! מֶען דַארְף גֵיין צוּ הוֹיז רוּהֶען מֶען זָאל קֶענֶען אוֹף שְׁטֵיין אִין דֶער צַייט, מִיט אַקְלָארֶע קָאפּ, נִיט וְויא בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים עֶס אִיז גִיוואָרִין אִין פַיינֶע הַייזֶער קָארְטֶענְעס, מֶען שְׁפִּילְט גַאנְצֶע אָווֶענְדִין אוּנ גַאנְצֶע נֶעכְט אִין קָארְטִין, אוּנ פַיינֶע אִיידֶעלֶע מֶענְשִׁין (מֵאַנְבֶע פוּן זֵייא זַיינֶען גְבִירִים אוּנ בְּנֵי תּוֹרָה וְיִרְאֵי שָׁמַיִם) וֶוערִין אַרַיין גִישְׁלֶעפְּט אִין דִיא מִיאוּסֶע תַּאֲוָה ה' יְרַחֵם. — אַנְדֶערֶע חֶעמִיקֶער הָאבִּין גִיוואָלְט מַאכִין פוּן וַואנְצִין קוּמְפּוֹט, ד. ה. אַיין גֶעבִּילְדֶעטֶע דַאמֶע אַיין דָאקְטֶערְשֶׁע הָאט פְּרָאיֶעקְטִירְט אוּם צוּ פַארְשְׁפָּארִין טִרְחָה, גֵיין אָפְּט צוּזַאמֶען מַאכֶען פִיר דִיא נוֹיטְווענְדִיגֶע, זָאל מֶען שְׁטֶעלִין פּוּשְׁקֶעס אִין דִיא גְרוֹיסֶע הַייזֶער אוּנ פוּן יֶעדֶער קָאן קָארְטִין-שְׁפִּיל זָאל דֶער גִיווינֶער אַרַיין וַוארְפִין 10 ק' (מחיר כלב) הָאבִּין אַנְדֶערֶע נִיט אַיינְגִישְׁטִימְט, וַוייל דַאדוּרְךְ וֶועט מֶען ווִיסִין אַז בַּיי זֵיי שְׁפִּילְט מֶען אַסַךְ (וֶוען אִין פּוּשְׁקֶע וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אַסַךְ 10 קָאפִּיקֶענֶע) וְויא עֶס וַוייזְט אוֹיס אִיז „פוּן וַואנְצִין שְׁווֶער צוּ מַאכִין קוּמְפָּאט"!

שם „שדי" שאמר לעולמו די. — נאך אבאדייטונג האט דער שם „שדי" שמשדד הטבע, אמאל שטעלט ער אב אין גאנצען דיא נאטור, וויא ער האט געטאן פיר אונז אין מצרים אונ ביין ים, צו לערנען דעם מענשין אז אמאל מוז מען אין גאנצין אב שטעלין אויף אוויילע דיא נאטור צב"ש אזויא איז דאך עסין ערלויבט נור מען דארף זאגין „די"! ניט אריבער חאפין דיא מאס, ניט צו עסין וויא אזולל וסובא אונ ניט צו טרינקען וויא אשכור, אז עס קומט אבער יום כפור דא דארף דער מענש אויף אגאנצין מעת לעת אב שטעלין דיא נאטור, גאר ניט עסין, גאר ניט טרינקען. אדער ווען איינער האט אריבער גיחאפט דיא מאס אונ איז גיווארין איין שכור מוז ער אויף איין חודש אב שטעלין דיא נאטור (פון טרינקען משקה) אין גאנצין, נעמען אויף זיך גזירות פון שנאפס גאר ניט טרינקען אחודש בכדי צו פאר לעשין דעם שכור-גייץ, נאכהער וועט ער זיך קענען שטעלין אויף אמענשליכע מאס, צוא טרינקען אביסעלע וויא אמענש דארף. — אדער ווען ער גיפינט יענעמס געלט, אונ דער געלט-גייץ הויבט אן צו זידין (ובפרט ווען עס איז ארעכטע מטבע), דא דארף ער זעהען צוא ברעכין דיא טבע פון געלט-גייץ אונ אב געבין יענעם אפילו צו אבריסט אום מקדש צו זיין שם שמים, מען זאל זעהען וואס פיר אפיינעם חאראקטער דיא תורה האט גיבילדעט דעם יודין. הכלל דיא מזוזה איז דיא איינציגע ליכט וואס זיא באלייכט זיין טריט (נר לרגלי דבריך) אין אלע זיינע וועגין, ווען דיא זאך איז בעצם ערלויבט וויא האנדלען אונ עסין כשרות רוגילירט זיא איהם ער זאל ניט אריבער חאפין דיא מאס, ווייל וואס „צו" איז אומגיזונט, אונ אמאל דארף דער מענש אין גאנצין ברעכין (אויף אבעשטימטע צייט) דיא נאטור, אט דיזע גאנצע לעהרע צייגט אונז דער אייןווארט „שדי" (ע"ש שאמר לעולמו די ועל שם שמשדד הטבע בעת הצורך).

אה! גרויס ארטיג איז דער געדאנק — האט זיך אויס גירופען אגרויס ארטיגע דאמע — איך דיינק דאס אלע מאל אויף מיינעם איין נאכבאר אגביר אדיר וואס ער פארדרייט זיך דיא קאפ מיט פיעל גישעפטין אונ סטראיענעס, ער פליט אונ לויפט אין אויסלאנד וועגין סחורה, אז עס בלייבט איהם ניט קיין צייט, וועך רעט וועגען אידישקייט צו דיינקען דאס איז אב גערעט — אונ גראדא איין אידישער מענש — אפילו אין וואלטהאט האט ער קיין צייט ניט צו ארבעטין, אונ פאר וועמען — דרייט ער דעם מוח אזויא פיל —? אלע קינדער זיינע זיינען גבירים, אה! ווען ער וואלט פאר זיך לאזין איינע שעה אין וואך צו באדיינקען עפעס וועגען וואלטהאט,

פיל

פיל גוטעס וואלט ער דאס קענען אויף טאן, (כמ"ש חז"ל הוי ממעט בעסק ועסוק בתורתא שהיא מביאה לידי מעשה) אגרויסער שאדין וואס ער באמערקט ניט דיא מזוזה וועלכע זיא ערמאנערט איהם ער זאל זאגין לעולמו די! גינוג! האלט! גינוג צוא פאר דרייען זיך דיא קאפ מיט פיל גישעפטין! לאז צייט אויף וואלטהאט צו טאן—גענוג צו נעמין צינזין, לייג אב עטליכע טויזענדער צוא פאר לייען גמלות חסדים (גמ"ח בין לעניים בין לעשירים), אזויא וויא דוא טרויסט יענעם אויף אוועקסיל אז ער גיט דיר צינזין, מעגסטו איהם אויך טרויען אגמ"ח אהודש אויף אוועקסיל אדער אויפין ווארט, ווען דוא ווייסט אז זיין ווארט איז היילינער פון אוועקסיל, איך זעהע מאנכע מאל צו, ווען אייגער קומט צו איהם בעטין אגמ"ח, אונ גראדע אויף אזיכערין זאלאג, אויף אונגרישגעם בילעט (וואס אפריינד האט איהם גיליען) לאזט ער (אדער זיא ווען זיא זיצט ביין קאסע) אראפ דעם נאז אונ זאגט: ביי מיר איז ניט קיין גמילות חסד', אונ וועז יענער גיט איהם אבער דאפיר צינזין דא הויבען זייא שוין אויף דעם נאז אונ קוקען שוין גאר אנדערש, אה! עס איז זייער נייטיג זייא זאלין באמערקין דיא מזוזה, זיא זאל זיין וויא א טעליפאן איין ברעג ביין טיר אונ דער צווייטער ביי זייא אין אויער, עס זאל זייא קלינגען אין אויער דיא היילינע שטימע ואהבת את ה"א בכל מאודך — בכל ממונך — כבד את ה' מהונך גיב עהרע דעם עוויגען פון דיין קאפיטאל וואס ער האט דיר באגאבט.— מיר וואונדערט זייער צוויסין דיא אלע פערגעניגען וואס דיא רייכע זוכין (וויא מיט ליכט) צו פארשאפין זיך, ווארום זאלען זייא ניט זעהן פארשאפין זיך דעם הימלישין פערגעניגען „פון וואלטהאט טאן"? — וואס קען נאך געבען אגרעסערין פערגעניגען אין דער וועלט וויא „געבין"? — בעת איך שטיץ דעם באדערפטיגען, דעם נויטווענדיגען, איך לייה איהם אגמלות חסד, איך קערעווע איהם, איך שטעל איהם אויף דיא פיס, וואס לבד דער גרויסער שכר אין דיא עוויגע וועלט, וואס איז פאר איהם גינרייט שפירט דאך דער ארענט־ליכער מאן בעת מעשה אגרויסען פרגעניגען,—וואס זאלין מיר אבער ריידין מיט שכורים, דיא גבירים זיינען דאך פאר שכור'ת וויא דער גרויסער חכם האט פותר־חלום גיוועזן דיא אלטע פרויא *).

יעצט

*) ביי דעם גרויסין גאון החכם ר' יוסף בער מבריסק זצ"ל איז גיוועזן אמאל איין אסיפה וועגין אכלל זאך. זעלבסט פערשטענדליך אז זיין מיינונג וואהר צו פירין דיא זאך נאך דעם ריינעם ליכטיגין גייסט פון דער תורה, אייניגע חיינטינע גבירים האבין פראטעסטירט אויף דעם, ער מיט זיין וויטין בליק האט גוט גיזעהען וויא ניט אנגינעהם עס וועט זיין דיא ענדע פון זייערע פלענער, האט ער מיט קלוגע רייד גינעבין זיי צו פארשטיין זייער אירטהום, עס איז אבער שווער גיוועזן ביי זיי פועל צו זיין. גראדע אין דעם מאמענט זאגט מען איהם אז איין אלטע פרוי האט אשאלה אדבר נחוץ, גייט ער צו ביין טיר פון זאל אונ בייגט איין דיא קאפ צו הערין איהר שאלה אונ ענטפערט איהר אונ זיא גייט אוועק. אייניגע מענשין זיינען גיוועז

יעצט טייערע שוועסטער אונ ברידער — זאג איך — באטראכט צו וואס אונזערע אונוויסענהייט האט גיבראכט, אז אזאך וואס מיר זאגען צוויי מאל אטאג אונ מיר האבען דאס פיר אונזערע אויגין שטענדיג איז לא די וואס מיר האבין פארגעסין דעם גידאנק פון דעם, וואס ער איז כמעט בולט אין דיא קלארע ווערטער פון דער תורה, אז אום מיר זאלען קענען קומען צו דיא 3 הויכע מדרגות היינו ואהבת את ה״א בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך, אז מיר זאלין ליב האבען אונזער באשעפער מיטין גאנצען רצון אונ שכל אונ פארמעגין האט זיא אונז גיגעבין די זעלבע מיטלען וועלכע מיר בענוצין אין גישעפט, היינו ווען איינער וויל מאכין אגישעפט באנוצט ער זיך מיט מחשבה דבור ומעשה, היינו פריער טראכט ער דורך אלע זייטין פון גישעפט אין געדאנקען, נאכהער רעט ער וועגין דעם גישעפט מיט זיין פרויא אונ קינדער אונ זיינע גוטע פריינד, נאכהער איז מעשה טוט ער איהם בפועל ממש, דאס גלייכין האט אונז דיא תורה גילערינט מיר זאלין פירין דיא עסקים פון נפש (וכמ״ש התכם מכ״א אם תבקשנה ככסף ד. ה. וויא געלט גישעפט. אז תבין יראת ה׳ ודעת אלקים תמצא), פריער והיו הדברים הא׳ה אשר אנכי מצוך היום על לבבך דאס איז מחשבה, מיר זאלין שטענדיג טראכטין וועגין דעם, נאכהער ושננתם לבניך ודברת בם מיר זאלען שטענדיג ריידין וועגין דעם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך סיי אין שטוב סיי אין גאס סיי ביין לייגין זיך אונ ביין אויפשטיין, נאכהער זאלין מיר טאן אמעשה וקשרתם לאות על ידך, דאס וועט ווירקען אויף „בכל לבבך״ (ושמתם את דברי אלה על לבבכם) אז דיא פרשיות זאלען ליגען אויף דיא לינקע האנד קעגין הארצין (על ידך זו קיבורת, יקבלתנו הנאמנה) לשעבד בזה תאוות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו, צו צו ניינען אונזערע תאוות אונ אונזערע געדאנקען לעבודת הבורא, איז דיא תפילין של יד אגעמיליכע סגולה זוכה זיין צו ליבין השי״ת בכל לבבך. נאכהער האט אונז דיא תורה גיגעבין אסגולה זוכה זיין צו ובכל נפשך והיו לטוטפות בין עיניך, נעמען דיא זעלבינע פיר פרשיות אונ מאכין זייא אין פיר בתים אונ טראגין זיי איין צירונג בין עיניך, אויפין קאפ וואו דיא קוועלע פון דיא אויגין זייטען, דאס איז דער ארט פון מוח וואו ביי אקינד איז וויך, („עין אין

נייגעריג צו הערין וואס פאר אדבר נחוץ דאס איז גיוועו. ענטפערט דער חכם, דאס איז ניט קיין שאלה נור איין פתרון חלום. דא זיינען זיי נאך מער נייגעריג גיווארין הערין דעם חלום מיט זיין פתרון, — איהר האט זיך גיחלומט דיא נאכט — זאגט דער חכם — אז איהר בן יחיד וואס האט פער־רייזט וועגין גישעפט האט מען איהם גישלעפט אשכורין איבערין גאס, קלאפט איהר זייער דיא הארץ אויף דעם, שטייט איהר בן יחיד וואס זיא האט איתם אזוי פיל אב גיהיט פון דיא מיאוסע זאכין איז ער צום סוף גיווארין איין שכור — האב איך איהר בערוהיגט אז דאס ווייזט ער וועט באגליקען אין דער נסיעה אונ וועט ווערין אגביר, גבירים זיינען דאך וויא „פאר־שכור׳ת״.

איז טייך איין אויג אונ אקוואל (עין המים), ד. ה. אויף דעם ארט פון מוח וואו די קוועלע פון די ראיה איז*) וואס פון דארטין גייען דינע עדערלאך אין אויג אריין אונ די ראיה קומט דורך די אויג גלייך אין מוח). כדי די נשמה (דער שכל) וואס איז אין מוח מיט אלע חושים וכחות וואס קומען אריין אין מוח זאלין זיין משועבד לעבודת הבורא**). נאכהער גיט די תורה אמיטעל למעשה וויא זוכה צו זיין צו די העכסטע מדה ובכל מאדך אז אהבת הבצע זאל חלילה ניט אראפפירען דעם מענשין פון גראדע אידעשע אונ מענשליכע וועג וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך נעם די צוויי פרשיות שמע והיה אם שמוע אונ באהעפט אויף דעם בייששטידיל פון דיין הויז אונ פון דיינע טויערין, בכדי אז ווען דוא וועסט ארויס גיין אין געשעפט אונ וועסט אריין קומען פון גישעפט זאלסטו אבליק טאהן אויף דעם אונ באטראכטין "אז עס איז ניטא אזאך וואס זאל בלייבין דיינע אויף אימער אונ עוויג נור די געטליכע וויסענשאפט אונ גוטע מעשים", אונ ווייטער איז אלעס הבל הבלים, וואס דער מענש איז ניט זיכער מיט דעם אויף איין טאג, זיא קענען יעדער ווייליע צו גענומען ווערין פון מענשין אדער הלילה דער מענש פון זייא, אונ דער גידאנק קען פעסט ווירקען אפין מענשין, בלייבען ביי זיין פעסטין היילגען הראטער***), איז אונזער אונוויסענהייט אזוי גרויס אז מיר פארגעסין אז דאס איז אהייליגע גיבאט, איין געטליכע ראטה וויא דוד המלך ע"ה זאגט (תהלים קי"ט גם מצותיך שעשועי אנשי עצתי) אלע דיינע מצות זיינען איינע זיסע אונטערהאלטונג פיר מיך, אונ מיינע טרייעסטע ראטה-געבער וויא גליקליך צו מאכין דעם מענשין אויףביידע וועלטין, אונ מיר דיינקען גאר אז דאס איז עפעס אבבא מעשה איין פאנאטישע סגולה צו ניט-גוטע אונ וויא באלד אז היינט זאגט מען אז עס איז ניטא קיין שדים דארף מען דאס גאר ניט, אונ מיר ווערען אזויא ווילד פאנאטעש אז אוני איז בעסער

געפעלין

---

*) קורא יקר ראה בעיניך איך הקבלה הנאמנה מתאים לפשוטו של מקרא, אשר "על ידך" זהו קיבורת שהוא כנגד הלב לא כהקראים המפרשים שהוא פס ידו (מגילה פ"ד) כי הלא הוא מקביל אל בכל לבבך. וכן בין עיניך הוא מקום שמוחו של תנוק רופס ובין עיניך הוא מקור הראי', כי הלא הוא מקביל אל בכל נפשך מקום משכן הנפש. והמשך הענין מכה על קדקוד הקראים אשר לא ירדו לעומק הפשט והכונה—.

**) אויב דוא ווילסט וויסין גרונטיג ווארום אין של יד ליגין אלע פיר פרשיות אין 1 בית אונ אין של ראש אין 4 בתים, אויך דעם שינוי הנוסח "להניח" תפילין ועל "מצות" תפילין אונ וואס בעדייטין די 7 כריכות פון האנד לייען דורך מיין העתקה לספר היראה לרבינו יונה צד 18 וועסטו זעהען אז יעדער דין אונ יעדער מנהג א אידישער איז אן גיטאסין מיט הייליגע וויכטיגע גידאנקען.

***) חייב אדם להזהר במזוזה מפני שהיא חובת הכל תמיד, וכל זמן שיכנס ויצא יפגע ביחוד השם, שמו של הקב"ה ויזכור אהבתו ויעור משנתו ושגיותיו בהבלי הזמן, וידע שאין דבר העומד לעולם ולעולמי עולמים אלא ידיעת צור העולם, ומיד הוא חוזר לדעתו והולך בדרכי מישרים. אמרו חכמים הראשונים כל מי שיש לו תפלין בראשו ובזרועו וציצית בבגדו ומזוזה בפתחו מוחזק הוא שלא יחטא, שהרי יש לו מזכירין רבים והן הם המלאכים שמצילין אותו מלחטוא שנאמר חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם (רמב"ם סוף ה' מזוזה).

געפעלין פערדעשע פאדקעוועס צו פירן אונז צום גליק, אה! עס שוידערט מיר אלע גלידער פון דיא ווילדע פאנאטיזום, אונ דיא הארץ האט מיר פאר-קוועצט פון גרויס אויפרעקונג אז איך בין כמעט באלד אין אונמאכט געבליבן, איך בין אנטשוויגען געווארין אונ האב מיר אוויילע אב גירוט, ביז איך בין געקומען צו זיך.

אה! דאס איז ווירקליך אטראגאטעלנע (איין ריהרענדע) סצענע, עס באוירט אלע נערפין, וויא זיא האט דא אונז ערקלערט דיא ריינע אידעלע געדאנקען וואס איז אנגינאסין אין דיא היילינע מצות פון דער תורה —, רופט זיך אב אהויבארטיגע דאמע צו איהר שיינע טאכטער — אה! עס איז צוא באדויערין אונזער אונוויסענהייט, איך זעהע שיינבאר אז ווען מען לערינט ניט דיא רעליגיאן צוא פאר שטיין איהר גישמאק, איז מען גאר וויא אנגעקעכץ אן זאלץ.

מיר האלטען דאך עפעס וועגען משמח זיין חתן וכלה אונ איך בין גאר אריין אין אמוראלישען ראזנאוואר, וועל איך אייך ערציילין אגעלעכטער, אלע שטעלין אן נאז אונ אויערין צוא הארכין.

איך בין אמאל גיפארין פער-אקס, קומענדיג צו אטייך האט זיך דער פערד אב געשטעלט טרינקען, איך באטראכט ער טרינקט ניט נור ער בריקעט מיטין פאדקעווע אין וואסער אין היבשע ווילע, ביז וואנען ער האט געמאכט מוטנע דעם וואסער נאכהער האט ער געטרונקען, זעהענדיג דאס טראכט איך ביי זיך „דוא פערד איינער! ווארום איז דיר ניט גיפעלין געווארין צו טרינקען פריער ריינע קלארע וואסער, נור דיר גיפעלט מוטנע בלאטיגע וואסער“ אונ בין שרעקליך פארוואונדערט אויף דעם — דער פערד האט אב געטרונקען מיר פארין ווייטער, דיא פאגאדע איז גיוועזן זייער פיין, איך גיב מיר ארויס א תנ"ך אוויילע קוקען, גראדע מישט זיך אויף תהלים דער פסוק אל תהיו כסוס כפרד אין הבין במתג ורסן עדיו לבלום כו', איך טראכט ביי זיך סימנא מלתא היא אז נאך דער מעשה פון פערד מישט זיך אויף גראדע דער פסוק אל תהיו כסוס, דארף מען דא עפעס זעהן צו פארשטיין, פאלט מיר איין אשכל, דאס איז בוואוסט אז דער פערד איז אגרויסער בעל גאוה (זכר לדבר מוצא הסוסים ממצרים הנקראים רהב) אונ א בעל גאוה מיינט אלעס אני ואפסי עוד „אז נור איך איינער אונ מער קיינער“, ד. ה. דער פערד דיינקט אז אלע לאנקעס איז פיר איהם אונ פשיטא דער טייך איז אין גאנצען פיר איהם, היינט אז דער פערד ביינט איין דיא קאפ צו טרינקען בעת דער טייך איז קלאהר אונ עס שיינט איהם אב אנטקעגין אז נאך אפערד טרינקט, קען דען דער

בעל

בעל גאוה דער פערד ערטראגין אז נאך איינער זאל טרינקען ?, באטראכט זיין פערדישע קאפ זייער אגוטין מיטעל, פארפירען אשטרייט אונ בריקען איהם מיטין פאדקעווע, ער זעהט אבער אז יענער איז אויך קיין טרוש ניט אונ הויבט אויך דיא פוס אונ לאזט אראפ, ווערט ער נאך מער אין כעס וויא אפערדישער בעל גאוה, ביז וואנען ער מאכט מוטנע דעם וואסער אונ זעהט שוין מער קיין פערד אנטקעגין, דא ווערט ער מונטער אונ רוהיג, וויל ער האט גיזיגט דיא מלחמה, ער האט אב געטריבען יענעם פערד, טראכט איך מיר: „דוא פערדישע קאפ וואס האסטו אויס גיפירט, אנשטאט וואס דוא האסט גיקענט טרינקען ריינע וואסער האט דיר דיין פערדישע גאוה אנגעטרונקען מיט מוטנע וואסער", אז דוד המע"ה האט דאס באטראכט האט ער גינומען פון דעם אפיינעם מוסר פיר דעם מענשין, דאס איז אריכטיגער שפיגעל, וויל ביא פיל מענשין עקסעסטירט אויך דיא נארעשע גאוה. „אני ואפסי עוד" אונ אנשטאט דיא ערענטליכע וועג וואס דער גערעאנק פון מזוזה ווייזט אויף דעם, ואהבת את ה"א והאוהב את המקום אוהב את הבריות, ד. ה. „לעב אונ לאז לעבין", אונ וויל אז דער צווייטער זאל אויך לעבין, השי"ת האט באשאפין אגרויסע וועלט, אגרויסען טייך עס קען קלעקין פיר אלעמען ריינע וואסער, קומט דער נארעשער מענש אונווארפט אראפ דיא מזוזה נור ער האפט זיך צו דיא פאדקעווע ער קלאפט מיט דיא פאדקעווע אונ צו מישט אונ מאכט א קאשע אונ זאגט „גם לי גם לך לא יהיה" ניט מיר אונ ניט דיר, עס איז רעכט ביא איהם צו טרינקען בלאטע אבי יענער זאל ניט האבען.

דרום זאגט דוד המע"ה אין דעם נאמען פון דער תורה*) אשכילך ואורך בדרך זו תלך, איך וויל דיר קלוג מאכען אונ ווייזין די גלייכע וועג פון דער תורה וואס דוא זאלסט גיין אין איהר, איעצה עליך עיני דיא תורה ווייזט איהר קלוגען וואונק וויא צב"ש תפלין ציצית מזוזה וואס דאס איז קלוגע געטליכע ווינקען פיר דעם פארשטאנדיגען מענשין צו וויסין וואס ער האט צו טאן, אבער אל תהיו כסוס כפרד אין הבין, איהר זאלט ניט זיין וויא נארישע בעלי גאוות וואס איהם פאסט ניט צו האבין אמזוזה ביי זיין טיר, וויל זיין פערדישער מוח פארשטייט ניט דיא קלוגע גערדאנקען וואס איז פאר וואונקען אין דעם אונ ממילא אז ער האט ניט דעם שוטץ פון דער

תורה

*) נאכהער, וויא ער ערקלערט פריער (תהלים לב) „אתה סתר לי מצר תצרני" וויא דיא מצות פון השי"ת שוצין אויף דעם מענשין וויא ער זאגט אין איין אנדער ארט „חונה מלאך ה' סביב ליראיו" וכמ"ש חז"ל חביבין ישראל שסבבן הקב"ה במצות תפלין כו' מזוזה בפתחיהן כו'.

תורה ומצוות אונ ער גייט ארויס אין גאס היצט איהם אויף דער פלאהם פון תאוה אונ חמדה אונ גאוה אז „אני ואפסי עוד“ אונ ער ווינט גאר אויף מי יחיה, אונ זיין גליק אונ צופרידענהייט גיפינט ער בעסער אין דיא פערדישע פאדקעווע „ניט מיר אונ ניט דיר“ אונ מאנכע מאל זיך ביידע אויגין ארויס נעמען אבי יענעם איין אויג. דוא מענש ווען דוא טוסט אזויא! בינסטו פיל ערגער פיר דעם פערד, ווייל דער פערד איז דאך אונשולדיג, ער האט מעהר קיין פארשטאנד ניט, אבער דוא מענש וויא אזויא האסטו פארלארין דיין פארשטאנד, אונ אוועק אין אזא ווילדע וועג וויא איין חיה מזיק צו זיין מענשין. אונ וויא אזוי פארשטייסטו דאס ניט אז דאס איז גאר אגרויסער טעות, אז דוא האסט גאר קיינעם ניט אב געטריבען מיט דיין בריקענען אונ מוטנע מאכין דעם וואסער, דוא האסט נור מוטנע געמאכט פיר זיך, אבער פיר יענעם ביסטו גאר קיין בעל דעה ניט, השי״ת וואס ער איז מכין מזון לכל בריה וועט פאר איהם באזארגען אריינעם איסטאצניק צום לעבין והבוטח בה׳ חסד יסובבנו, ד. ה. דער חסד וועט זיין אגוטער סרסור גיפינען פיר איהם אמקור לפרנסה, נור פיר דיר האסטו מוטנע געמאכט אונ צוהאקט, דרום דארפסטו מיט דיין שכל מאכין איין „מתג ורסן“ איין צוים „עדיו“ זיין אב קערונג „לבלום“ איין צו צאמען „בל קרוב אליך“ עס זאל ניט קומען אויף דיר „רבים מכאובים לרשע“ דיא פיל ווייטאגין אונ יסורים וואס איז מוכן פון די השגחה עליונה צו קומען כוף כל סוף אויף די שלעכטע מענשין.

יעצט אז מיר האלטען ביי דעם ראזנאוואר לאמיר באטראכטין דיא חיטראסט פון יצר הרע, אז אפילו ביי דיא וואס גליקט איהם שוין ניט, צו מאכין דעם וחלופיהן בגולם, דעם גולם-חלוף (פון מזוזה אויף אנערדישע פאדקעווע), זעהט נור וויא ער קליגט זיך מיט זייא אויך צומאכין גישעפט, היינו לפחות זעהן צו פארבלענדין זייא דיא אויגין ניט צו פארשטיין דיא קלוגע ווינקען פון דעם, אום דאדורך זייא זאלין ניט וויסין צו שעטצין דיא היילינע מצוה, אונ זיא זאל ביי זייא נור זיין וויא מצות אנשים מלומדה, אב צו קומען וויא עס איז, אונ געגין דעם היילינען רעיון וואס מזוזה ווירקט אויף דעם מענשין צו ליבין השי״ת בכל מאדך מיט דיין גאנצען פארמעגען, שטאראיעט ער זיך גראדע פארקערט, אז 15 קאפ׳ זאלין זיין טייערער בייא איהם פיר דיא גאנצע מצות מזוזה, אונ פאר גינט זיך ניט צו קויפין איין רעכטע מזוזה נור צום העכסטין ביז 10 קאפ׳ וואס עס איז גאר ניט מענליך צוא זיין כשר על פי דין תורה*).

*) וויא יעדער בר דעת פערשטייט, ווען אמענש זאל ארבעטין 3 שעה (אמזוזה שרייבין גיווערט

יַא יַא, עֶס אִיז רִיכְטִיג — רוּפְט זִיךְ אוֹיס אֵיינֶער — אַז דָאס רוֹב מְזוּזוֹת וָואס וֶוערְט גִיקוֹיפְט פִיר 10 קָאפּ׳ זַיינֶען פָּסוּל עפ״י דִין, נוּר וָואס הַארְט דָאס אוּנְז, מִיר קוֹיפֶען דָאךְ בַּייא אֵיין אִידִין אַסוֹפֵר אָדֶער אַמוֹכֵר סְפָרִים, אוֹיב דִיא מְזוּזָה אִיז פָּסוּל אִיז אוֹיף זַיין קָאפּ דִיא עֲבֵירָה, אוּנ צוּ אוּנְז הָאט דָאס נִיט, הֵייסְט עֶר ״הֶענְדִיל״ מֶעג אִיךְ עֶסִין פוּן זַיין פֶּענְדִיל.

חַא, חַא, חַא! — הַאפְּט זִיךְ אַרוֹיס אַקְלוּגֶער מֶענְטְשׁ — יַא, יַא, רִיכְטִיג ״אוֹיף זַיין קָאפּ דִיא עֲבֵירָה״, אִיהר הָאט מִיר דֶער מָאנְט אַגֶעלֶעכְטֶער וָואס חַיִים דֶער קְלוּגֶער יְשִׁיבָה-בָּחוּר הָאט אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶר הָאט אַמָאל פָאר-גֶעהַאלְטֶען אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס עֶר גֵייט אַזֶעלְכֶע גִימֵיינֶע תְּפִלִּין, וָוארוּם אִין אַלֶע קֶערְפֶּערְלִיכֶע קְלֵיידוּנְג זַאלֶעוֶועט מֶען נִיט אַרוּבִּיל, מֶען זָאגְט ״אַז גִימַאכְט זָאל זַיין גִימַאכְט, אַלֶע טָאג מַאכְט מֶען נִיט״, אוּנ וָוארוּם בַּייא תְּפִלִּין וָואס דָאס קוֹיפְט מֶען אֵיין מָאל אִין וִויפִיל יָאהר זַאלֶעוֶועט מֶען אַ קֶערְבִּיל, וּבִפְרַט אַז גִימֵיינֶע תְּפִלִּין וָואס קָאסְט נוּר 1 רוּ״ב אוּנ אַפְּשִׁיטָא וֵויינִיגֶער אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער עֶס זָאל זַיין כָּשֵׁר עפ״י דִין, ווִיא מִיר הָאבֶען גֶעשְׁרִיבֶּען קֶעגִין מְזוּזָה, עֶנְטְפֶערְט אִיהם דֶער בַּעַל הַבַּיִת: ״וָואס הָאט דָאס צוּא מִיר

אִיךְ

נים ווינציגער וויא 3 שעה) דארף ער לפחות פארדינען 15 קאפ׳ אונ דיא פארמעט קאסט אויך, דארף אכשרה מזוזה קאסטין לפחות 20 קאפ׳. סא וויא אזוי בעשמיים מען צו לייזין 8 קאפ׳. דאס איז נור ווייל עס איז גיווארין פאבריקין פון תפלין ומזוזות וועלכע לערין-אינגלאך שרייבין, וואס לבד עס איז קיין רעכטער אות ניטא וואס אונזער אויג זעהט דאס, קען אונז נאך קיינער גיט גאראנטירען אויף דיא דינים וואס דיא אויג זעהט נים, וויא שרייבין דיא שמות מים כונה (לשם קדושת השם) וואס עפ״י רוב זיינען דיא אינגלאך אן אפונק יראת שמים, אזיי ווייט אז אייניגע שרייבען בגילוי ראש, אונ מאנכע זיינען נאך קטנים (שלא הביאו שערות) וואס זיינען פסולים עפ״י דין, אונ נאך פיל דינים (וואס מען קען נים באמערקין דעם פסול מיטין אויג), אונ היינטיגע צייטען איז צו גיקומען נאך אונגליקען אין דעם, וואס דער אינגיל ווערט אמייסטער פאר זיך אונ פאצקעט מזוזות אונ פארקייפט דיא פאקין-טרעגער דארטין איז גאר דיא צרות, כאשר בעיני ראיתי אז עס פעלט אותיות אונ מאנכע מאל גאנצע ווערטער וואס פשוטה מענשין אונ ווייבער האבין אין דעם קיין מבינות נים, איז לבד וואס זיי וואוינען אן מזוזות מאכט מען נאך אברכה לבטלה. — אויך דארפין מיר וויסין אזוי וויא ביי אמענשין קען נים רוהען קיין נשמה וואו דער קערפער זאל נים זיין גאנץ מיט אלע אברים הפנימים, מיר זעהען אמענש שטארבט ר״ל, דאכט זיך פון אויבין פעלט אין איהם קיין האר נים אפילו אשפרינקעלע אויף זיין קערפער איז ניטא, נור ווייל אינעווייניג איז גיפעלערט דער לונג, דער לעבער, דיא הארץ אדער דער מוח, דאן קען דיא נשמה נים רוהען אין אזא קערפער, דאס גלייכין קען נים רוהען דיא נשמה (ד. ה. דיא גייסטליכקיים) פון דער מזוזה אז זיא זאל לעבין אונ טאן איהר ווירקונג (געבין אטעלעפאן פון ביישמידיל פון טיר צום מענשין אין אויער ווירקען אויף איהם וואס זיא דארף), נור אז זיא איז גאנץ אין איהרע אלע אברים הפנימיים והחצונים ד. ה. דער כתב זאל זיין גוט אונ גישריבין מיט יראת שמים כדין התורה. אבער אז עס שרייבט איהר אלאבום וואס האט אין זיך נים קיין ריח יראת שמים אונ איז נים מקדש השמות אונ נאך אזעלכע דינים וואס פין דרויסין זעט מען נים הייסט עס אז דיא מזוזה האט קיין הארץ נים דרום קען אין איהר נים רוהען דער רוח קדושה אז זיא זאל וואס ווירקין אפין מענשין. אונ דער מוכר ספרים וואס קויפט אזעלכע טויטע מזוזות (שאין בהם רוח חיים) איז ער אמכשיל רבים אונ דיא גאנצע געלט וואס ער נעמט (נים אזוי דיא קאפיקע וואס ער פערדינט אן איהר נור דיא גאנצע געלט) איז גזל, ריכטיג וויא מען רוקט ארויין יענעם אפאלשע מטבע, איז דען אתירוץ אז מען האט מיר אויך אריין גינארט? ווען דוא ווייסט נים ווער עס האט דיר גיגעבין מוסטו איהר אריין ווארפין אין פייער אונ טארסט איהר קיינעם נים אריין גארין, דאס גלייכין דוא פאקין-טרעגער אז דוא האסט גיקויפט פסולה מזוזות אין דיא שמאטאווע פאבריקין (וואס זייא שטייען נים אונטער דיא השגחה פון יראי אלקים) ופשיטא ביי דיא אינגלאך טארסטו נים פארקויפען זיי, אונ ווען דוא פארקייפסט זיי, איז לבד וואס דיא גאנצע געלט איז גזל דוא פארקייפסט דאך יענעם אבר-מינן (אטויטע מזוזה) ביסטו נאך יענעם מכשיל בברכה לבטלה ובבטול מצות עשה בכל יום, ה׳ ירחם.

איך האב דאך גיקויפט ביי איין אידין וואס האט מיר גיזאגט אז דאס איז כשרה תפלין, ווען ניט איז אויף זיין קאפ דיא עבירה', חיים האט באטראכט פון זיין אנטוואָרט וואס פיר אגימיינער בר דעת דאס איז, האט ער אָב גילאָזט דעם גישפרעך אויף אצווייטין מאל, פיליכט וועט זיך מאכין אגוטע גילעגינהייט צו ריידין וועגין דעם. אין אמשך ארום קומט דער בעל הבית צו חיים'ען אויפין שטאנציע ווייזין דיא קניה וואס ער האט גיקויפט פיר זיין פרויא אויף איין יריד אפאר בריליאנטענע אוירינגען וואס איז ווערט 300 רו"כ האט ער גיקויפט פיר 50 רו' דער חיים וואר אגרויסער מבין אויף בריליאנטין, ווייל זיין פאטער האט גיהאנדילט מיט דעם, חיים גיט אבליק אז עס איז גאר פראסטע שטיינדלאך (ער האט גיקויפט דיא קניה ביי דיא לינקע הענדלער וואס זייא האבען איהם גיוויזען גוטע, נאכהער אומגעביטען אויף פראסטע), חיים זעהט שוין דיא צרה וואס דא איז, וויא מען האט איהם גוט אב גיחויזעט נעמט ער אזויא ארום קוקען דיא קאראבקע און זאגט מיט אשמייכעל "דיא קאראבקע איז גאר אפראכט! אין איהר פאסט טאקע צו ליגין טייערע בריליאנטין", און חזערט אזויא איבער עטליכע מאל, אך! "דיא קאראבקעלע איז גאר אפראכט"! יענער האט ערסט באמערקט זיין צרה וויא מען האט איהם גוט אבמאנעוועט, גיט ער אגרויסען קרעכץ, וואס קרעכצעט איהר אזוי? — פרעגט איהם חיים — זייא האבען דאך אייך דאס פארקויפט פיר בריליאנטין, איי עס איז ניט אמת "איז אויף זייער קאפ דיא עבירה'" — דער בעל הבית קוקט איהם אן, און זאגט מיט אוואונדער "וואס הייסט דאס אויף זייער קאפ דיא עבירה, דער ווייל האב איך דאך פראסטע שטיינער ניט קיין בריליאנטען".

יא יא זאגט חיים, זאלין אייערע אויערין הערין וואס אייער מויל רעט, איהר גידיינקט וואס איהר האט אמאל גענטפערט וועגין אייערע תפלין אז אויף דעם סופר'ס קאפ דיא עבירה, יא יא עס איז טאקע אזוי אויף זיין קאפ דיא עבירה, אבער דער ווייל טראגט איהר שטיינער ניט קיין תפלין. און איהר שלאגט אן ביי זיך ביין טיר איין שטיין און ניט קיין בריליאנט (מזוזה), באטראכט וויא השי"ת באצאלט מדה כנגד מדה, דיא גאנצע געלט וואס איהר האט אב גיקארגט אין אייער לעבין פון דיא תכשיטין פיר דיא נשמה היינו תפלין וציצית ומזוזה און דאס גלייכען, האט איהר יעצט פארלארין מיט גרויס פארדרוס בעת איהר האט גיוואלט קויפין תכשיטי הגוף אויס צו פוצין אייער צווייטען האלבען קערפער (זו אשתו). פון יעצט אן נעמט זיך אין אכט אז דיזער טייערער רעצעפט וואס ער קאסט אייך אשיינע מטבע זאל זיין מיט נוטץ, אז פון היינט אן זאלט איהר ניט זאלעוועז אקערביל אויף

דִּיא תַּכְשִׁיטִין פוּן דִּיא נְשָׁמָה אוּנ זֶעהְן אַלֶעס וָואס כָּשֶׁרֶער אוּנ וָואס שֶׁענֶער (לקיים זה אלי ואנוהו התנאה לפניו במצות סוכה נאה לולב נאה ציצית ותפלין נאים ומזוזה נאה) וֶועט אַייךְ הַשי״ת מְמַלֵּא זַיין אַייעֶר הֶעֶזִיק אִין גוּטִין אוֹפֶן.

אָה! זַייעֶר פְּרַאכְטְפָאהל הָאט חיים גֶעעֶנְטְפֶערְט — הָאט זִיךְ אוֹיס גִירוּפִין אַגְרוֹיס-אַרְטִיגֶע דַאמֶע — דִּיזֶער חיים אִיז אוּנְז שׁוֹין גוּט בַּאַקַאנְט פוּן יֶענֶע הָאכְצַייט וָואס עֶר הָאט אָב גִיפִירְט אַיין הֶערְלִיכֶע שְׁצֶענֶע מִיט דֶעם עֶפִּיל, וָואס דִּיא בּוּפֶעטְצִיכֶע הָאט גֶעמֵיינְט אַז מֶען הָאט בַּיי אִיהר גִינַנְבֶת, אוּנ אִיךְ וַויים פִּיל יוּנְגֶע מֶענְשִׁין וָואס דָאס הָאט אוֹיף זַייא גִימַאכְט אַגְרוֹיסֶע ווִירְקוּנְג אַז זַייא עֶסִין נִיט אָן אַבְּרָכָה, אוּנ אָן בֶּענְטְשִׁין, אוּנ צוּ לוֹיפִין שׁוֹין נִיט פוּן טִישׁ בַּייא אַחוּפָּה וֶועצֶערֶע בִּיז נָאכִין בֶּענְטְשִׁין ווִיא אַמָאל פְּלֶעגְט פַּאסִירִין.

מַיין בַּאבּוּנְיֶע הָאט דָאךְ מִיר פָּארְט גִיזָאגְט אַז אַ מְזוּזָה אִיז אַסְגוּלָה נִצוֹל צוּ וֶוערִין פוּן מַזִּיקִים, אוּנ ווִיא אִיהר הָאט אוּנְז יֶעצְט עֶרְקְלֶערְט אִיז דָאךְ דֶער גֶעדַאנְקֶען פוּן מְזוּזָה גָאר אַנְדֶערְשׁ, ווִירְקְלִיךְ דָאס אִיז פִּיל גְרוֹיס אַרְטִיגֶער אוּנ גְרֶעסֶער, אָבֶּער צוּ דֶען הָאט שׁוֹין מַיין בַּאבּוּנְיֶע גָאר גִיפְּלוֹידֶערְט? זִיא וַואר דָאךְ אַפַּארְצַייטִיגֶע פְרוֹיא אַגְרוֹיסֶע צִדְקָנִיּוֹת, רוּפְט זִיךְ אָב דִּיא ווִירְטִהִין, וָואס זִיא הָאט זִיךְ פְּרִיעֶר פַאַרְטְהֵיידִיגְט מִיט דֶעם אַנְטְוָוארְט אוֹיף דֶעם וָואס בַּייא אִיהר אִיז נִיטָא קֵיין מְזוּזָה.

— יָא יָא דָאס אִיז אוֹיךְ רִיכְטִיג, לְבַד דִּיא גְרוֹיסֶע ווִירְקוּנְגֶען וָואס דִּיא מְזוּזָה ווִירְקְט אוֹיף דֶעם יוּדִין ווִיא מִיר הָאבֶּען פְּרִיעֶר עֶרְקְלֶערְט, הָאט זִיא אוֹיךְ אִין זִיךְ דִּיא סְגוּלָה זִיא פַּאר־הִיט דִּיא שְׁטוּב פוּן אַלֶערְהַאנְד מַזִּיקִים, פוּן דִּיא נִיט-גוּטֶע וָואס אַמָאלִיגֶע צַייטִין אִיז גִיוֶועןֿ*) אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט פוּן דִּיא נִיט-גוּטֶע וָואס הַיינְטִיגֶע דוֹרוֹת זַיינֶען זַייא פִּיל פַּאר פְּלָאדֶעט אִין דֶער וֶועלְט**).

אה

*) דאס איז ווירקליך אז עס איז פארהאנדין שדים אויף דער וועלט, וויא דיא חכמי התלמוד ערציילין פיל היסטאריעס פון זיי, אונ חכמי התלמוד זיינען ביי אינז באגלייבט וויא תורת משה, נור ווארום זיינען זייא יעצט נים מצוי? איז גאר איינפאך, צב״ש בעת עס האט עקסעסטירט לייב-שטראף ווען מען האט איינעם באדארפט נאקאזעווען אז עס זאל שפריצין בלוט אונ דאס קען דאך אמענש מיט אחאראקטער ניט מאן שניידין יענעמס פלייש לעבענדיגערהייד האט מען גיפאדערט צו דעם אקאטערזניק פון סיביר, וואס ער האט איין מערדערשע הארץ, ער זאל זיין דער תלין. ווען אבער אז אין דער שטאט וואו מען דארף יענעם נאקאזעווען איז דא אטורמע פון קאטערזניקעס, פארשפארט מען צו שיקין נאך סיביר. דאס גלייכין האט דער בורא באשאפין מזיקים וואס זיי רופין זיך „נגעי בני אדם" צו נאקאזעווען מיט זיי דיא זינדיגע, אז ווען איינער האט גיזינדיגט אונ איז מחויב גיווארין דורך דעם משפט צדק פון בית דין של מעלה נאקאזועט צו ווערין האט השי״ת אראפ גיבראכט פאר אים אקאטערזניק פון סיביר ד. ה. אניט-גוטין פון דער מדבר אונ דער חוטא איז נזוק גיווארין דורך איהם, אבער יעצט אז עס איז דא טורמעס פון קאטערזניקעס אין אלע שטעט וויא מיר ערקלערין דא דיא אלע סארטין מזיקים נים-גוטע וואס זיינען פול אין אלע שטעט, צו וואס דארף השי״ת אראפ ברייננען קאטערזניקעס פון סיביר? באשטראפט ער זייא דורך דיא שטעטישע נים-גוטע, (ע״ד אשור שבט אפי) זייא בגנבענען אונ בארויבעווען אז מען ווערט דורך זייא בדלות אונ מאנכע מאל קומט [illegible] אום פון דער וועלט אויך".

**) מצוה לקבוע פרשיות שמע והיה אם שמוע על מזוזות כל פתח בית ישראל, למען קדש באלה

אה! שומר ישראל! וואס רעט איהר מיין פריינד! היינטיגע צייטען איז אויך דא שדים, ניט-גוטע? — שרייט די ווירטהין. — אה! וויא נאך, פיל פיל מעהר וויא פארצייטין, פארצייטין זיינען זייא גילעגין אין דיא וועלדער אונ דיא חורבות (דבר באופל יתלוך) אבער אין שטאט ובפרט בייא טאג האט מען זייא אין דיא אויגין ניט גיזעהן, אונ היינט זיינען זייא פול אין רעכטין מיטין שטאט אונ זיינען מזיק זייערע שכנים, אונ ווער עס באגעגינט זיך מיט זייא (קטב ישוד צהרים). — אייערע ווארטין איז ארעטענעס, ערקלערט מיר וואס הייסט היינט איז דא ניט-גוטע? — גאר איינפאך, פארצייטין אז מען האט גיהיט מזוזה וויא גיהעריג איז, האט דאס גיווירקט אויף דעם יודען ליב האבען זיין תורה אונ זיין פאלק "בכל מאדך" (מיט זיין גאנצע רייכקייט) ד. ה. דיא ליבע צו גאט אונ צוא דער תורה אונ צו זיין חבר איז פיל העכער גיוועזן וויא די ליבע צו א קערביל, האט דיא ליבע פון קערביל ניט גיהאט בכח צו פארבלענדין דיא אויגין, נור מען האט גיקוקט מיט אפענע אויגין בעת האנדעל אז מען זאל חלילה ניט שאדין טאן קיינעם, ניט אין געלט ניט אין כבוד ופשיטא אין זיין קערפער, דיא ווערטער זיינען שטענדיג גישטאנען פאר דיא אויגין: "לעב אונ לאז לעבין", — "לעב אליין אונ וויל אז דער צווייטער זאל אויך קענען לעבין", דרום ווען אפילו עס איז איינעם פארגיקומען א פראיעקט וואס ער קען דער ביי גוט פארדינען, האט ער אבער באטראכט אז דורך דעם וועלין פילייכט פיל פאמיליען גישעדיגט ווערין, פיל מענשין וועלען בלייבען אן ברויט, אדער דאס וועט איהם שטערין צוא זיין רעליגיאן וויא שבת אונ דאס גלייכען, האט דיא ליבע צו זיין רעליגיאן אונ צו זיינע ברידער אריבער גיוואויגין דיא ליבע פון קערביל, אונ איז צופרידען גיוועזן צו לעבין אביסעלע גימיינער אבי ניט שאדין צו טאן פיל מענשין, אדער ניט עובר צו זיין על חוקי התורה, אונ דיא מזיקים היינו גזלנים רוצחים שודדים זיינען גילעגין נור אין דיא וועלדער אין די חורבות, אונ גנבות האט פאסירט זעלטין אונ נור בייא נאכט, ווען קיינער זעהט ניט. אונ ווען איינער האט חלילה פון נויט זיך גישטעלט אונ ניט גיצאלט זיינע קרידיטארין האט ער פון שאנד ניט געהאט וואו זיך צו באהאלטין, אונ האט זיך גיבילכט פון דאס לעצטע צו צאלין פאדראבנע פיל זיין מעגליכקייט איז נור גיוועזן, אום ער

זאל

כל בית ואהל יעקב ובכלל כל מקום המוגבל לדירת ושימוש האדם, להיות המקום ההוא מקום קדוש מקום שם ישכון כבוד ה' ושמה ימלאו את חובת עבודת ה'. — גם להראות בזה כי כל חייך, פעולתך וקבלת שפע הטוב, כי כולמו יחד מיד ה' המה לך. — ובבואך אל הבית הניחה ידך על המזוזה וזכור כי על אדמת קדש תצעדנה רגליך, ובצאתך מביתך הניחה את ידך על המזוזה ומסור את ביתך תחת מחסה ה', אשר לו תקדש את ביתך מכון לשבתך (ד"ר הירש בהחורב).

זאל ניט האבען אויף זיך דעם נאמען גנב, גזלן, לוה רשע ולא ישלם, אונ נאך אזעלכע פיינע נעמען וואס דיא תורה רופט איהם „עול, שנאוי“, משוקץ תועבה“. — באטראכט אבער היינטיגע צייטין זינט מען האט אויף גיהערט צוא היטען ריכטיג מזוזה (ובכל מאדך) אונ דיא ליבע צום רובל שטייט פיל העכער וויא דיא ליבע צוא דער תורה, דיא ליבע צום קערביל שטייגט איבער דיא ליבע צו עלטערין אונ ווער רעט צו זיין פאלק, אונ מען קוקט נאר ניט וואס מען מאג אונ וואס מען טאר ניט, אבי פארדינען א קערביל, מען קוקט גאר ניט אויב עס פאסט פיר איודין אדער ניט אבי חאפין א קערביל, פון זיינט וועגין מעג נתחלל ווערין דער כבוד התורה, אונ עס מעגין נזוק ווערין אטייל וועלט, אבי ער וועט חאפין אביסעל געלט. עס זיצין מזיקים, ניט=גוטע אפין אין גאס אפין רעכטין מארק, מען פארקויפט סחורה מיט 10 פריצענט אונטערין קרן, וואס אלע קרעמער ארום קענען אקאפיקע ניט לייזין אונ דער מזיק דער ניט=גוטער שטייט אונ לייזט גישמאק מיט 90 פריצענט פרנסה גאר אן זארג, זאל דער פאבריקאנט בעסער זארגין בעת עס וועט איהם קומען דער וועקסיל צוריק מיט אגרויסין פארטאך, אונ וועט נאך צאלין קבורה געלט (פריטעסט קאסטען) פיר זיין טויטין וועקסיל.—אונ ווען יענער קומט נעבעך צופליהען אטויטער מיט דיא וועקסלען אונ חלעסט לעבין איהם, אונ בעט איהם מיט טרערין: „זעהע האב רחמנות איך בין אומגליקליך דאס איז מיין לעצטע ביסעל קערעוואנע, ווען דוא נעמסט דאס ביי מיר צו, בלייב איך מיט מיינע קינדער אן ברויט“, שטעלט ער איהם אויס אקופערנע צורה, „ווער בינסטו איך קען דיר גאר ניט“! נעם אויב דוא קענסט! אונ וויא פארשטייט איהר? דער גישעפט איז שוין גאר אין איין טאג פאר ענדערט גיווארין אויף דיא באבעס נאמען, אונ אז עס קאסט יענעם שוין אב גוט אונ בלוט אונ דער אדוואקאט צו ברעכט שוין זיין פאלשע מאכעריי פון דיא באבעס נאמען, אונ שרייבט שוין אב דעם גישעפט, גיפינט זיך דער זוליק אנדערע מיטלען, גיט ער ארויס 40 אינפיקטיווע וועקסלען זיינע גוטע ברידער אונ אלע גיבען אן (וואס האט ער דען צוא זאלעווען, קאסט איהם נאך 10 פריצענט, ער באדעט זיך דאך אין פרעמדע בלוט) ביז עס בלייבט נעבעך יענעם קוים 10 פראצענט אז עס שטייעט ניט אויף ראסהאדין פון פראצעס, אונ יענער פאבריקאנט פארט נעבעך אוועק אן געלט אונ אן גיזונד, אונ פיל גייען אוועק פון דער וועלט פון איינגשאפט אונ הארץ ווייטיג, אט אזעלכע מזיקים ניט=גוטע גייען ארום אפין

איי

אִין גַאס אוּנ שֶׁעדִיקֶען מֶענְשִׁין אִין רֶעכְטִין מִיטִין טָאג *), דָאס אִיז נִיט־גוּטֶע אִין קַאסְטִיוּם פוּן קוֹיפְלַייטֶע, הַיינְט וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייזִין נִיט־גוּטֶע אִין אַיין אַנְדֶער קַאסְטִיוּם, לָאמִיר אַרוֹיס גֵיין אִין גַאס וֶועט אִיהר זֶעהְן רֵירֶענְדֶע שְׁצֶענֶעס דָא חַלֶעשְׁט אַיין שְׁוַואכֶע אָרֶעמֶע פְרוֹיא, מֶען הָאט אָקֶערְסְט בַּיי אִיהר אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן קֶעשֶׁענֶע אַטִיכִיל מִיט 10 רו׳ וָואס זִיא אִיז גֶעגַאנְגֶען אָבּ גֶעבֶּען דֶעם קְרֵידִיט אַז מֶען זָאל אִיהר בָּארְגֶען אַנְדֶערֶע סְחוֹרָה, וֶועט זִיא קֶענֶען אוֹיס שְׁפַּייזֶען אִיהרֶע 5 יְתוֹמִים, אוּנ יֶעצְט אַז מֶען הָאט דָאס בַּיי אִיהר אַרוֹיס גִינוּמֶען הָאט מֶען אַרוֹיס גִינוּמֶען בַּיי 6 נְפָשׁוֹת דִיא נְשָׁמוֹת, זִיא דַארְף זִיךְ מִיט אִיהרֶע יְתוֹמִים לֵייגִין אוּנ שְׁטַארְבִּין, אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע פִיל שְׁצֶענֶעס וָואס מֶענְשִׁין שְׁטֵייעֶן אוּנ זֶעהְן מִיט דִיא אוֹיגִין וִויא דִיא זוּלִיקֶעס שְׁטֶעלִין בְּדַלוּת מֶענְשִׁין אוּנ מֶען הָאט מוֹרָא אָן צוּ זָאגֶען יֶענֶעם, מֶען זָאל נִיט קְרִיגֶען פוּן זֵייא אַטוֹיט קְלַאפּ, אָה! עֶס אִיז גִיוַואלְד צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף אַזֶעלְכֶע מָארְדְ־טְהַאטִין וָואס פַּאסִירְט אִין רֶעכְטִין מִיטִין טָאג פִיר אַפּוּבְּלִיקֶע מֶענְשִׁין.

הַיינְט וֶוער רֶעט וֶועגִין דֶעם „אַשְׁמְדַאי״ דֶער אַנְפִירֶער פוּן דִיא מַזִיקִים וָואס עֶר אִיז דֶער לָאקִים־אַטִיף וָואס שְׁלֶעפְּט פִיל וַואגָאנֶען נִיט־גוּטֶע, — דִיא אַלֶע מַזִיקִים נִיט־גוּטֶע וָואס בַּגַנְבֶענֶען אוֹיף דִיא בַּאנֶען אוּנ טוּהֶען שְׁרֶעקְלִיכֶע מָארְד־טְהַאטֶען מִיט דִיא פַּאסֶעזִירֶער (וויא עס ווערט געשריבען גאנץ אפט אין דיא בלעטער) וֶוערִין גִיקֶערִיוֶועט מִיט עֵצוֹת דוּרְךְ אִיהם (דעם אשמדאי) לְחֶרְפַּת מִין הָאֱנוֹשִׁי.

אוֹיךְ אִיז דָא אַזָארְט נִיט־גוּטֶע (מַזִיקִים) מִיט דֶעם נָאמֶען „רוֹיטֶע הֶענֶער״ וָואס זֵייא מַאכִין דִיא בְּרָכָה „לְהַדְלִיק״ אוּם ר״ח תַמוּז. — וָואס אִיז דָאס פִיר אַיין יו״ט ר״ח תַמוּז צוּ מַאכִין לְהַדְלִיק?, דַאכְט זִיךְ לְהַדְלִיק נֵר חֲנוּכָּה מַאכְט מֶען גָאר עֶנְדֶע כִּסְלֵיו? — פְרֶעגְט אֵיינֶער פַארְוואוּנְדֶערְט.

זֵייא זַיינֶען נִיט קַיין מַקְפִּידִים אוֹיף דֶער צַייט, וֶוען נוּר זֵייא פַאר־
גילוסט

*) אה! וויא ווערט מען דאס אזוי פערבלענדעט, נים ארוים צו זעהען דיא פארדארבענהייט פון דעם, וואס יעדער ריינער בר דעת סיי איהודי אונ סיי אקריסט פארשטייט, וויא אונווירדיג דאס איז, אונ וויא אונזער תורה שרייבט איז דאס אזא הארבע עבירה וואס קיין תשובה אונ יום כפור העלפט נים אויף דעם, נור מען מוז פריער אב געבין יענעם זיין שאדין אונ איבער בעטין פיר זיינע שמערצין וואס מען האט איהם פערשאפט, דאן העלפט תשובה אונ יום כפור אויף דעם פארברעך וואס מען האט גיזינדיגט קעגין השי״ת, אונ דער וואס פירט איבער פרעמדע בלוט וועט קיין תקומה נים האבין, ער וועט דארפין נתגלגל ווערין אין אבהמה אונ גיין אב דינען ביי יענעם וואס ער האט פארטראגין זיינעם ארובל, אה! וויא נים גוט אונ שוידערהאפט עס איז דיא שרעקליכע דירה וואס דיא הויכע נשמה פון מענשין דארף זיין צוזאמען מיט דעם נפש הבהמה, מיר קענען זיך דאס גאר נים פארשטעלין דיא יסורים פון דיא נשמה — אל תתן שנה לעיניך ותנומה לעפעפיך הנצל כצבי מיד, כל זמן דיינע אויגין זיינען אפין זעהע דאס צו פאר ריכטין, דורך קומען אונ מפיים זיין יענעם וועלכען דוא האסט איין עולה גיטאן. אונ ווען דוא קענסט איהם נים פרעג ביי איין חכם וויא צו באגיין זיך וועט ער דיר לערנען אין גוטין וועג. — אונ אויף ווייטער זאי אליין זייער פארזיכטיג אונ בעט רחמים אז השי״ת זאל דיר העלפין נים דורך צופאלין אין דעם שן פלילי פון פארנעמען אפרעמדע פרוטה חלילה.

גילוסט זיך מאכען גוטע לאטקעס איז רעכט צו מאכן להדליק אפילו אום שבעה עשר בתמוז. דער זארט ניט-גוטע זיינען מזיק אלע זייערע שכנים, פיל ווערען בדלות פון דיא שרפה אונ פיל צוא גנבת מען קליבענזיכדיג, אונ מאנכע מאל ווערין פארברענט נפשות אויך, אונ פיל ווערין קראנק פון שרעק, ה' ירחם. — לבד וואס זייערע געלט וואס זיי נעמען אב ביי סאראנס איז דאך דאס וואהרע גנבה, זיי זיינען גנבים אונ רוצחי נפשות. — היינט דער צארנער קלאס מזיקים וואס פיר אהאלב קערביל מיט אשנאפס איז רעכט צוא גיין זאגען פאלשע עדות, אדער אזויא מוסר זיין ממון ישראל לטמיון אונ נאך אזעלכע פאדלאסטען וואס איז בעונינו הרבים נתרבה געווארען דיא לעצטע צייטין, אז עס איז געווארין הפקר יענעמס געלט אונ יענעמס גיזונד ה' ירחם.

ביז יעצט האב איך איך גיוויזען דעם בעל'באטישען אונ דעם צארנעם קלאס מזיקים, יעצט וועל איך איך ווייזן דיא ענטיליגענציע פון דיא ניט-גוטע (מזיקים), איך ווייס אריכע הויז וואס דארטין איז איינר לא עלינו שלאף גיווארין איז. געגאנגען אידישער דאקטאר איינינגע וואכין דריי פיר מאל אטאג ער האט דאס אנגענומען פיר אטיף ר"ל, קיין רעצעפטין האט ער ניט גיזאלעוועט 2 אויף אמאל, ער איז דאך בטוח אז זייא וועלין גיוויס ווירקען, אויב ניט דעם חולה ווירקען זייא דעם אפטייקער אונ א טהייל איהם אויך (דעם דאקטער), דער חולה איז באלד פון דער וועלט אוועק ביז וואנען מען איז מיט איהם געפארען אין אויסלאנד, האבען יענע פראפיסארין גיזעהען אז עס איז גאר ניט קיין טיף נור איין אנדער זאך, וואס מיט אקליינע אפעראציאן האט מען איהם אויס גיהיילט, אונ עס האט זיך ארויס געוויזען וויא וויים דיא ליבע צום קערביל האט דעם היגען דאקטאר פארבלענדעט, ער האט דיא קראנקייט פארשטאנען ניט מער וויא מיין עלטער באבע, נור וואס דארף ער מער אבי ער האט דא גיהאט אגוטע קיעלע צו מעלקין, אין דער פריה 1 רו"ביי טאג ווידער א קערביל, פאר נאכט 2 קערבלאך, אין מיטין נאכט 3 קערבלאך אונ וואו האט ער ניט גיהאט א קערביל פון אפטייקער, אזויא האט ער גינומען העכער 50 קערבלאך אוואך, היינט וואס דארף ער מעהר? — ווען ער וואלט אבער האבין א מזוזה אין שטוב (אונ אין נידאנקען) וואלט אנדערש גיווען, דו זעהסט אז דוא פארשטייסט ניט די קראנקהייט, זיי זיך מישב מיט נאך אפאר דאקטוירים, ניט לויף אריין אונ טוה אבליק אונ חאפט דעם קערביל אונ אנטלויפט, ער האט דאך קיין צייט ניט, אונ אמאל טרעפט אז דיא קאפ איז אים גאר דול, ווייל ער האט ביז גאנץ שפעט אדער נאך בסער ביז גאנץ

פריה

פריה, גישפילט אין קארטין. הכלל עס איז דא פיל זארטען מזיקים וואס זיי גיפינען זיך נור ווייל עס פעלט ביי אונז דיא מזוזה (אהבת ה׳ ואהבת אחים בכל מאדך), ביי זייא איז דיא ליבע צום רוביל דיא העכסטע ליבע זייא דריקען דעם רוביל צו זייער ברוסט אונ זאגין. דוא (ליבער רוביל) בינסט מיין פאטער אונ מיין מוטער, דוא בינסט מיין שוועסטער אונ מיין ברודער, דוא בינסט מיין לעבין אונ מיין רעליגיאן", זייא בוקען זיך צוא עגל הזהב אונ זאגען. דוא בינסט מיין גאט, אונ אויסער דיר איז קיינע גיבאט". מיט אזעלכע מזיקים איז געפעהרליך צוא נעכטיגען, זייא קענען אויס שניידין דיא קעשענע, אונ מאנכע מאל באנוצין זייא צוא דעם געפערליכע מיטלען היינו פיר חלאראפארמירען יענעם אז ער זאל איין שלאפין אויף עוויג, וויא עס האט פיל מאל פאסירט.

אונ אום נצול צו ווערין פון דיא אלע זארטין מזיקים אונ ניט-גוטע, אונ נאך פון פיל כתות רוחין ולילין האט אונז דיא תורה גיגעבין דעם היילינין מיטיל דאס הייסט דיא מזוזה, דאס דער מאנט אונז ביין ארויס גיין אין געשעפט אונ אריין קומען פון גישעפט אן דיא היליגע אמונה, אונ אז מען דארף מאכין איבער שטייגין דיא ליבע צום רעליגיאן אונ צוא מענשען העכער וויא דיא ליבע צום קערביל (לחיות אוהב את המקום ואוהב את הבריות בכל מאדך), אז איך מיט מיינע בני בית זאלען נור עהרע פערשאפען דיא רעליגיאן אונ נוצין בריינגען דיא פאלק ומכש״כ זיך צוא פערהיטען ניט בריינגען דאס מינדעסטע שאדין קיין מענשין אין דער וועלט, דאן וועט דיין הויז זיין פתוח לרוחה, קיינער וועט ניט ניזוק ווערין ביי דיר אין הויז, אין געגען טהייל יעדער וועט פאלזע גיפינען ביי דיר, אונ אז דוא וועסט זיין אזוי ווייט אב געהיט אז קיינע זאל פון דיר אונ פון דיין הויז ניט האבען דאס מינדעסטע שאדין אונ פארדרוס נור פאלזע אונ נוצין, וועט דיא השגחה דיר באשוצין, (יברכך בממון וישמרך מהמזיקין) אז דוא זאלסט ניט ניזוק ווערין פון אנדערע מזיקים אונ ניט-גוטע (אם עליון שמת מעונך (היינו שקבעת מזוזה במעונך אז) לא תאונה אליך רעה ונגע לא יקרב באהלך). יעצט פאר שטייט איהר שוין דעם קלוגין ווארט אז מזוזה באשוצט פון מזיקים אונ ניט-גוטע?

ערקוויקט זאלט איהר ווערין ליבע פריינדין, איהר האט מיר גאר מיין מוח געעפינט צו פארשטיין דעם טייערין שאץ, דיא ברילאנטין פון אונזער רעליגיאן, גלייך שבת-צו-נאכט שיק איך קויפין גוטע טייערע מזוזות אן שלאגען ביי מיינע אלע טירין, אונ רייס גלייך אראפ דיא פאנאטישע דומהייט דאס איז דיא פערדישע פאדקעווע פון דיא שוועלין.

איך

איך פאַרענדיג דיר ליבער פאָטער דיזין בריף מיט די קורצע ערצייללונג אז גלייך שבת-צו-נאַכט וויא מיר זיינען דארטין געזעסין ביין שבע ברכות אונ איך האָב טיפער אַרום גירעט דעם ענין פון מזוזה (אום עס זאָל פאַר-בלייבען ביי זייא פעסט אין געדאַנקען) האט דיא ווירטהין גלייך געשיקט צום סופר קויפין גוטע מזוזות אונ האט שוין ניט גיזאלעוועט קיין געלט, דער שליח האט גיבראַכט אייניגע מזוזות איך האָב זייא איבער גיזעהען זייא זיינען באמת גוט גיוועזן, זיא האט גיצאָלט 30 אונ 50 קאָפ׳ אַמזוזה, אונ גיבראַכט צו דעם שיידלאַך פיינע פון מעשענע בלעך, מיט גלעזלאַך אַנ-טעקענין דעם אָרט פון שם (אום מען זאל ניט אב מעקען דעם שם מיט דעם וואס מען לייגט ארויף שטענדיג דיא האנט), אונ דיא גאַנצע פובליקע זיינען גיגאַנגען זיך בע-שעפטיגען מיט דער מצוה, דאס ערסטע „סור מרע״ אוים ווייכען פון שלעכטעס, פון שלעכטע מעשים, פון שלעכטע זיטין, פון נארישע גידאַנקען, האָבען מיר גענומען אַוואַנג אונ אַראָפ גירייסין דיא פאַדקעווע פון טיהר, אוים דיא פערדהייט! אוים דיא פינצטערע דומהייט! נאָכהער האָבען מיר זיך גענומען צו „ועשה טוב״ טאָן גוטעס, איך האָב גינומען איין אַרשין אונ האָב אויסגימאָסטין דיא הויך פון טיהר אונ ריכטיג בתחלת שליש העליון, אין אנפאנג פון אויבערסטין דריטעל פון דיא הויך פון ביישטידיל (פון רעכטין זייט פון אריינגאַנג) האָב איך צוגעפאסט דיא מזוזה אונ דיא ווירטהין האט געמאכט אהויכע ברכה „אשר קדשנו במצותיו וצונו לקבוע מזוזה״ אונ זיא האט אָנגעשלאָגען אַלע מזוזות מיט אַגרוים שמחה וואָס זיא האט זוכה געווען צוא פאַרשטיין דעם ליכטיגען געדאַנקען פון דיא היילינע מצוה, אונ וואָס זיא האט אזא גרויסע עהרע אז דער קייזערליכער הערב פון מלך מלכי המלכים ערשיינט אויף איהר שטוב.

אָה! ליבער פאָטער איך קען דיר גאָר ניט פאַרשטעלין, וואָס פיר אַ טייערער פונק עס ליגט ביי יעדער יודין אין האַרצען, דאכט זיך עד איז גאָר דונקיל, ווען מען גענומט איהם אָבער פאַרנאַנדער בלאָזין וויא ליכטיג עס ווערט. וויא איך האָב יעצט באַמערקט דיא שמחה וואס איז גיוועזן ביי דיא גאַנצע פובליקע, ריכטיג האט עס אונזער קעניג דוד ע״ה באטראַכט פקודי ה׳ ישרים (גאָטעס באַפעלע זיינען רעכטפאַרטיג אונ גראַד, אונ ווען דער מענש פאַרשטייט זייער גלייכקייט) משמחי לב (ערפרייען זיי זיין הערץ), מיר האָבען דאָרטען פאַרבראַכט אין זייער אַנגינעהמע שמועסין. איך האָב זייא ערציילט אַקורצען ספור וואָס מיר האט זעלבסט געטראָפען, ביי אַגרויסין גביר האָב איך באַמערקט אַז דיא מזוזה איז אַרוים גיפאַלין, עס איז נור

געבליבען

גיבליבן דיא בלעכיל ביין מיר האב איך דאס איהם אן גימערקט.

יא יא מען דארף איין זעצין איין נייע מזוזה – ענטפערט ער – איך קום אצווייטין מאל אין איניגע טעג ארום איך גיפין ווידער דיא זעלבע, באמערק איך איהם נאך אמאל, ענטפערט ער יא יא, איהר זייט גירעכט מען דארף···מען דארף···אין איניגע וואכין ארום האב איך גידארפט צום גביר, באדיינק איך מיר מען דארף מיט נעמען אמזוזה מיט נענאלאך, חלעבין איך האב גיטראפין עס היינגט דער זעלבער בלעכיל, דאן ערינער איך איהם ווידער, יא יא מען דארף···אויב זיי ווילין קען איך זיי אב לאזין מיין מזוזה וואס איך האב גראד גיקויפט פיר זיך – זאג איך צום גביר – גוט גוט – זאגט ער – ער שטעלט זיך אונ נעמט דיא מזוזה אונ שלאגט אן מיט אברכה וויא איך האב איהם אויפמערקזאם גימאכט.

וואס דארף איך אייך צאהלין דיא ווערטה פון איהר? – פרעגט מיר דער גביר.

דיא ווערטה פון דיא מזוזה? – זאג איך – איך דיינק אז איהר האט דאס ניט אייגינס, אונ האב ניט גינומען קיין גיצאלט.

דיזען אנטווארט האב איך גילערינט ליבער פאטער פון דיא היסטאריע וואס דער תלמוד ערציילט (ירושלמי פאה פ"א) איינער אריכער מאן מיט דעם נאמען ארטבון האט גישיקט צו רבינו הקדוש (דער וואס האט מסדר גיוועזן משניות) אמתנה אטייערין בריליאנט אונ האט פארלאנגט אז רבינו הקדוש זאל איהם אב שיקין דאפיר אמתנה איהר גלייכען, האט איהם רבי אב גישיקט איין מזוזה, פרעגט איהם ארטבון „איך האב אייך גישיקט א אונשאצבארין בריליאנט אונ איהר שיקט מיר אב אמתנה וואס איז ווערט אהאלב קערביל"? – ענטפערט איהם רבי, מיין פארמעגין (רבי איז גיוועזין אגרויסער גביר) אונ אייער פארמעגין זיינען ניט אים שטאנד אב צו צאלין דיא ווערטה פון א מזוזה (כל חפצים לא ישוו בה), אונ ווידער (אין דעם פרט שטייט זיא העכער פיר אלע רייכקייט) ווייל אונזער רייכטהום מוזין מיר היטין אבער דיא מזוזה היט אונז (בשכבך תשמור עליך כו׳). דיזער ארטבון (וויא עס ווייזט אויס) איז גיוועזן פון דיא היינטיגע גבירים וואס זיי באגייען זיך אן מזוזות אונ איז ניט צופרידען גיווארען מיט רבינו הקדוש אנטווארט, דרום האט רבינו הקדוש גירעכינט איהם אב צו שיקען זיין בריליאנט, דיזער ארטבון האט גיהאט נור איין איינציגע טאכטער (שאלתות דר"א פ׳ עקב) זי ווער ביי איהם דיא אויגין אין קאפ – וויא ביי אזוי אריכען מאן וואס האט נור איין קינד – איז דיא בת יחידה לא עלינו פארחאפט גיווארין, האט מען אראפ גיבראכט דיא גרעסטע פריפעסארין אונ קיינער האט איהר ניט גיקאנט

ראטעווען

ראטעווען, אונ מען האט איהר אב גיזאגט דעם לעבין. איין מאל זיצט זיך ארטבון איינזאם ביא דיא מוטע בעט פון זיין איינציגען טרייסט שרעקליך נידער גישלאגין, ער זעהט פיר זיינע אויגין אז זיין איינציגער שיין ווערט דונקיל אונ וועט זיך אונגיזאמט אויס לעשין, — אהא! וואס פיר אפאלשער חלום איז דאס דיא וועלט מיט איהרע גליקען — רעט ער צו זיך אליין — וויא דער מענש איז דאס ניט זיכער מיט זיינע גליקין אונ פערגעניגען אויף איין טאג ניט, דאכט זיך אקורצע צייט צוריק האב איך גימיינט אז דיא וועלט איז מיינע, גילעבט אזוי רייך אין אזא ראסקאש אונ יעצט פלוצלונג איז מיין וועלט פינצטער גיווארין אונ מיין ליכט גייט אויס פיר מיינע אויגין, וואס טייג מיר דיא רייכקייט אז מיין הערצענס פרייד ווערט ארויס גיריסין מיט גוואלד פון מיינע ארימס אונ מיין הימעל לאזט זיך ארונטער — .

אהא! יעצט שפיר איך וויא ריכטיג עס זיינען דיא קלוגע רייד וואס מיין גוטער פריינד רבינו הקדוש האט מיר ערקלערט, אז דיא מזוזה ערמאנערט דעם מענשין אז דיא אלע תענוגי הזמן זיינען כלים ונפסדים, אונ עקסעסטירען אויף עוויג קען נור דער פערגעניגען פון וויסענשאפט אין געטליכקייט, דאס איז קיינער ניט אימשטאנד אוועק צו רויבען פון מענשין, אונ דיא אלע אונגליקען פון דער צייט קענען דעם פערגעניגען ניט שטערין, אין געגענטהייל וואס מער עס ווערט גימינערט דיא תענוגי הזמן פארגרעסערט זיך אלעס דער תענוג הרוחני*), אבער אז איך בין זייער ווייט פון תענוג רוחני איז גאר ניטא קיין באלזאם צו היילין מיינע וואונדין, אז איך בין אזוי ווייט פון דיר גאט, איך דער מאן דיר קיין מאל ניט, מיט וואס פיר איין העזה זאל איך צופאלין צוא דיר אויס בעטין מיין ליבעס קינד מיין ליכט פון מיינע אויגין, אהא! פינסטער איז מיין וועלט אונ אשטראם טרערין האט ארויס געפליסט פון זיינע אויגין אונ איז שיער אין אונמאכט גיפאלין קוקענדיג וויא עס צופט איהר אונ עס דרייט איהר אונ זיא ארבעט מיט דער גסיסה ר"ל—.

איך מוז באקענען מיין אירטהום — זאגט ער צו זיך — גאט איז גירעכט אונ זיין משפט איז גירעכט ער האט גישריבען אין דער תורה וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך למען ירבו ימיכם וימי בניכם כו' אז אויב איהר וועט היטין מיינע גיבאט, ליב האבען גאט מיט לייב אונ לעבין אונ איהר וועט

דיא

*) וויא מען ערציילט אויף אקלוגע גילערינטע פרוי במדינת ספרד (בשנת ה'רנ"ב אשר היתה עת צרת ליעקב) האט מען גישאכטין איהרע 2 קינדער פיר איהרע אויגען, האט זיא מצדיק הדין גיוועזן אונ גיזאגט „גוטער גאט ביז יעצט האב איך דיר גיליבט נור מיט אהאלבע הארץ ווייל דיא צווייטע העלפט הארץ איז גיוועזן פאר נומען מיט ליבע צו מיינע קינדער, אבער יעצט איז שוין מיין הארץ ליידיג גיווארין פון ליבע צו מיינע קינדער וועט זיא פול ווערין ליבע צו דיר ליבער גאט ואקיים ואהבת את ה"א בכל לבבך".

דִיא פַּרְשִׁיּוֹת שְׁרַייבֶּען אוּנ קוֹבֵעַ זַיין אוֹיף דִיא בַּיישְׁטִידְלֶעךְ פוּן טִיר אַז דָאס זָאל אַייךְ עֶרְאִינֶערִין אַז אַייעֶר הוֹיז אִיז הֵיילִיג צוּ פִירִין זִיךְ אִין גָאטֶעס וֶועג וֶועט אִיר מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער מַאֲרִיךְ יָמִים זַיין, פַארְשְׁטֵייט מֶען פוּן דֶעם דֶעם הֵיפּוּךְ, אַז אוֹיב אִיהר וֶועט דָאס נִיט הִיטֶען וֶועלִין אַייעֶרֶע קִינְדֶער הָאבֶּען קִיצוּר יָמִים ח״ו (שדברי תורה נדרשין מכלל הן לאו) אוּנ אִיךְ בִּין גָאר אַנְטְלָאפִין פוּן דִיא אַנְגִינֶענְמֶע וֶועגִין פוּן דֶער תּוֹרָה אוּנ הָאבּ קֵיין מְזוּזָה נִיט קוֹבֵעַ גִיוֶועֶן בַּייא מִיר אִין שְׁטוּב, אִין דֶער צַייט וָואס אַלֶער הַאנְד שְׁפִּיל-צַאצְקֶעס אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע דוּמְהַייט הָאבּ אִיךְ יָא גִיזֶעהן אַרַיין צוּ בְּרֵיינְגֶען בַּיי מִיר אוֹיס צוּ פוּצִין מִיט דֶעם דִיא זַאלִין אוּנ סְטַאלָאוֶועס אוּנ אוֹיךְ דִיא פֶערֶעדְנֶעס, אוּנ אַזַא לִיבִּין צִירוּנְג וִויא אַמְזוּזָה דָאס הָאבּ אִיךְ גִיוָוארְפִין אִין אַזַייט אוּנ גָאר נִיט גִיוָואלְט קוּקֶען אוֹיף דֶעם, אָה! וִויא דוּם מִיר רַייכֶע לַייט זַיינֶען רִיכְטִיג וִויא קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס שְׁפִּילִין זִיךְ מִיט שְׁטוּמֶע פָּאפֶּעקֶעס אִין לַאלֶקֶעס אוּנ דִיא ווִירְדֶע פוּן אַיין אוּנְשַׁאצְבַּארֶען בְּרִילַאנְט פַאר שְׁטֵייעֶן זֵייא נִיט.

אָט הָאבּ אִיךְ מַיין פְּסַק, אַז מַיין טַייעֶרֶער בְּלוּם וֶוערְט אוֹיס גִירִיסֶען אִין אִיהרֶע רֶעכְטֶע בְּלִיהֶענְדֶע יָאהרֶען, אָה! פִּינְסְטֶער אִיז מִיר, אִיךְ זֶעלְבְּסְט בִּין דֶער מֶערְדֶער פוּן מַיין קִינְד! לִיבֶּער גָאט אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף מַיין בִּיז יֶעצְטִיגֶען פִיהרוּנְג אוּנ וִויל זִיךְ נֶעמֶען אִין גוּטִין וֶועג אוּנ מִיט דִיזֶע וֶוערְטֶער אִיז עֶר צוּ גֶעגַאנְגֶען צוּם שַׁאפֶע אוּנ הָאט אַרוֹיס גִינוּמֶען דִיא מְזוּזָה וָואס רבינו הקדוש הָאט אִיהם גִישִׁיקְט אוּנ הָאט אִיהר אָנְגֶעשְׁלָאגֶען בַּיין טִיר — אִין דֶעם מָאמֶענְט הָאט אִיהר אָבּ גִילָאזִין דִיא צוּפֶּענֶעס אוּנ זִיא הָאט גֶעעֶפִינְט דִיא אוֹיגִין.

אָה! גְרוֹיסֶער גָאט, דַיינֶע וואוּנְדֶער אִיז נִיט צוּא בַּאשְׁרַייבֶּען, דוּא מַאכְסְט פוּן טוֹיט לֶעבֶּעדִיג, אִיךְ בִּין נִיט אִימְשְׁטַאנְדֶע דִיר אָבּ צוּ דַאנְקֶען פִיר דִיא גְרוֹיסֶע מַתָּנָה וָואס דוּא הָאסְט מִיר יֶעצְט גִישָׁאנְקֶען, אָה! וִויא אַנְגִינֶעהם אוּנ לִיבְּלִיךְ זַיינֶען דַיינֶע מִצְוֹת, זֵייא זַיינֶען אַסַם חַיִים (אַיין הֵייל זָאלְבּ), וֶוען קֵיין דָאקְטָאר אִיז נִיט אִימְשְׁטַאנְד צוּ הֵיילִין, הֵיילִין דַיינֶע זִיסֶע גִיבָּאט, אִיךְ נֶעם אוֹיף זִיךְ פוּן הַיינְט אָן צוּ הִיטִין דַיינֶע מִצְוֹת, אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט דִיא לִיבְּלִיכֶע מִצְוָה פוּן מְזוּזָה, אוּנ נִיט אַזוֹיא אִיךְ אַלֵיין וֶועל אִיהר הִיטִין אִיךְ וֶועל נָאךְ סְטַארַאיֶען זִיךְ אַז אַנְדֶערֶע זָאלִין אִיהר אוֹיךְ הִיטֶען וִויא גִיהֶערִיג אִיז, אִיךְ וֶועל אַיין מָאל אִין יָאהר בֶּעשְׁטִימֶען אַצַייט גִיין קָאנְטְרָאלִירֶען אוֹיב אַלֶע אִידִין הָאבֶּען כְּשֵׁרָה מְזוּזוֹת בַּיי זִיךְ, אוּנ בַּייא וֶועמֶען עֶס וֶועט זַיין אַפְּסוּלֶע אָדֶער גָאר נִיט וֶועל אִיךְ מְנַדֵב זַיין פוּן מַיין מַאשׁ מְזוּזוֹת, אוּנ אַזוֹיא אִיז גֶעוֶועֶן וִויא חזל עֶרְצֵיילִין (יומא י״א) מעשה

בארטבון

בארטבון שהי׳ בודק מזוזות כו׳ (עין שדי חמד להחת״ם ה׳ ד״ח סי׳ קל״ה) אז ער האט איספאלנאיעט זיין נדר, אפילו אין אצייט וואס מען האט ניט גלאזט היטין דעם דת האט ער זיך מוסר נפש גיוועהן אונ בודק גיוועהן מזוזות*) אונ האט באצאלט דאפיר שטראף טויזינד גילדין, אזויא איז ער גיוועהן פארקאכט אין דער מצוה פון מזוזה, אונ נאך דיא היסטאריע אז ער האט פריזנאיעט אז דיא מזוזה איז אזא פעריל וואס גאר ניט אב צו שאצין האט ערסט רבינו הקדוש צו גינומען זיין מתנה דעם ברילאנט. אונ מיין מיינונג איז ליבער פאטער ווייל רבינו הקדוש האט גוט גיוואוסט דעם נידעריגען גיפיל פון היינטיגע גבירים אז אלע נארעשקייט, אלע שמאחטעס, שניצונג, פאטרעטין, שטומע בילדער וועלין זייא אנהיינגען אין זייערע זאלין נור ניט דיא אונשולדיגע מזוזה (איך ווייס נים וואס האט זיא אזויא פארזינדיגט?) דרום האט ער איהם אבזיכטליך גישיקט א מזוזה, בכדי איהם אן צומערקין אז דאס שטייט העכער פיר דיינע צירונג אונ ברילאנטין, אונ דוא האסט זיך ניט מיט איהר וואס צו שעמען, אין געגענטהייל ווען דוא זאלסט האבין פארשטאנד דארפ-סטו שטאלצירען מיט איהר אז דער געטליכער הערב ערשיינט אויף דיין הויז וויא אונקלוס הגר האט ערקלערט**).

דיזע

---

*) אזוי האב איך אויך גיזעהען אין ירושלים עה״ק (בשנת תרל״ג) אז אפיינער מאן איז גינאנגען איבער זעהען מזוזות אונ וואו ער האט גיפונען אפסולה מזוזה אונ יענער איז נים גיוועהן אימשטאנד צו צאלין האט ער איהם גינעבין אנייע מזוזה במתנה. אויך אין ווילנא האב איך אמאל גיזעהען אקלוגין מענשין טוענדיג אזוי, ער האט גילאזין שרייבין אייניגע הונדערט מזוזות ביי אסופר אירא שמים, אונ גימאכט בלעכענע שיידלאך אונ גינאנגען מבית לבית איבער זעהען מזוזות אונ גיפונען זייער פיל תקון, אין מאנכע ערטער איז גיוועען גאר פסול פון אנהייב, אונ מאנכע זיינען פסול גיווארין פון אנשלאגין ווייל מען האט ארייין גישלאגין דיא צוועקעס אין דיא אותיות (איך האב דאס אויך כמה וכמה מאל ביי גיוואוינט) אונ מאנכע מזוזות אפילו כשרה זיינען גיוועען אנגישלאגין נאר אויף דיא לינקע זיים פון ארייינגאנג (עס דארף זיין ביי דיא רעכטע זיים פון ארייינגאנג), אונ מאנכע זיינען גיוועען אנגישלאגין גאנץ הויך נאהענט צום אויבערשטין אושאק (עס דארף זיין אספח נידעריגער פון אושאק) אונ מאנכע זיינען גיוועען אנגישלאגין מיטין קאפ אראפ אונ נאך פיל פעלערין וואס קומט פון אונוויסענהיים. אונ וואו מען האט גידארפט אנאיע מזוזה אונ יענער האט נים גיקאנט באצאלין אדער פשוט נים גיוועלט צאלין האט ער איהם גיגעבין אנאיע מזוזה במתנה. אונ הלואי וואלטין זיך גיפינען אין אלע שטעט יראי שמים עוסקי במצות אונ דאס טאן אונ אויך דרשינען ברבים, ערקלערין דעם גידאנק פון מזוזה וויא מיר האבין עטוואס דא ערקלערט וואלט דאס גיוועען אגרויסער זכות הרבים, ווייל ביי פיל מענשין ופשיטא היינטיגע גבירים איז דער גיפיל זייער נידעריג, וויא מיר האט פאסירט איך האב זיך ארייין גיצויגין אין אגרויסין וואהנונג מיט אסך סירין, איך האב איבער גיזעהען דיא מזוזות וועלכע איך האב דארטין גיפונען זיינען זיי גיוועען זייער גימיינע אונ אייניגע כמעט פסולה, האב איך גילאזט שרייבין כשרה מזוזות גיצאלט פאר אייניגע צו 50 ק׳ אונ גימאכט שיידלאך פון מעשינע בלעך. נאכהער איז דער וואהנונג מיר נים בעקוועם גיוועען אונ האב זיך ארוים גיצויגין פון איהם, האט זיך גראדע ארייין גיצויגין אהין דער ווירט פון דעם הויף אגרויסער גביר, פרעג איך איהם פילייכט וועט איהר מיר איין צאלין פיר דיא מזוזות? (כי מי שהבית שלו הוא מחויב במזוזה מדאורייתא מיד) ענטפערט ער מיר ער וועט נים צאלין, פאר אים איז גוט גיוועען דיא אלטע מזוזות וואס פריער איז גיוועען — איך שיינק אייך דיא נאיע מזוזות — ענטפער איך איהם — ניצט זיי גיזונטער-הייד אונ איך האב גילאזט שרייבין נאיע מזוזות. פאר שטייט איהר שיין מיט אקאפ דעם גיפיל פון היינט-מאדישע גבירים! ? איך דיינק אז אין קארטין-שפילין האבין זיי אגרעסערין גיפיל.

**) זעהסטו מיין ליבער לעזער וואס פיר אהייליגע מצוה דיא מזוזה איז, אז לבד דיא גרויסע ווירקונג איהרע אויף דעם כאראקטער פון מענשין ער זאל זיין עהרליך, נים וועלין פארנעמען חלילה אפרעמדע פרוטה איז זיא נאך אגרויסע סגולה אז מען איז מאריך ימים, אונ קליינע קינדער שטארבען נים חלילה. אונ

דיזע היסטאריע פון ארטבון מיט זיין טאכטער, וואס ער האט דערזעהן דעם ריינעם אמת בעת זיין וועלט-סצענע האט זיך געהאט אראפ גילאזין, זעהען מיר גאנץ אפט, אבער ניט אלע האבען אזכות זייא זאלין דאס נאכהער קענען חאפין צוריק, דאס מערסטע היינט-מאדישע גבירים שלאפין איין זייער זיס אין שוים פון דומהייט. יא זייא חאפין זיך אויף אבער צו שפעט, וויא מען ערציילט זייער אשיינע גישיכטע וואס עס איז פאסענד צו דעם גידאנק.

איינער אוויכטיגער מאן האט נושא חן גיוועזן ביי אגרויסין קעניג, דער קעניג האט זיך באשלאסין איהם גליקליך צו מאכין ווען ער וועט ביישטיין ביי אקליינעם נסיון אונ בלייבין ביי זיין פעסטין פארשטאנד, דרום האט ער פיר איהם גיעפינט אויף 3 שטונדען דעם אוצר המלך אונ איהם ערלויבט צו שפאצירען אין איהם אונ באטראכטין אלע אנטיקין, אונ אלעס וואס איהם וועט גיפעלין איז איהם פריי צוא נעמען פיר זיך, דער נסיון איז באשטאנען אין אקלייניקייט, אין פרעדנע פאר דעם אוצר המלך איז געשטאנען אשפיל-קאסטין וועלכער האט גישפילט גאר פארטרעפליכע קוראנטין, דער קעניג האט באפוילין זיין שווייצאר אז גלייך וויא דער גאסט וועט אריין טרעטין אין פרעדנע זאל ער אקוועץ טאן דיא ספרענזינע פון שפיל-קאסטין ער זאל אנהייבען צו שפילען, דעם גאסט איז זייער גיפעלין דיא זיסע קאנצערט פון שפיל-קאסטען אונ האט זיך שטארק פארטיפט אין דיא זיסע קוראנטין ביז וואנען עס איז אוועק אשטונדע אונ 2 שטונדען, וויא עס האט גיהאלטין איין מינוט דער זייגער זאל קלאפין 3, האט דער שפיל קאסטין אויף גיהערט צו שפילין, דאן האט זיך דער גאסט אויס גיצובעט פון זיין זיסען שלאף אונ וויל אריין גיין אין אוצר המלך האט זיך דיא טיר צו געמאכט אונ אשטימע שרייט צו איהם: „וואו בינסטו ביז יעצט גיוועזן? „ווארום האסטו פארגעסין וואס מען האט דיר פארהער גיזאגט אז דעם

אוצר

דער איד דארף זייער שטאלצירין מיט דיא מצוה ווייל זיא ציינגט אויף דיא ליבע פון השם יתברך צו אידין, אז זיין הערב ערשיינט אויף דעם יודיגם הויז, דארום דארף מען זייער פארזיכטיג זיין צו האלטין ריין דעם ארט פון דיא מזוזה, ניט וויא ביי אנדערע אונוויסענדע מענשען שטייט דיא כלי פון שופכין לעבין מזוזה אויך קערט מען צוא דיא מישט פון שטוב לעבין דיא מזוזה, זאל מען נזהר זיין ניט צו טאן דאס, נור האלטין דעם ארט ריין ציכטיג אונ בכבוד וויא דיא הייליגע היסטאריע ערציילט אונז (שמואל ב׳ ו׳) אז גאט האט גיבענטשט דיא הויז פון עובד אדום ווייל זייא האבין גיהאלטין ריין דעם ארט וואו דער ארון-אלקים איז בייא זייא גישטאנען 3 מאנאטין, אונ דער וואס איז נזהר צו האבין אשיינע אכשרה מזוזה אונ איהר האלטין בכבוד איז לבד וואס ער איז מאריך ימים אויף דער וועלט, האט זיא נאך אסגולה וויא דער מדרש (ב״ר פל״ה ע״ש בפי׳ מהרז״ו) שרייבט בשכבך ביי דיין שטארבין תשמור עליך וועט דיא מזוזה דיר בייא היטין אז ווען דיא נשמה פון מענשין גייט ארויס אין אשטוב וואס דארטין איז דא אכשרה מזוזה אונ מען האלט איהר בכבוד ווערט זיא ניט נמסר חלילה אין דיא הענט פון משחיתים נור אין דיא הענט פון מלאכי חסד.

אוצר המלך עפינט מען פאר דיר נור אויף 3 שעה פון זייגער 12 ביז דרייא
דיא גאנצע 3 שטונדען האסטו גיהאט פראוו צו באטראכטין אלעס אונ נעמען
וואס דיין הארץ גילוסט, אונ אז דוא האסט זיך פארטראכט אין פרעדנע
אויף דיא קוראנטין פון שפיל-קאסטען וואס איז נור גישטעלט געווארען
דיר צוא פרובירען אויב דוא פארשטייסט צוא וועלכין ציעל מען האט דיר
היר ארייו גילאזין אונ האסט פארזאמט אלעס ווער איז דיר שולדיג? דוא
האסט אלעס פארזעהען דורך דיין לייכטזיניגקייט אונ אז פארזעהען איז
פארשפילט! — מען קען זעלבסט פארשטיין וויא ווייט דער מענש האט
באדויערט זיין לייכטזיניגקייט אונ זיין אירטהום אז ער האט בידים מאבד
גיוועזן אזא עהרע אונ גליק, וואס ער וואלט זיין גאנצין לעבין גליקליך גיוועזן,
אונ וואלט נאך איבער לאזין פיר קינדער אונ קינדס קינדער—דאס גלייכין
איז מיט דעם מענשין אין קליינעם פארמאט אונ אין גרויסין פארמאט —
אין קליינעם פארמאט? בעת ער קומט אויף אהאכצייט וויס דארטין איז אגוטע גיזו-
לעגינהייט צו שעפין הויכע געטליכע גידאנקען, אם ענדע פרטראכט ער זיך אין די
מוזיק מיט דיא טענץ וויא דער נביא זאגט (ישעי' ה') והי' כנור ונבל תוף
וחליל ויין משתיהם ואת פועל ה' לא יביטו ומעשה ידיו לא ראו! אונ אין
גרויסען פארמאט? דאס איז דיא גאנצע געשיכטע פון מענשין מיט זיין
קומען אויף דיזע וועלט וואס זיא איז אויך גלייך צו איין בי הלולא (איין חתונת זאל)
וואס ער קען דא שעפין געטליכע הויכע געדאנקען אונ פארשאפען זיך
גרויסע אנטיקען פין אוצר המלך (חכמה ודעת, יראת ה' היא אוצרו) אם ענדע פאר-
טראכט ער זיך אין דיא מוזיק אונ דיא נגונים וואס דיא וועלט מיט איהרע
תאוות שפילין איהם אין דיא אויערין*) אונ פארשלעפערט זיין נפש אין א
הארטין שלאף ביז זיין לעצטין טאג, וואס דאן הערט אויף דער שפיעל—
קאסטען זיין קאנצערט ד. ה. בעת ער ליגט אויף זיין טויטע בעט אונ דיא
תאוות מיט דיא גאוות ווערין בטל אונ ער זעהט זיך ארום אין וואס ער
האט אויס גיבראכט זיין וועלט, אונ זיין גאנצע פראצע בלייבט פיר אצווייטין
אונ מאנכע מאל פיר זיינע שונאים, וואלט ער דאן וועלין חאפין צוריק, אבער
עס איז שוין פארפאלין, דער אוצר המלך ווערט צו גימאכט אונ עס
העלפט

*) שמעתי מפי מורי הרב כו' ר' יחזקאל מאיוויע ז"ל שהי' ר"מ בישיבה דז"ק פת עירנו בשם הרב המ"מ ר' זלמן זאב ז"ל לרמז בזה ע"ד צחות במקרא (דברים ד, יב) קול דברים אתם שומעים (מפי מטיפים, ומפי המטיף הגדול הוא הוא הטבע העומד ברום עולם ומשמיעים ביראה יחד בקול דברי אלקים חיים ע"ד השמים מספרים כו' ובכל יום ב"ק יוצא מה"ת כו' וא"כ למה) ותמונה אינכם רואים? למה אינו מצוייר יראת ה' לנגד עיניכם ע"ד שויתי ה' לנגדי תמיד, לזה אומר תשובה לזה יען כי „זולתי קול" היינו קול השפיל-קאסטין כנ"ל ע"ד אלמלא קול המונה של רומי הי' נשמע קול גלגל חמה (יומא כ'), ושפ"י.

העלפט ניט קיין ביט אונ גיבעט, אונ ער מעג אוועק געבין זיין גאנצען קאפיטאל קען ער ניט קויפין קיין 5 מינוט לעבין, מען קען זיך גאר ניט מציייר זיין דיא קריינקונג וואס דער מענש האט בשעת מעשה אז פון צער אליין קען מען אומקומען —. איין גוטען פריינד וואס ער רעטעט אונז פון דיא טרויעריגע סצענע האבין מיר נור דיא מזוזה, וואס זיא שיינט אונז ארויס בולט מיט דעם שם „שדי‟, אונ שרייט צו אונז: „האלט! גענוג! יא מען דארף מאכין גישעפט אונ פירין אוועלט, אבער ניט שטארק איין שלעפערין אין איהר שוים, פאר געס זיך ניט אז דוא שטייסט אין פרעדגע פון אוצר המלך (העות"ז דומה לפרוזדור בפני העוה"ב התקן עצמך כו'), וואס ער איז נור אפין אויף אבעשטימטע קורצע צייט (כי לא ידע האדם את עתו) דרום זאלסטו היטין שטענדיג וואס איך זאג דיר אן (והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך) אונ צוא יעדער זאך וואס דוא טוסט, לייג צוא אריינעם גיפיל ועסטו פון דעם ציהען אהייליגין אלקאהאל (זיטען לעהרנונג אונ מוסר השכל) דאן וועסטו מיט דיינע קינדער מאריך ימים זיין אין גליק אונ פערגעניגען (כימי השמים) איין הימלשין לעבין (על הארץ) אויף דיזע וועלט אויך, אונ נאכהער וועסטו זוכה זיין צום אמת'ן לעבין לחיי העולם הבא וואס איין שעה פערגעניגען דארטען איז העכער אונ וויכטיגער (מכל חיי העוה"ז) פון אלע פירשטליכע פערגעניגען וואס קען נור געבין.

איך האב דיר נאך פיל צו שרייבען, וויא איך האב זייא ערקלערט דיא אדעלע גידאנקען וועלכע מען קען באמערקין פון אחתונה זאל, נור איך בין זייער מיד, עס איז יעצט 3 אוהר ביי נאכט, איך דארף גיין רוהען, אין דיא קינפטיגע בריף וועל איך דיר מיט דעם עוויגינס הילפע אלעס אויס שרייבען. נור איין זאך רעדין איך פיר נייטיג דיר צו באמערקען יעצט ליבער פאטער וואס צוא ענטפערין דיא יעניגע וועלכע וועלען אין מיינע בריף בעגעגינען זייער בילד, אונ איבער הויפט אין דעם לעצטין בריף אונ פילייכט וועלין זייא פאלש אורטהיילין אז איך האב חלילה זיי גימיינט צו באליידיגען פיר אפובליקע, זאלסטו אזוי גוט זיין ליבער פאטער זייא באַ־רוהיגען מיט דיין קלוגען אנטווארט וועלכען דוא האסט מיר גיענטפערט אין מיין יוגענד, בעת דוא בינסט מיט מיר געגאנגען קויפין אויף יום טוב אהיטעלע אונ דער מייסטער האט אבליק גיטאן אויף מיין קעפעלע אונ האט מיר ארויס גיטראגין אהיטעלע ריכטיג אויף מיין מאס, האב איך דיר גיפרעגט פארוואונדערט, פאטער? פון וואנען קען מיר דער מייסטער אזויא גוט אז ער האט גיוואוסט אב צו שטעלין דיא היטעלע ריכטיג אויף מיין מאס?

ניין מיין ליבעס קינד! — וואר דיין אנטוואורט — דער מייסטער קען דיר טאקע ניט און האט גאר ניט גימאכט אבזיכטליך פיר דיר, נור ער מאכט פארשיידענע מאסין פיר דער וועלט, און אז דוא בינסט גיקומען און גיפונען אהיטעלע וואס פאסט אויף דיין מאס ווינשט ער דיר, אז דוא זאלסט טראגען גיזונטער הייד״ — דאס גלייכין דיא וואס וועלין זיך באקלאגין אויף מיין שרייבין קענסטו ענטפערין אז איך קען זייא גאר ניט און מיין זיי ניט, נור איך מאך היטאלאך צוא באצירין דיא וועלט, איך קריטיזיר נור דיא פארדארבענהייט ניט דיא מענשין, ״יתמו חטאים״ דיא זינד זאל אויס גיראט ווערין אבער ניט דיא מענשין חלילה, אין געגענטהייל איך באטראכט יעדער מענשין — אפילו דעם ערגסטין — אין גוטין זייט, וויא דער תנא אין אבות לערינט אונז (אל תהי בז לכל אדם) פער-האס ניט קיין מענשין (שאין לך אדם שאין לו שעה) ווייל יעדער מענש — אפילו דער ערגסטער — קען זיך אקער טאן (מלשון ואל קין ואל מנחתו לא „שעה״) און ווערין אזויא ווייט גוט אז ער זאל נאך לערנען גוטעס לייטין, אזויא וויא אגוטע בארסט (משער חזיר) וואס זיא פוצט און ריינינגט דעם צווייטין, אבוואהל זיא איז גאר פריער גיוועזן אויף דעם קערפער פון גרעסטין אונציכטיגען בעשעפענעס (מי יתן טהור מטמא!) — און אויף ווען מיין היטעלע קליידט, ווינש איך ער זאל איהר טאקע טראגען געזונטערהייט.

און דיר ווינש איך מיין ליבער פאטער, זאלסט זוכה זיין צו זעהען מיט דיינע אויגין וואס דוא האפסט אלע טאג (על כן נקוה לך כו׳) עס זאל נעמען בלאזין אגוטער ווינד פון מזרח, ער זאל סטאליערען דיא פיטומילטע מוחות, אז דיא יעניגע וועלכע פון זייא איז גאר אויס גילאשין דער רוח האמונה והדעת און זיינען געבליבען נור „בני-בשר״ זאלין זייא פון דאס ניי באלויכטין ווערין מיט ליכטיגקייט פון אמונה טהורה, אזוי ווייט אז זייא זאלין נאך פרעדיגען אונד בעקאנט מאכין דיינעם נאמען אונד דיין היילינע תורה פאר דער וועלט (וכל „בני בשר״ יקראו בשמך), אום צו צוא-ווענדין צו דיר אלע אנדערע פערדארבענע וועלכע זיינען נאך היינט פערבלענדעט וויא זיי זיינען אמאל געוועזען (להפנות אליך כל רשעי ארץ, יכירו וידעו כו׳). און ווען מיר זאלין זוכה זיין דאס אויף זייא צוא ערווארטען, אט דאס וואלט זיין אויף זייא אונזער העכסטע נקמה, אדער נחמה.

דיין פרייע עוויגליעבענדע טאכטער מ״א.